STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03718

# DER YIDISHER EKONOMISHER HURBN NOKH DER VELT-MILHOME

Jacob Lestschinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס
און ביוראָ פאַרן יידישן וועלט-קאָנגרעס

BIBLIOTECA

יעקב לעשטשינסקי

# דער יידישער עקאָנאָמישער חורבן נאָך דער וועלט-מלחמה

## אין מזרח- און צענטראַל-איראָפּע

BIBLIOTECA DEL COLEGIO
ISRAELITA DE MEXICO.
SAN LORENZO NUM. 290
MIXCOAC, D. F. - MEXICO

1934 • פּאַריז

PRINTED IN POLAND

Jakób Leszczyński — „Upadek ekonomiczny Żydów
po wojnie światowej"

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

# א י נ ה אַ ל ט

זייט


## אַרײַנפיר. די אייגנאַרטיקייט פון יידישן קריזיס

דער גרונט־מקור פון קריזיס בײַ יידן. — דער סטרוקטור־קריזיס בײַם איבער־גאַנג פון פעאָדאַליזם צו קאַפּיטאַליזם און אין דער תקופה פון צעפאַל פון קאַ־פּיטאַליזם. — ליבעראַליזם און יידן. — די דיפערענצירונג אין יידנטום. — דער איבעררײַס נאָך דער מלחמה. — אַרבעטלאָזיקייט און פּרנסה־לאָזיקייט. — געבונדענע ווירטשאַפט און מלוכה־קאַפּיטאַליזם. — אָרגאַנישער און אָרגאַניזיר־טער וווּקס פון מיטל־קלאַסן. — מלוכה־מאָנאָפּאָלן און יידן. — דער איבערגע־ריסענער געזונטוווערונג־פּראָצעס. — די חורבנות־ירושה פון דער וועלט־מלחמה. — פאַשיזם ווי אַ נאַציאָנאַלע מיטלקלאַס־באַוועגונג. — עקאָנאָמישע און פּאָליטישע איזאָלאַציע. — די יידישע פּראָבלעם — אַ מלוכה־פּראָבלעם. — פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט אָן מאַכט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

## I. דער וווּקס און די פאַרטיילונג פון יידישן פאָלק אין לעצטן יאָרהונדערט

דער וווּקס פון יידישן פאָלק פון 1825 ביז 1930. — יידן אין סלאַוויש־אַראַ־בישן און אין ענגליש־דײַטשן קולטור־פאַס. — מלוכות מיט מער פון 200 טויזנט יידן. — די קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט. — קהילות מיט מער פון 100 טויזנט יידן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 16

## II. די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן אָנהייב 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט

די פּרנסה־מקורים ביי יידן. — דער וווּקס פון פּראָדוקטיווע עלעמענטן. — דער סאָציאַלער בוי בײַ יידן און ניט־יידן. — דער תהום צווישן יידן און ניט־יידן. — דער וווּקס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט . . . . . . . . . . . 21

## III. האַנדל בײַ יידן און אין האַנדל פון פאַרשיי־דענע לענדער

הענדלערס בײַ יידן און ניט־יידן. — אינטענסיווערער וווּקס פון האַנדלס־עלע־מענטן בײַ ניט־יידן. — דער נאָכמלחמהדיקער אָרגאַניזירטער שטורעם אויף די

זייט

„יידישע" פרנסות. — נאציאנאלער באלשעוויזם. — דער פראצענט יידן אין האנדל פאלט. — די קאאפעראציע. — דער נאציאנאלער כאראקטער פון דער קאאפעראציע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 29

IV. לאנדווירטשאפט ביי יידן

די צאל יידן וואס לעבן פון לאנדווירטשאפט. — דער וווקס פון לאנדווירטשאפט־לעכע עלעמענטן. — צוואנג צו לאנדווירטשאפט און פרייע אנטוויקלונג. — קאלאניזאציע אין ווייטע וויסטע געגנטן. — די חלוצים פון אנהייב 19טן יארהונדערט. — די קרבנות און די עקשנות. — דער פסיכישער אפקער פון לופט־ און ווינט־פרנסות. — דער וווקס פון דער צאל האנטווערקערס ביי יידן. — א מיליאן אויסגעוואנדערטע האנטווערקערס. — קאמף פאר בעסערע ארבעט־באדינגונגען. — קאמף פאר אן ארט אין דער פאבריק . . . . . . . . . . . . . 35

V. די ראלע פון עמיגראציע אין יידישן לעבן

דער וווקס פון ווילשטאנד. — רייכע יידן און ארעמע יידנטום. — יידישע אויסוואנדערונג פון דייטשלאנד. — יידן אין דייטשלאנד און אין מזרח־אייראפע. — אפגעשאפטע און ניי־געשאפענע פרנסות. — די גרויסע עמיגראציע־כוואליעס. — הונדערט יאר יידישע עמיגראציע. — די פארלארענע האפענונג. — די אינטענסיווקייט פון עמיגראציע ביי יידן און ניט־יידן . . . . . . . . 41

VI. די ווירקונג פון דער מלחמה און פון די פאגראמען אויפן גורל פון די רוסישע יידן

די געזונט־ווערונג־פראצעסן. — גרויסער דלות. — די מלחמה ווי אן אנהייב פון פורעניותן אן א שיעור. — די פארטרייבונגען פון פראנט. — די פאגראמען. — די גרויסע קרבנות און היזקות . . . . . . . . . . . . 46

VII. די ארגאניזירטע איזאלאציע

די מאדערנע מלוכה און אירע עקאנאמישע פונקציעס. — דער מלוכה־קאפיטאליזם. — די נאציאנאליזירונג פון די שטעט. — די סטודענטישע עקסצעסן. — דאס פאלן פון פראצענט פון די יידישע סטודענטן. — דאס פאלן פון אנטייל פון יידן אין ליבעראלע פראפעסיעס. — יידן אין באאמטנטום. — יידן אין פוילישן האנדל. — יידישע ברויזל־קראמען. — נאציאנאלע קרעדיטן און שטייער־פאליטיק. — צוריק אין געטא. — דער גרויסער יאוש . . . . . . . . . . 50

## VIII. די יידישע מלאכה

די קאפיטאליזירונג פון האנטווערק. — פאבריק-ארבעטער ביי יידן. — די טראגישע לאגע פון מלאכה-פראלעטאריאט. — דער נייער צעכן-געזעץ. — יידישע שילער אין מלוכהשע פראפעסיאנעלע שולן. — יידישע ארבעט ווערט די וואלוולסטע. — די נייע פסיכאלאגיע פון יידישן ארבעטער. — דער קאמף פאר אן ארט אין דער פאבריק. — די לאגע אין ליטע און לעטלאנד . . . 68

## IX. די פאופעריזירונג פון די יידישע מאסן

קבצנים און ארעמע לייט. — דער תהום צווישן ארעם און רייך. — דער שמאלער מיטל-בירגערלעכער פאס צווישן ארעם און רייך. — דער ווּקס פון דער ברייטער קבצנים-באזע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 76

## X. דער יידישער פינאנץ-קאפיטאל אין דייטשלאנד

די צאל און די וואג פון יידן אין מערב-אייראפע. — יידישע פינאנסיסטן אין דייטשלאנד. — די יידישע אנטרייבערס פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג. — דער צעפאל פון דער אגראריש-פאטריארכאלישער דייטשלאנד. — די רעוואלוציאניזירונג פון דייטשן עקאנאמישן און גייסטיקן לעבן. — די רייכסטע מענטשן אין דייטשלאנד. — די ירידה פון יידישן פינאנץ-קאפיטאל. — דער ייד קאן זיך אפטראגן . . . . . . . . . . . . . . . . . 80

## XI. יידן אין באאמטנטום און אין ליבעראלע פראפעסיעס אין דייטשלאנד

רייכע יחידים און ארעמע מאסן. — די שוואכקייט פון דייטשע הערשער צו יידישע פינאנסיסטן. — די פארמלוכהשאפטלעכונג פון דער ווירטשאפט. — יידן אין באאמטנטום. — דער גרויס-קאפיטאליסטישער שפיגל פון דייטשן יידנטום. — יידן אין די ליבעראלע פראפעסיעס. — באיקאט פון דער יידישער אינטעליגענץ. — יידן אין דער מזרח-וואנט פון דער דייטשער אינטעליגענץ. — די דעקלאסירונג פון יידישן מיטל-קלאס. — דער דראנג צו ארבעט. — צוויי מאסן פאר ארעם און רייך. — די נשמה-טראגעדיע פון דייטשן יידנטום. — געטא אן יידן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 87

## XII. דער ביאלאגישער ווערט פון דייטשן יידנטום

עלטער-באשטאנד ווי דער קריטעריום פון פיזישן ווערט. — דאס פאלן פון געבורטן און דאס שטייגן פון שטארביקייט. — די עמיגראציע פון די יונגע

עלעמענטן. — וויפיל זיינען איצט פאַראַן ייִדן אין דײַטשלאַנד? — די איבער־געקערטע עלטער־פּיראַמידע. — די אַפּוואַנדערונג פון די פריִערדיקע מזרח־ייִדן. — די געצוווּנגענע קאָנצענטרירונג אין די גרויסע שטעט. — דער פיזיש־אָפּגעשוואַכטער אָרגאַניזם פון דײַטשן ייִדנטום. — זײַנע קולטור־פּסיכישע אוצרות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 101

## XIII. די טאָפּעלע בוכהאַלטעריע אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער דײַטשער רעגירונג

די אַמאָליקע הבטחות און די איצטיקע ווירקלעכקייט. — די ייִדישע אויסוואַנדערונג איז געוווּנטשן און ניט־געוווּנטשן. — דער טראַגישער פּלאָנטער מיט ייִדישע „פּאַטריאָט־פירערס". — די קאָמפּראָמיס־פּאָליטיק בנוגע דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע. — די מיניסטערשע הבטחות און שבועות וועגן גלייכבאַרעכטיקונג אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט. — די פּראַקטישע אַרויסשטויסונג און איזאָלירונג. — די אַרישע קאָנפעקציע־אויסשטעלונג. — די ייִדישע אָנגעשטעלטע בײַ אַריער. — אַרישע אָנגעשטעלטע בײַ ייִדישע פירמעס. — ליקווידאַציע פון ייִדישע פירמעס. — פרעמד־ראַסיקע טאָרן ניט אַרבעטן בײַ פּויערים. — דער אַריער־פּאַראַגראַף בײַם אַרבעט־פראָנט, — בײַם פאַרבאַנד פון האַנדלס־פאַרטרעטערס. — און בײַ די מעקלערס. — און אויפן בהמות־מאַרק. — אומפאַרשעמטע צביעות. — נאָר פאַררעטערס קויפן בײַ ייִדן. — אַ געטאָ אויפן מאַרק. — קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר קויפן בײַ ייִדן. — דער דערגרייכטער אידעאַל . 107

## XIV. די קאַטאַסטראָפע בײַ די ייִדישע ליבעראַלע פּראָפעסיעס

האַרמאָניע צווישן געזעץ און פּראַקטיק. — צי זײַנען נאָך געבליבן ייִדישע באַאַמטע? — אַרויסגעוואָרפענע אַדוואָקאַטן, נאָטאַרן, ריכטערס און פּראָקוראָרן. — ייִדישער ריכטער געזידלט און באַליידיקט אין געריכט. — אַליין־ליקווידאַציע. — ייִדישע דאָקטוירים אין די קראַנקן־קאַסעס. — ייִדישע דאָקטוירים עמיגרירן. — די לאַגע פון די אַרישע דאָקטוירים פאַרבעסערט זיך ניט. — דער אַריער־פּאַראַגראַף אין דער מעדיצין. — אַרישע צאָן־טעכניקער. — 7000 ייִדישע מעדיצינער פאַרלירן זייער ברויט. — הונדערט־פּראָצענטיקע אַרבעטלאָזיקייט בײַ ייִדישע אַרטיסטן, מוזיקאַנטן און זינגערס. — ריין־בלוטיקער אַרישער ממזר משגיח איבער די ייִדישע טעאַטערס. — די טראַגישע לאַגע פון ייִדישע ליטעראַטן און געלערנטע. — ייִדיש־דײַטשע געלערנטע אין אַלע עקן וועלט. — מאַטעריעלער

זייט

דלות און גייסטיקער יאוש. — דער יונגער יידישער דור. — דאָס ניי־
געשמידטע לעבן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 127

* *
*

דאָס יידנטום אין קלעם. — מלוכה און נאַציע. — עקאָנאָמישער נאַציאָנאַליזם. —
דער אָרגאַניזירטער ארויסשטויס אין אייראָפּע. — די לאַגע אין אַמעריקע. —
ווו איז דער אויסוועג? . . . . . . . . . . . . . . . . . . 151

# ליטעראַטור


בלעטער פאַר אידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָ-נאָמיק. בערלין 1923—1925.

שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, ארויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ב. I, בערלין 1928. ב. II, ווילנע 1932.

„וואָ-בלעטער, ב. I — VI. ווילנע 1931 — 1934.

יעקב לעשטשינסקי — דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן, בערלין 1922.

יעקב לעשטשינסקי — די אָנהויבן פון דער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַ-ציע ביי יידן אין 19טן יאָרהונדערט. בערלין 1929.

יעקב לעשטשינסקי — די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן אין פוילן. בער-לין 1932.

ל. הערש — די יודישע עמיגראַציע, ווילנע 1914.

Zeitschrift für Demographie und Statistik der Juden. Berlin 1905 — 1931.

A. Ruppin. Soziologie der Juden. Berlin 1930.

J. Lestschinsky. Probleme der Bevölkerungsbewegung bei den Juden. „Metron" Jhrg. 1926, Heft I—VI. Padova.

—. Jüdische Wanderungen. „Weltwirtschaftliches Archiv", Kiel, 1927 — 1928.

—. Die Umsiedlung und Umschichtung des jüdischen Volkes im Laufe des letzten Jahrhunderts. „Weltwirtschaftliches Archiv", Kiel 1929 — 1930.

—. Das wirtschaftliche Schicksal des deutschen Judentums. Ber-in, 1933.

H. Silbergleit. Die Bevölkerung- und Berufsverhältnisse der Juden im deutschen Reich. Berlin, 1930.

W. Sombart. Die Juden und das Wirtschaftsleben, Leipzig, 1911.

A. Marcus. Die wirtschaftliche Krise der deutschen Juden, Berlin, 1931.

K. Zilenziger. Die Juden in der deutschen Wirtschaft, Ber-lin, 1930.

די אָפיציעלע סטאַטיסטישע פובליקאַציעס פון די סטאַטיסטישע אַמטן פון דייטש-לאַנד, פוילן, ליטע, לעטלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע.


---

דער מחבר האָט אין זיין שילדערונג פון דער יידישער עקאָנאָמיק ניט אַריינגענומען די יידן אין ראַטן-פאַרבאַנד, ווייל דאָרט זיינען די לעבנס-פאַרהעלטענישן אין תוך אַנדערע, ווי אין די יידישע ישובים אין גאַנץ אייראָפּע.

# דער יידישער עקאָנאָמישער חורבן
# נאָך דער וועלט-מלחמה

BIBLIOTECA
"J. B. TAFELOV"
ביבליאָטעק
ח. ב. טאַפעלאָוו"

# אַ ר י י נ פ י ר

## די אייגנאַרטיקייט פון יידישן קריזיס

דער קריזיס, וואָס עס מאַכט איצט דורך דאָס יידנטום אין גאָר דער וועלט, איז בלי ספק מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיטן וועלט=קריזיס און איז אַ דירעקטער פועל=יוצא פון אים. און דאָך מעג מען ריידן וועגן אַ ס פ ע צ י פ י ש ן יידישן קריזיס, אַ קריזיס, וואָס האָט געשלאָגן דאָס וועלט=יידנטום ווי אַזעלכס, ווי אַ פאָלק, וואָס שיידט זיך אונטער פון אַלע פעלקער פון דער וועלט סײַ דורך זײַן סאָציאַלער סטרוקטור און סײַ דורך זײַן פאָליטישער לאַגע. מיר ריידן וועגן אַ קריזיס אין וו ע ל ט=יידנטום, ווײַל אַלע יידן כמעט אין אַלע לענדער, חוץ גאָר ווינציק אויסנאַמען, זײַנען פון אים אַרומגעכאַפּט, לײַדן פון זײַנע קרענק און זוכן אַן אויסגאַנג פון אים. אין איין לאַנד מער, אין אַ צווייטן ווינציקער; אין איין לאַנד טרעט אַרויס שאַרפער דער פּאָ=ליטישער מאָמענט, אין אַן אַנדערן מער דער עקאָנאָמישער מאָמענט, — נאָר כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט מאַכן יידן דורך איין און דעם זעלביקן פּראָצעס: דעקלאַסירונג, אַרויסשטויסונג, פּאַופּעריזאַציע. אמת, פון דעקלאַסירונג, פּאַופּעריזאַציע לײַדן אַלע פעלקער, וואָס זײַנען פאַרכאַפּט פון דעם קריזיס, נאָר בײַ יידן איז דער פּראָצעס לא די וואָס אויסגעוואַקסן אין גרעסערע מאָסן, נאָר ער האָט אויך אָנגענומען שאַרפערע און גאָר אייגנאַרטיקע, ס פ ע צ י פ י ש ע פאָרמען — די אַרויס=שטויסונג פון אַ סך ווירטשאַפט=צווײַגן האָט זיך דאָך אָנגעהויבן בײַ זיי נאָך פאַרן קריזיס און ניט=אָפּהענגיק פון קריזיס. פאַרשיידענע טיילן פון יידישן פאָלקלעבן בײַ פאַרשיידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע תנאים, פונדעסטוועגן האָבן די שאַרפקייט און די אייגנאַרטיקייט פון יידישן קריזיס אומעטום איין און דעם זעלביקן וואָרצל, איין און דעם זעלביקן מקור: דאָס איז די אָפּגעריסנקייט פון דער ערד, די עקסטערי=טאָריאַליטעט, דאָס לעבן אין אַלע לענדער פון דער וועלט ווי אַ מיעוט, אָט די, אַזוי צו זאָגן, „אומנאַטירלעכע" סאָציאַלע סטרוקטור פון יידנטום

(דער רעזולטאַט פון צווייטוויזנט־יאָריקן גלות), דאָס וואָס אין יידנטום פון איטלעכן לאַנד זײַנען שטאַרקער פאָרגעשטעלט גראָד יענע סאָציאַלע קלאַסן, וואָס בײַם איצטיקן איבערגאַנג פון איין עקאָנאָמישער סיסטעם צו אַ צווייטער זײַנען זיי די ערשטע און גרעסטע קרבנות פון דעם איבערגאַנג.

דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם באַגלייט דאָס יידישע פאָלק זיין גאַנצן לאַנגן גלות־וועג. אַפילו ביי איטלעכן קאָניונקטוראַלן קריזיס פלעגן די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס צעשטערן די רעזולטאַטן פון דער אײַנגלידערונג און אַריינוואַקסונג אין דער אַרומיקער עקאָנאָמישער סביבה, וואָס דאָס יידנטום האָט געהאַט דערגרייכט אין דער צייט פון „שלום". פלעגט אָבער אָנשטיין אַ סטרוקטור־קריזיס, פלעגן דעמאָלט די דאָזיקע כוואַליעס פאַרפלייצן די יידישע גאַסן מיט שטראָמען בלוט, אַראָפּברעכן און אַרויסרײַסן מיט די פונדאַמענטן די פאַרנומענע יידישע פּאָזיציעס. דער איצטיקער קריזיס אָבער, וואָס איז געקומען נאָך דער מלחמה, ווי אַן אייגנאַרטיקע פאַרפלעכטונג פון אַ סטקרוקטור־קריזיס, וואָס זיין גלײַכן האָט די געשיכטע פון דער מענטשהייט ניט אויפצו־ווײַזן, מיט אַ ביז גאָר שווערן קאָניונקטור־קריזיס, אַ קריזיס פון אַזאַ גרייס, וואָס איז טאַקע נאָך קיין מאָל ניט געזען געוואָרן — לויט דער צאָל פעלקער און מלוכות, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט, און לויט דער גוואַלדיקער צאָל פון מענטשן־מאַסן, וואָס זײַנען מיטגעריסן געוואָרן מיט זײַן שטראָם, — אָט דער דאָזיקער קריזיס גראָבט אונטער די עצם פונ־דאַמענטן פון עקאָנאָמישן זײַן פון יידנטום און גיט דעם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם אַזאַ שוווּנג, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט.

ביי איטלעכן איבערגאַנג פון איין עקאָנאָמישער סיסטעם צו אַן אַנדערער בלײַבן גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג אַרויסגעשטופּט פון דעם פּראָדוציר־פּראָצעס אָדער זיי באַקומען לכתחילה ניט קיין צו־טריט צו אים. די דאָזיקע „איבעריק" געוואָרענע מאַסן זײַנען טאַקע דער בולטסטער סימפּטאָם פון די פאַרעלטערטע פאָרמען פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און זיי זיינען אויך די הויפּט־טרעגער פון דעם קאַמף קעגן אָט די פאַרעלטערטע פאַרהעלטענישן. בעת דעם איבערגאַנג פון די פעאָדאַלע פאָרמען פון עקאָנאָמישן לעבן צו די קאַפּיטאַליסטישע איז דאָס רוב „איבעריקע" עלעמענטן באַשטאַנען פון פויערים אָן ערד אָדער מיט ווינציק ערד, באַזונדערס פון זייערע יונגטלעכע פאָרשטייער, וואָס האָבן ניט געפונען קיין אָנווענדונג פאַר זייערע כוחות אין דעם איבער־באַפעלקערטן דאָרף, אין דער מיט אַרבעטס־קראַפט איבערגעלאָדענער אַגראַר־ווירטשאַפט. אין אונזער צײַט ווערט דער הויפּט־קאָנטינגענט פון

די „איבעריקע" מענטשן צונויפגעשטעלט פון שטאַטישע עלעמענטן, פון צווישן דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט און דעם בדלות געוואָרענעם מיטל־קלאַס.

דער דאָזיקער גרונד־אונטערשייד צווישן דעם סטרוקטור־קריזיס פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט פון 18טן און אָנהייב 19טן י"ה און צווישן דעם איצטיקן קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט אַ גוואַלדיקע באַדייטונג אויף צו פאַרשטיין די באַזונדערקייטן פון דעם איצטיקן יידישן קריזיס, פאַרוואָס ער איז אַזוי שאַרף, פאַרוואָס עס זײַנען ניטאָ קיין אויסקוקן אַרויסצוגיין פון אים אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

דער איבערגאַנג פון פעאָדאַליזם צום קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן די מעגלעכסט גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידנטום. ער האָט צוערשט דערהויבן די פּראָפעסיעס, וואָס יידן האָבן זיך פאַר־נומען מיט זיי זינט יאָרהונדערטער, אויף דער מדרגה פון נאַציאָנאַל נוציקע און מלוכהשאַפטלעך וויכטיקע פונקציעס; די אָפּגעפרעגטע און פאַרהאַסטע „יידישע" באַשעפטיקונגען — האַנדל, פאַרמיטלונג, פינאַנציעלע אָפּעראַציעס — זײַנען דאָס ערשטע מאָל געוואָרן באַשעפטיקונגען פון ברייטע שיכטן אויך פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג און האָבן אויפגעהערט צו זײַן די „מיאוסע פּריווילעגיע" פון יידן. דורך דעם איז געקומען אַ סוף צו דער עקאָנאָמישער אויסנאַם־לאַגע און צו דער איזאָ־לירטקייט פון יידנטום.

די קאַפּיטאַליסטישע תקופה האָט אויפגעעפנט אַ ברייט פעלד פאַר דער האַנדלס־געניטשאַפט און פאַר די פינאַנציעלע פעיִקייטן, וואָס יידן האָבן זיך אָנגעשאַפט אין משך פון דורות. דער ליבעראַליזם און די דעמאָקראַטיע, וואָס האָבן צעשטערט די מחיצות און צווישנשיידן צווישן די מיטלעלטערלעכע שטאַנדן, האָבן אויך בטל געמאַכט די יידישע אָפּ־געזונדערטקייט און האָבן דאָס ערשטע מאָל נאָך יאָרהונדערטער פון גלות געשאַפן גינסטיקע תנאים דערפאַר, אַז די יידישע סאָציאַלע גרופּעס און קלאַסן זאָלן אָרגאַניש זיך דערנעענטערן צו די געהעריקע עלעמענטן פון די מערהייט־פעלקער. פאַרן עקסטעריטאָריאַלן יידנטום, אַ פאָלק אָן אַ מלוכה, אָן ערד, וואָס באַשטייט דערהויפּט פון אַ שטאָטישן עלעמענט, זײַנען געווען גינסטיק אין העכסטן גראַד די עקסטענסיווע טענדענצן פון דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט פאַראייניקט און צונויפגעשמאָלצן אין איינ־הייטלעכע מלוכהשע איינסן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס און אָפּגע־מעקט די אָרטיקע קאָלאָריטן, אָפּגעשאַפט די שפּראַכלעכע פונאַנדערשיידן און מחיצות.

דערפאַר טאַקע איז קיין יאוש ניט געווען צו מערקן אינעם יידנטום אין יענער צײַט, הגם אויך בעתן פאַלן פון פעאָדאַליזם איז געווען אַ גרויסער קריזיס, בעת צענדליגער טויזנטער יידישע משפחות זײַנען געבליבן אָן חיונה אין די דערפער און שטעטלעך, ווו זיי זײַנען געווען שענקערס, אַרענדאַרן, פריצישע פאַקטערס און קליינע פאַרמיטלערס. די היסטאָרישע טענדענצן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג ניט בלויז פון אייראָפּע, נײַערט אויך פון גאָר דער וועלט זײַנען געגאַנגען אויף דער ליניע, וואָס איז געווען גינסטיק פאַרן יידנטום, די גאַנצע געניטשאַפט, וואָס יידן האָבן געהאַט אָנגעקליבן, זייער פאַרשפּיצטער שכל און פסיכישע בויגעוודיקייט — דאָס זײַנען געווען יענע מעלות, וואָס האָבן גוט געקאָנט אויסגענוצט ווערן אין דעם אויפבוי=פּראָצעס פון דער נײַער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אָבער ניט נאָר אין דעם פּרט איז דער מצב געווען גינסטיק פאַר דעם אויפבלי פון יידנטום. גראָד אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, בעת בײַ אַלע פעלקער זײַנען אויסגעוואַקסן די סוחרישע און פאַרמיטלערישע עלעמענטן, האָט דאָס יידנטום דווקא זיך דיפערענצירט און האָט דאָס ערשטע מאָל אין אייראָפּעישן גלות אויסגעטיילט באַדײַטיקע מאַסן אַרבעטנדיקע עלעמענטן, ניט בלויז שטאָטישע, נײַערט אויך לאַנדווירטשאַפטלעכע. אַזוי אַרום איז די טיילווײַזע אויסגלײַכונג פון יידנטום מיט די אַרומיקע פעלקער אַ רעזולטאַט ניט בלויז פון דעם, וואָס „גויים" האָבן זיך גענומען פאַר „יידישע" פּרנסות, נאָר אויך פון דעם, וואָס יידן האָבן זיך געווענדט צו „גוישע" אַרבעטן. אָבער אָט די פּראָדוקטיווירונג פון די יידן אין 19טן י"ה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן סיי דורך דעם געוואַלדיקן וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, סיי דורך דער אַלץ שטײַגנדיקער קאָנקורענץ אין די „יידישע" פּראָפעסיעס מצד דער ניט=יידישער באַפעלקערונג, האָט ניט אָפּגעשאַפט דעם תהום צווישן דער סאָציאַלער סטרוקטור פון יידן און ניט=יידן. זי האָט דעם תהום היפּש פאַרשמעלערט און פאַרשאָטן, זי האָט עטוואָס געזינטער געמאַכט דאָס יידישע לעבן, געמאַכט דאָס אַ ביסל „נאָרמאַלער", נאָר געבליבן איז פאָרט אַ תהום. אָט דער פּראָצעס פון געזונט=ווערונג פון יידישן לעבן, וואָס איז פון צײַט צו צײַט איבערגעריסן געוואָרן דורך רעצידיוון פון אַנטלויפן פון פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס צו ניט=פּראָדוקטיווע, איז מיט איין קלאַפּ אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער מלחמה.

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג נאָך דער מלחמה האָט געשאַפן אין גאַנץ אייראָפּע גאָר נײַע תנאים פאַרן יידנטום. די דאָזיקע תנאים זיינען לא די וואָס ניט געווען גינסטיק פאַרן היסטאָרישן פּראָצעס

פון דעם געזונט=ווערן פון זײַן סאָציאַלער סטרוקטור, נאָר זיי האָבן אין גאַנצן חרוב געמאַכט די עקסיסטענץ=יסודות פון אַלע קלאַסן אין יידנ=טום. עס לײַדן דערבײַ סײַ די אַרבעט=קלאַסן סײַ די ניט=אַרבעטער. דאָס יידישע בירגערטום איז געוואָרן אַ „לומפּן=בירגערטום", פּונקט ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן אַ לומפּן=פּראָלעטאַריאַט. בעת ווען בײַ דעם רוב פעלקער לײַדן פון קריזיס דער עיקר די פּראָלעטאַרישע קלאַסן, וואָס זײַנען פּאָליטיש און פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירט און זײַנען פאַרזאָרגט מיט אַ עקסיסטענץ=מינימום מצד דער מלוכה, לײַדן בײַ יידן קודם=כל די גרויסע מאַסן מיטעלע און קליינע בירגער, וואָס זײַנען ניט אָרגאַניזירט און מיט קיין שום מינימום ניט פאַרזאָרגט. אויך די לאַגע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז ניט צו פאַרגלײַכן מיט דער לאַגע פון דעם ניט=יידישן. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז אַ האַנטווערקער=פּראָ=לעטאַריאַט, און אין אַ סך לענדער קאָן ער ניט געניסן פון דער מלוכה=פאַרזיכערונג קעגן אַרבעטלאָזיקייט (פּוילן, רומעניע).

דער נײַער נאָך=מלחמהדיקער מצב אין אייראָפּע איז באַדינגט, פון איין זײַט, דורך דער העכערער אַנטוויקלונג=סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם, דער אַזוי גערופענער „געבונדענער ווירטשאַפט" מיט איר העכסטער פאָרם, דעם מלוכה=קאַפּיטאַליזם, וואָס איז דער געפערלעכסטער פאַר יידן, און, פון דער אַנדער זײַט — דורך דעם וואָס אייראָפּע איז צעפאַלן געוואָרן אויף אַ סך קליינע נ א צ י אָ נ א ל ע מלוכות. די קרייצונג פון אָט די צוויי ערשײַנונגען גיט דעם מאַקסימום נעגאַטיווע זײַטן פאַר די יידן פון די דאָזיקע מלוכות. ערשטנס, ווערט אין די דאָזיקע קליינע מלוכות די פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע פּאָליטיק געפירט מיטן ציל צו שאַפן אַ שטאָטישע באַפעלקערונג פון צווישן דעם נאַציאָנאַלן רוב, צו שאַפן אַן אייגענעם האַנדלס=קלאַס און אַן אייגענעם קלאַס פון פרײַע פּראָפעסיעס. צוליב דעם ווערט אויסגענוצט דער קרעדיט און שטײַער=אַפּאַראַט פון דער מלוכה אויף אַרויסצו=שטופן די יידן פון די דאָזיקע פּראָפעסיעס. צווייטנס, אָט די נײַ=געבילדעטע מלוכות, אין זייער שטרעבונג צו מאַכן זיך אומאָפּהענגיק פון די שכנישע אינדוסטריעלע מלוכות, מיען זיך צו שאַפן אַן אייגענע אינדוסטריע, און היות ווי זיי קומט אויס צו שטיין אונטערן פײַער פון סטרוקטור=קריזיס פון דעם קאַפּיטאַליזם, נוצן זיי אויס באַלד, שוין אין די ערשטע מדרגות פון זייער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, די העכסטע פאָרם פון קאַפּי=טאַליזם: זיי שאַפן מלוכה=מאָנאָפּאָלן און קאָנצעסיעס, טרעסטן און קאָנ=צערנס, פירן דורך די פאַרשטאַטלעכונג פון דער קרעדיט=סיסטעם אָדער שטעלן זי אַוועק אונטערן מלוכה=קאָנטראָל; זיי שאַפן מלוכה=אָרגאַנען צו רעגולירן דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט, אָרגאַניזירן די אויסאַרבעטונג

און דעם פּאַרקויף פון די אַרטיקלען פון די מאָנאָפּאָליזירטע ווירטשאַפט=צווײַגן. אַזוי אַרום האָבן די יידן אין די דאָזיקע מזרח=אייראָפּעישע מלוכות, וואָס האָבן זיך געבילדעט נאָך דער מלחמה, קיין מעגלעכקייט ניט אָנצווווענדן זייערע כּוחות און זייער אָנגעקליבענע געניטשאַפט גראָד אין יענע ווירטשאַפט=צווײַגן, וואָס צו זיי זײַנען זיי היסטאָריש צוגעגרייט און וואָס אין זיי האָבן זיי אין מערב=אייראָפּע אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שאַפונגס=קראַפט און געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע.

דאָס שלאַכט=פעלד פון עקאָנאָמישן קאַמף האָט אַזוי אַרום אינגאַנצן זיך איבערגעביטן. אָנשטאָט פרײַ קעמפנדיקע, פּאָליטיש גלײַכבאַרעכטיקטע עקאָנאָמישע איינסן, ווו עס האָבן געשפּילט די הויפּט=ראָלע פּערזענלעכע פעיִקייטן, ענערגיע, אָנגעקליבענע פּראָפעסיאָנעלע געניטשאַפט, דאָס קענען קאָמבינירן און פּאָרויסזען, האָבן איצט פאַרנומען דעם פּלאַץ ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס פון טרעסטן און קאָנצערנס אָדער, וואָס ערגער פאַר יידן, ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס פון די רעגירונגס=אָרגאַנען. שוין דאָס אַליין, וואָס עס זײַנען אויפגעקומען געבונדענע פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם, האָט גורם געווען צו דער פאַראָרעמונג און פּראָלעטאַריזירונג פון די מיטל=קלאַסן, וואָס בילדן בײַ יידן אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט, ווי בײַ ניט=יידן. נאָר די דאָזיקע אַלגעמיינע סאָציאַלע ערשײַנונג האָט פאַר יידן זיך אַרויסגעוויזן נאָך מער טראַגיש דערפאַר, ווײַל אויך די פּראָלעטאַריזירונג פון די יידישע מאַסן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אומבאַשרײַבלעכע שוועריקייטן: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יידן האָבן לחלוטין ניט קיין צוטריט אין די מלוכהשע קאַנצעלאַריעס און אין די מלוכהשע אונטערנעמונגען; אַז אין די טרעסטן און קאָנצערנס האָט די יידישע אַרבעט כּמעט קיין אָנווענדונג ניט.

דער פּראָצעס פון אַרויסשטופּן יידן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דעם איצטיקן עקאָנאָמישן קריזיס. אין פּעריאָד פון עקאָנאָמישער אויפלעבונג האָט ער זיך אַזוי ניט געשפּירט, — נאָר באַלד ווי עס איז געקומען דער קריזיס, וואָס האָט אומעטום אַרויסגערופן נאָך אַ שטאַרקערע אַרײַנמישונג פון די רעגירונגס=אָרגאַנען אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, האָט די דאָזיקע אַרויסשטופּונג אָנגענומען מיטאַמאָל קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען. די אַרײַנמישונג פון די רעגירונגען האָט ניט בלויז אָפּגענומען בײַ די יידן=אונטערנעמער יענע אויבערהאַנט, וואָס עס האָט זיי געגעבן דער פרײַער מאַרק און וואָס האָט צום טייל קאָמפּענסירט זייער פאַקטישע ניט=גלײַכבאַרעכטיקונג, נאָר זי האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלע יידן זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אַן אויסנאַם=לאַגע. אַזוי למשל האָט דער

טאַבאַק־מאָנאָפּאָל, וואָס איז אײַנגעפירט געוואָרן אין אייניקע מלוכות, ניט נאָר געבראַכט דערצו, אַז איין אָדער צוויי צענדליגג יידישע פאַב־ריקאַנטן האָבן פאַרלאָרן זייערע גוטע געשעפטן, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ קליינע צרה, נאָר עס זײַנען אויך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן די יידישע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער פון די טאַבאַק־פאַבריקן, עס האָבן פאַרלאָרן זייער ברויט די יידישע אַגענטן אויף אײַנצוקויפן דעם טאַבאַק־רוי־וואַרג, די יידישע טאַבאַק־הענדלער. מיט איין וואָרט, אַ גאַנצער ווירטשאַפט־צווייג, וואָס יידן האָבן געשאַפן (ניט בלויז דער יידישער קאַפּיטאַל, נאָר אויך די יידישע אַרבעט) און וואָס צענדליגגער יאָרן איז ער גע־בליבן כמעט אויסשליסלעך אין זייערע הענט און האָט מפרנס געווען אַ סך טויזנטער משפחות, איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון יידישע הענט.

אין דײַטשלאַנד איז די אויסשליסונג פון יידן פון אַלע געביטן פון ווירטשאַפט־לעבן געוואָרן די אָפיציעלע רעגירונגס־פּראָגראַם און זי ווערט דורכגעפירט אין אַ ברייטער מאָס מיט דער הילף פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט. אָבער אַפילו דאָרט, ווו קיין אָפיציעלער פּאָליטישער אַנטי־סעמיטיזם איז ניטאָ, ווערט דורכגעפירט גאַנץ אינטענסיוו אַן עקאָנאָ־מישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס דערלאַנגט יידן די שווערסטע קלעפּ.

אין אַלע נײַ־אויפגעקומענע מלוכות ווערן יידן פּאַקטיש ניט צו־געלאָזט צו מלוכה־דינסט. אָביעקטיוו ווערט געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז אין די דאָזיקע אַלע מלוכות ווערט דער יידישער סוחר און אונטער־נעמער באַוואוּלט בײַם אַרויסגעבן כלערליי דערלויבענישן אויף אַרויס־פירן אָדער אַרײַנפירן סחורות אָדער בײַם אײַנטיילן וואַלוטע וכדומה; יידישע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער ווערן אויסגעמיטן בײַם אָננעמען אויף שטעלעס אין די מאָנאָפּאָליזירטע אָדער פון דער מלוכה קאָנטראָ־לירטע ווירטשאַפט־צווײַגן; אַלע יידישע קלאַסן ווערן באַוואוּלט בײַם פונאַנדערטיילן קאָנצעסיעס, ביים פונאַנדערלייגן שטײַערן אאַז"וו.

אויך צום אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָט דאָס יידנטום זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון נויט און דלות. אין זייער גרעסטן רוב זײַנען יידן געווען פריערדיקע אונטערטאַנען פון פּוילן און האָבן צוזאַ־מען מיט איר איבערגעלעבט די חורבנות, וואָס האָבן געבראַכט צום צעפאַל פון דער דאָזיקער מלוכה. ערשט אין דער תקופה פון פּאָליטישן ליבעראַליזם און ווירטשאַפטלעכן אינדיווידואַליזם, וואָס הייבט זיך אָן אין דאָזיקן יאָרהונדערט, האָט געגומען כסדר וואַקסן דער עקאָנאָמישער וווילשטאַנד פון די יידישע מאַסן און די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידנטום האָט גע־נומען געזונט ווערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיפערענצירונג אין יידישן פאָלק: עס זײַנען אויפגעקומען גרויס־און מיטל־בורזשואַזע קלאַסן,

וואָס זײַנען געווען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויק־לונג פֿון די לענדער, ווו זיי האָבן געוווינט, און זײַנען עקאָנאָמיש אַלץ מער צונויפֿגעוואַקסן געוואָרן מיט די געהעריקע קלאַסן פֿון דער ניט־יידישער באַפֿעלקערונג; עס האָט זיך געבילדעט אַ יידישער פּראָלע־טאַריאַט (פֿון האַנטווערק און קליין־אינדוסטריע), וואָס איז אָרגאַניש אַרײַנגעוואַקסן אין דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקע־רונג; עס זײַנען אויסגעוואַקסן באַדײַטיקע מאַסן זעלבשטענדיקע אַרבעטס־עלעמענטן — בעלי־מלאכות און ערד־אַרבעטער; עס האָט זיך באַוויזן אַ קלאַס פֿון פרײַע פּראָפֿעסיעס. עס האָט געהאַלטן דערבײַ, עס זאָל אינגאַנצן בטל ווערן דער קלאַס „לופֿט־מענטשן“, וואָס האָט פֿאָרגע־שטעלט דעם כאַראַקטער־שטריך פֿון יידנטום פֿון 18טן און פֿון דער ערשטער העלפֿט 19טן י״ה. עס איז בטל געוואָרן דער קלאַס שענקאַ־רעס און פּריצישע פֿאַקטערס, וואָס האָבן נאָך מיט 60 — 70 יאָר צוריק געבילדעט 25 — 30 פּראָצענט פֿון פּויליש־רוסישן יידנטום. עס איז גע־קומען אַזוי ווײַט, אַז דאָס פֿאָלק, וואָס איז פֿריער בעצם געווען איין קלאַס, אַז דאָס פֿאָלק פֿון מעקלערס און הענדלערס איז געוואָרן אַ דיפֿערענצירטע נאַציע, אַ סאָציאַלער אָרגאַניזם, וואָס די אַרבעטס־עלעמענטן האָבן געקראָגן אין אים אַ היפּשע וואָג.

אמת, דער דאָזיקער סאָציאַלער אָרגאַניזם האָט נאָך שטאַרק זיך אָפּגעשיידט פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, ער איז נאָך געווען שטאַרק באַ־שווערט דורך די איבער־רעשטן פֿון עבר, — צו פֿיל אָרט לפֿי ערך האָבן אין אים פֿאַרנומען די סוחרישע און פֿאַרמיטלערישע עלעמענטן. אָבער דאָך האָט ער שוין ניט אַזוי געשטאָכן די אויגן מיט זײַן אויסנאַמלעכער משונה־צעהויקערטער, סטרוקטור מיט זיין מצב פֿון אַ פֿאָלק — אַ פֿאַר־מיטלער. אינדוסטריאַליזאַציע און אַגראַריזאַציע—דאָס זײַנען געווען פּראָצעסן, וואָס האָבן געפֿירט צו דער געזונט־מאַכונג פֿון דעם יידישן סאָציאַלן אָרגאַניזם. שווער און קראַנקהאַפֿטיק איז געווען אָט דער פּראָצעס. מען האָט געמוזט בײַקומען גוואַלדיקע מניעות, סײַ מצד אויסווייניקסטע תּנאים, וואָס זײַנען ניט שטענדיק געווען גינסטיק, סײַ מצד אינעווייניקסטע פּסיכישע עיכובים, — טראַדיציעס און געוויינ־שאַפֿן, וואָס האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט יאָרהונדערטער לאַנג. פֿון צײַט צו צײַט זיינען געווען רעצידיוון צוריק צו דער מסחר־סטיכיע. אָבער אין דער אונטערשטער שורה איז דער פּראָצעס פֿון געזונט־ווערונג אַוועק גוואַלדיק אין פֿאָרויס.

אָבער די וועלט־מלחמה, וואָס איז פֿאָרגעקומען גראָד אין דעם פֿאַס, וואָס איז געדיכט באַזעצט מיט יידן, האָט אָט דעם גאַנג פֿון גע־

זונט=ווערן אָפּגעשטעלט און אָפּגעשלײַדערט דאָס יידנטום אַ גרויסן מהלך צוריק. די אַרויסשיקונגען פון דער צאַרישער רעגירונג האָט אויפגעהויבן פון זייערע ערטער אַ האַלבן מיליאָן יידן. די פּאָגראָמען האָבן צעטרייסלט און צעקלאַפּט אַ יידישע באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן נפשות. רוסלאַנד און עסטרײַך, די ביידע מלוכות, ווו עס האָבן געוווינט 8 מיליאָן יידן, זײַנען צעפאַלן. די קליינע מלוכות, וואָס האָבן זיך אויף זייער אָרט אויסגעבילדעט, פירן אַ שאָוויניסטישע פינאַנץ=עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס שטעלט יידן בדלות. די אינפלאַציע, וואָס האָט בדלות געשטעלט די מיטעלע קלאַסן, האָט באַזונדערס שטאַרק אָנגערירט דאָס יידנטום, וואָס אין אים זײַנען די דאָזיקע קלאַסן באַזונדערס שטאַרק פאָרגעשטעלט. עס זײַנען גיך אויסגעוואַקסן טרעסטירטע און פאַרמלוכישטע ווירטשאַפט=צווײַגן, וואָס יידן האָבן צו זיי קיין צוטריט ניט. אָט די אַלע געשעענישן פון די לעצטע צענדליגער יאָרן האָבן ווידער אַמאָל אַרויסגעבראַכט אַ קלאַס „לופט=מענטשן", וואָס איז אומבאַשרײַבלעך אויסגעוואַקסן. הונדערטער טויזנטער יידן פון די מיטעלע קלאַסן זײַנען דעקלאַסירט געוואָרן. הונדערטער טויזנטער בעלי=מלאכות און אַרבעטער זײַנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס. אַ היפּשער טייל פון די פאַרשטייער פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס זײַנען געבליבן אָן ברויט. דאָס יידנטום איז בדלות געשטעלט און צעשטרייסלט ביזן גרונט. די עמיגראַציע, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ ראַטונעק פאַר מיליאָנען יידן און וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם פּראָצעס פון דער געזונט=ווערונג פון יידנטום, האָט די לעצטע צען יאָר אָנגעוואָרן כמעט איר גאַנצן באַטײַט.

נאָך די לעצטע קריזיס=יאָרן מיט דער פאַשיסטישער עפּידעמיע, וואָס כאַפּט אַרום די וועלט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָך געפערלעכער פאַרן וועלט=יידנטום. דער ערשטער אָנזאָג פון דער דאָזיקער פּלאָג איז די קאַטאַסטראָפע פון דײַטשן יידנטום.

ביז ניט לאַנג האָבן סײַ די סאָציאַלע וויסנשאַפטן און סײַ די פּאָליטישע באַוועגונגען געהאַט צו טאָן מיט צוויי באַגריפן: קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. די מיטעלע קלאַסן פלעגט מען כמעט ניט אַרײַננעמען אין חשבון, ווי אַ זעלבשטענדיקן סאָציאַלן און פּאָליטישן פאַקטאָר. די פאַרמלוכישונג און טרעסטירונג פון גאַנצע צווײַגן פון ווירטשאַפט=לעבן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַזאַ האַסטיקן אימפּעט, האָט מען באַטראַכט ווי אַן איבערגאַנג=שטאַפּל גלײַך צו אַ פּלאַן=ווירטשאַפט. די פאַקטישע אַנטוויקלונג איז אָבער ניט אַוועק מיט דעם דאָזיקן אַזוי צו זאָגן נאָרמאַלן גראַדן וועג. די מיטעלע קלאַסן, — די זעלבשטענדיקע סוחרישע, בעל=מלאכהשע און פויערשע עלעמענטן און אויך די פּראָפע=

סיאָנעלע אינטעליגענץ, די באַאַמטע און אַ גרויסער טייל אָנגעשטעלטע, וואָס זײַנען אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער פון איין זײַט פון גרויסן קאַפּיטאַל און פון דער צווייטער זײַט — פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, האָבן לא די וואָס ניט געוואָלט אָפּגעבן זייערע פּאָזיציעס, נאָר האָבן פּלוצים אַרויסגעשטעלט די אומזיניקע פּרעטענזיע צו נעמען אויף זיך די עובדא צו רעפאָרמירן די געזעלשאַפטלעכע סיסטעם. עקאָנאָמיש גענוג בדלות געשטעלט און פּראָלעטאַריזירט דורכן גרויסן קאַפּיטאַל, בכדי צו זײַן געשטימט אַנטיקאַפּיטאַליסטיש, האָבן זיי, אָט די מיטעלע קלאַסן, ניט סאָציאַל און ניט פּסיכאָלאָגיש זיך ניט צונויפגעגאָסן אַזוי ווײַט מיטן אַרבעטער-קלאַס, אַז זיי זאָלן פּאָליטיש זיך לאָזן פירן פון אים. גרויסע טיילן פון די דאָזיקע מיטעלע קלאַסן האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָך אַזוי פיל שטאַרק, אַז זיי האָבן זיך געשטעלט בראש פון אַ באַוועגונג, וואָס פּרוווט שאַפן אַ מין געמיש פון פרײַען קאַפּיטאַליזם מיט אַ פּלאַנירטן סאָציאַליזם, ד"ה אײַנהיטן יענעם עקאָנאָמישן אַנדרוגינוס, וואָס איז די הערשנדיקע פאָרם פון דער איצטיקער איבערגאַנג-צײַט. וואָרעם דער הויפּטלעכער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער נאָך-מלחמהדיקער עקאָנאָמיק איז דאָך דאָס, וואָס זי איז ניט קאַפּיטאַליסטיש, ניט סאָציאַליסטיש, ניט אינדיווידואַליסטיש און ניט קאָלעקטיוויסטיש, ניט ליבעראַל-אַנאַרכיש און ניט פּלאַנמעסיק-אָרגאַניזירט. דער מהות פון די עקאָנאָמישע שטרעבונגען פון אַלע אָפענע אָדער פאַרשטעלטע פאַשיסטישע באַוועגונגען אין דער וועלט באַשטייט דאָך בעצם דערין, וואָס זיי ווילן פאַרענטפערן די צײַטיק געוואָרענע עקאָנאָמישע פּראָבלעם און אויסגלײַכן די סתירות פון קאַפּיטאַליזם ניט דורך אַן אומקער צו דעם פאַרמלחמהדיקן ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם און ניט דורך איבערבויען די געזעלשאַפט אויף פּלאַנמעסיק סאָציאַליסטישע יסודות, נאָר דורך שאַפן אַ גלײַכוואָג צווישן אָט די צוויי פּרינציפּן. איינער פון די הויפּט-מעטאָדן פון דער דאָזיקער גלײַכוואָג-שטרעבונג אין די אַזוי-גערופענע שטאַנדן-מלוכה, וואָס דאַרף באַזײַטיקן דעם קלאַסן-קאַמף, אויסגלײַכן די סתירותדיקע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע אָנטיילנעמער אין דעם פּראָדוציר-פּראָצעס אין נאָמען פון די כלל-אינטערעסן פון דער נאַציע, וואָס איר גליק איז דער העכסטער ציל פאַר אַלע גרופּעס און יחידים. אין דער שטאַנדן-מלוכה ווערט דער קלאַסן-קאַמף אָפּגעשטופּט דורך דעם נאַציאָנאַלן קאַמף; וואָס שוואַכער עס ווערט דער קאַמף צווישן די איינצלנע גרופּעס אין דער מלוכה, אַלץ שטאַרקער מוז ווערן דער קאַמף צווישן די איינציקע נאַציעס. ניט אָפּשאַפנדיק די ווידעראַנאַנדן פון די קלאַסן-אינטערעסן, שטרעבט דער פאַשיזם

איינצושטעלן אַ קלאַסן־האַרמאָניע אין נאָמען פון דער אַלהייליקסטער נאַציע.

דער נאַטירלעכער פועל־יוצא פון אָט דער טעאָריע איז ניט בלויז די שטרעבונג ניט אַנדערש צו פאַראייניקן אונטער איין מלוכה־דאַך די מעגלעך גרעסטע צאָל מיטגלידער פון דער נאַציע, ניט בלויז די עקאָנאָמישע אויטאַרקיע, וואָס אָן איר קאָן ניט געמאָלט זײַן קיין פולע אומאָפּהענגיקייט פון אַנדערע נאַציעס, נאָר אויך די אַבסאָלוטע נאַציאָנאַלע איינהייטלעכקייט אין דער מלוכה. פאַרן פאַשיזם איז די מלוכה די היסטאָריש אויסגעוואַקסענע היטערין פון די נאַציאָנאַלע ווערטן, די טרעגערין פון דער נאַציאָנאַלער מאַכט, די נאַטירלעכסטע פאָרם פאַר דער אָרגאַניזירונג און דיסציפּלינירונג פון דער נאַציע. די נאַציע און די נאַציאָנאַלע מלוכה, די ביאָלאָגיש־ראַסישע איינס און איר היסטאָרישע פאָרם פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע — דאָס זײַנען יענע פונדאַמענטאַלע כוחות, וואָס אויף זיי בויט דער פאַשיזם די צוקונפט פון דער מענטשהייט.

מיר קאָנען דאָ זיך ניט אָפּשטעלן אויף יענע פאַקטאָרן, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַזאַ באַוועגונג פון די מיטעלע קלאַסן, ווי דאָס זײַנען דער אומגלויבלעכער אויסוואַקס פון די ליבעראַלע פּראָפּעסיעס און פון דער צאָל אָנגעשטעלטע אין די לעצטע צענדליגער יאָרן, דער שטאַרקער וווקס פון די נאַציאָנאַלע זײַטן פון דער ווירטשאַפט, וואָס האָבן ווײַט אַריבערגעיאָגט דעם וווקס פון די אינטערנאַציאָנאַלע השפעות פון קאַפּיטאַליזם, די אינדוסטריאַליזאַציע פון די אַגראַר־לענדער און די אַגראַריזאַציע פון די אינדוסטריע־לענדער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך בעת דער מלחמה און האָט אָנגענומען זייער ברייטע פאָרמען אין דער צײַט פון קריזיס אאַז״וו. מיר קאָנען זיך דאָ אויך ניט פאַרנעמען מיט דער קריטיק פון פאַשיזם, מיט אויפדעקן זײַנע סאָציאַלע סתירות און פּאָליטישע אוטאָפּיעס; דאָס נעמלעכע איז ניט דער אָרט דאָ צו דערווײַזן, אַז היסטאָריש איז זײַן מפּלה געזיכערט. פאַר אונדז איז נאָר וויכטיק געווען פעסטצושטעלן, אַז די סאָציאַלע דיפערענצירונג בעת דער ערשטער תקופה פון קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן די תנאים פאַר דער עקאָנאָמישער צונויפגיסונג פון אייניקע קלאַסן פון יידנטום מיט די געהעריקע קלאַסן פון די מערהײַט־פעלקער און דורך דעם מיטגעווירקט צו דער אײַנגלידערונג פון יידנטום אין דער מלוכה פון דעם מערהײַט־פאָלק; אָבער די פאַשיסטישע נאַציאָנאַלע אינטעגראַציע אין דער עפּאָכע פון דעם צעפאַל פון קאַפּיטאַליזם שטופּט די יידן צוריק אַרויס פון די מלוכה־ראַמען פון דעם מערהײַט־פאָלק, איזאָלירט זיי עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פון די קרובישע סאָציאַלע קלאַסן, פרעמדט זיי אָפּ פון דער קולטור פון דעם רוב.

די אמתע אָנהענגער פון דער יידישער עמאַנסיפּאַציע זיינען אין משך פון 19טן יאָרהונדערט געווען נאָר די גרויס־בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט; די מיטעלע קלאַסן אָבער, וואָס האָבן שטאַרק געשפּירט די יידישע קאָנקורענץ, האָבן אַפילו אין דער עפּאָכע פון ליבעראַליזם און אין דער בלי־צייט פון קאַפּיטאַליזם געקעמפט קעגן יידן און זיינען אין אָט דעם קאַמף דערגאַנגען ביז צו פּאָגראָמען. ווען מיר נעמען דאָס אַלץ אין אַכט, קאָנען מיר פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט פאַר יידן אַפילו דאָס ציַיטווײַליקע קומען צו דער מאַכט פון די דאָזיקע עלעמענטן, אַפילו דער ציַיטווײַליקער נצחון פון זייער אידעאָלאָגיע — דער אידעאָלאָגיע פון דער מיטעלער און קליינער בורזשואַזיע. בפרט נאָך, אַז עס איז שווער פּאָרויסצוזען, ווי לאַנג די פאַשיסטישע תקופה וועט געדויערן און ווי אַזוי זי וועט ווערן ליקווידירט.

די יידישע פּראָבלעם איז אַ גוואַלדיק שווערע פּראָבלעם, וואָס נאָר אַ מלוכה קאָן זיך נעמען פאַר איר. די יידישע דעזאָרגאַניזירטע, צעוואָרפענע נאַציע, וואָס הענגט אייביק צווישן יאָ־נאַציע און ניט־נאַציע, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין מלוכה־אַפּאַראַט אויף צו צווינגען אירע שטאַרקע גלידער, נאָר וואָס טראָגט די אחריות לגבי אירע שוואַכע און פאַרשטויסענע און ניט קיין קלענערע אחריות לגבי דער דרויסנדיקער וועלט פאַר אירע שוואַכע גלידער, — די יידישע נאַציע איז ניט בכּוח אַליין אויסצוטראָגן די יידישע פּראָבלעם. די רעגירונגען ווידער פון יענע לענדער, ווו די יידישע מאַסן הונגערן און גייען אויס פון די כּוחות, צאַפּלען זיך ווי פיש אין נעץ און פאַלן אַרײַן אין יאוש, — די דאָזיקע רעגירונגען, וואָס שטעלן צו די יידן פאָדערונגען ווי צו פולע בירגער, לא די וואָס זיי האַלטן ניט פאַר זייער חוב אָנצונעמען עקסטרא־מיטלען אויף צו ראַטעווען די דאָזיקע מאַסן פון הונגער־נויט, אויף צו שאַפן פאַר זיי נײַע עקסיסטענץ־מקורים אויפן אָרט פון די פאַרלאָרענע און אָפּגענומענע, נאָר זיי האַלטן אַפילו ניט פאַר נייטיק אָפּצוהיטן די אַלגעמיינע געזעצן, וואָס זיינען גאַראַנטירט פאַר יידן.

מיר וועלן ברענגען נאָר אַ פּאָר בײַשפּילן. אין אַלע מלוכות פון מזרח־אייראָפּע גיבן די מלוכה־בענק גרויסע הילף די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, די לאַנדווירטשאַפטלעכע און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. אָבער די יידישע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס אָדער זיי קריגן גאָר קיין הילף ניט, אָדער אויב זיי קריגן יאָ, דריקט זיך דאָס אויס אין אַזעלכע נישטיקע סומעס, וואָס האָבן גאָר קיין באַטרעף ניט לגבי דעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד און ניט לגבי דער וואָג פון דער יידישער קאָאָפּעראַציע אין דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. אַלע רעגירונגען פון מזרח־אייראָפּע זאָרגן פאַר דער אינטענסי־

וויקאַציע פון דער דאָרפס=ווירטשאַפט: עס ווערן געגעבן וואָלוועלע לאַנגטערמיניקע הלוואות פאַר די פויערים, מען גיט זיי אומזיסטע אַגראַנאָמישע הילף, עס ווערט געשאַפן אַ צוטריטלעכע דאָרפס=ווירטשאַפטלעכע ליטעראַטור פאַר די פויערים. די יידישע ערדאַרבעטער קענען פון אָט די הנחות ניט געניסן. אין אַלע די דאָזיקע האַלב=אַגראַרישע לענדער ווערן געשאַפן פראָפעסיאָנעלע שולן, קורסן, עס ווערן אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען, בכדי צו הייבן די פאַך=צוגרייטונג פון בעלי=מלאכות און אויסבילדן ספּעציאַליסטן פאַר דער אינדוסטריע, וואָס האַלט זיך אין שאַפן. נאָר יידן האָבן פון אָט די אינסטיטוציעס גאָרנישט: אָדער מען לאָזט זיי אינגאַנצן ניט אַריין, אָדער זיי גייען אַליין ניט אַהין איבער דעם אַנטיסעמיטישן גייסט, וואָס הערשט אין זיי, און אַז יידן עפענען זייערע אייגענע פראָפעסיאָנעלע לערן=אַנשטאַלטן, איז אָדער מען גיט זיי דערויף גראָשנס, אָדער אָפטער גיט מען זיי גאָר קיין הילף ניט.

בכלל גערעדט, הגם יידן טראָגן אַריין זייער חלק פון די מלוכה=הכנסות באַגלייך מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג, דאָך זיינען זיי געצווונגען צו שאַפן אויף זייערע אייגענע מיטלען אויף אַ סך געביטן ספּעציעלע אינסטיטוציעס פּאַראַלעל מיט די מלוכהשע. עס איז נאַטירלעך, אַז די יידישע מאַסן זיינען דאָ צוויי מאָל געשעדיקט: ראשית, וואָס די יידישע צדקה, ווי ברייט זי זאָל ניט זיין אָוועקגעשטעלט און ווי גוט זי זאָל ניט פונקציאָנירן, קען זי דאָך ניט קאָנקורירן מיטן מלוכה=אַפּאַראַט; זי איז ניט בכוח צו געבן די יידישע מאַסן אויף קיין איין געביט דאָס, וואָס די מלוכה איז מחוייב צו געבן דער גאַנצער באַפעלקערונג און פאַקטיש גיט זי דאָס נאָר דעם פּריווילעגירטן נאַציאָנאַלן רוב; והשנית, מוז אָט די ברייט אַנטוויקלטע, אויפגעצווונגענע יידישע צדקה, וואָס קלעקט ניט אויף צו באַפרידיקן די אַלץ וואַקסנדיקע נויטבאַדערפענישן פון די יידישע מאַסן, זיך לייגן ווי אַן איבערשווערע פינאַנציעלע משא אויף די אַקסלען פון דער יידישער געזעלשאַפט.

וואָס ברייטער און שאַרפער עס ווערט די נויט פון די יידישע מאַסן, וואָס מער זי נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ קאַטאַסטראָפע פון גאַנצע גרופּעס און קלאַסן, אַלץ קלאָרער ווערט, אַז עס זיינען צעטרייסלט די עצם=יסודות פון דער עקסיסטענץ פון יידנטום, אַלץ קלאָרער ווערט, אַז די דאָזיקע גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע, וואָס נאָר אַ מלוכה קאָן זי אויספירן, איז ניט בכוח אויסצוטראָגן די יידישע נאַציע — ניט=נאַציע, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין צוואַנג=אַפּאַראַט איבער אירע שטאַרקע מיטגלידער, נאָר זי איז באַשווערט מיטן אומגעהייערן יאָך פון אחריות סיי לגבי אירע שוואַכע מיטגלידער, סיי פאַר זיי.

---

I

# דער וווּקס און די פּאַרטיילונג פון יידישן פּאָלק אין לעצטן יאָרהונדערט

דער גרעסטער רוב פון יידישן פּאָלק — אַן ערך 70 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל — האָבן אין אָנהייב 19טן י"ה געלעבט אין די לענדער פון מזרח-אייראָפּע: ליטע, ווייַסרוסלאַנד, אוקראַינע, פּוילן, גאַליציע, רומעניע, אונגאַרן — דאָס זייַנען אַלץ געווען לענדער מיט אַן אַגראַר-פּעאָדאַלערווירטשאַפט און מיט אַ רעזשים פון פּאָליטישן דעספּאָטיזם. ווען מען זאָל נאָך צוגעבן די יידן, וואָס זייַנען דעמאָלט געזעסן אין אַזיע און אַפריקע, זעט מען, אַז 85 פּראָצ' פון דעם וועלט-יידנטום האָט זיך געפונען דעמאָלט אין אַגראַר-לענדער, אָפּגעשטאַנענע פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, מיט אַן אָרעמער, פּרימיטיווער און נאָך פאַרשקלאַווטער באַפעלקערונג. אין משך פון 19טן י"ה האָבן די עמיגראַציע-כוואַליעס אַריבערגעטראָגן מאַסן יידן פון אָט די לענדער קיין מערב-אייראָפּע און קיין אַמעריקע, אַזוי אַז דאָס בילד בייַט זיך גאָר קענטיק. אַ גרויסע צאָל יידן רייַסן זיך אַרויס פון דער סלאַוויש-אַראַביש-טערקישער קולטור-סביבה און באַזעצן זיך פעסט דערהויפּט אין דעם אַנגלאָ-סאַקסישן קולטור-קרייַז.

די ווייַטערדיקע טאַבעלע אילוסטרירט, פון איין זייַט, דעם וווּקס פון יידישן פּאָלק אין משך פון 19טן י"ה און, פון דער צווייטער זייַט, די רעזולטאַטן פון דער עמיגראַציע-באַוועגונג, וואָס מיר ריידן וועגן איר.

### באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין משך פון 19טן י"ה

| סלאַוויש-אַראַביש-טערקישע סביבה | 1825 אַבס' ציפערן | 1825 % | 1930 אַבס' ציפערן | 1930 % |
|---|---|---|---|---|
| מזרח-אייראָפּע . . . . . . . . . . | 2.272.000 | 69,2 | 8.000.000 | 50,5 |
| אַזיע . . . . . . . . . . . . . | 300.000 | 9,2 | 700.000 | 4,4 |
| אַפריקע . . . . . . . . . . . . | 240.000 | 7,3 | 470.000 | 3,0 |
| סך-הכל . . . . . . . | 2.812.000 | 85,7 | 9.170.000 | 57,9 |
| אַנגלאָ-סאַקסיש-דייטשע סביבה | | | | |
| מערב-אייראָפּע . . . . . . . . . . | 458.000 | 14,0 | 1.700.000 | 11,0 |
| אַמעריקע . . . . . . . . . . . | 10.000 | 0,3 | 4.900.000 | 30,9 |
| אויסטראַליע . . . . . . . . . . | 1.000 | 0,0 | 30.000 | 0,2 |
| סך-הכל . . . . . . . . . | 469.000 | 14,3 | 6.630.000 | 42,1 |
| אַלגעמיינער סך-הכל . . . . | 3.281.000 | 100,0 | 15.800.000 | 100,0 |

פון דער טאַבעלע איז געדרונגען, אַז אין משך פון 105 יאָר איז די צאָל יידן אויסגעוואַקסן כמעט אין פינף מאָל, בעת די באַפעלקערונג פון גאָר דער ערד איז פאַר דער צייַט נאָר פאַרטאָפּלט געוואָרן, און אין אייראָפּע, אַרייַנגערעכנט דערין אויך די אימיגראַציע־לענדער, האָט זיך די באַפעלקערונג פאַרמערט נאָר דרייַ מיט אַ האַלב מאָל. די דאָזיקע אַזוי באַדייַטיקע פאַרמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג דער־קלערט זיך דורך דער פאַרקלענערונג פון דער שטאַרביקייט, — דאָס איז אַן ערשייַנונג, וואָס מען זעט זי בכלל אין אַלע לענדער פון דער ערד אין משך פון 19טן י"ה.

ווען מיר באַטראַכטן די פאַרטיילונג פון יידן לויט די קולטור־קרייזן, באַמערקן מיר, אַז אין 1825 האָבן איבער 85% יידן געוווינט אין אַ סלאַוויש־אַראַביש־טערקישער סביבה, און אַז די דאָזיקע ציפער איז אין 105 יאָר אַרום געפאַלן ביז 57,9 פראָצ'; אין דער אַנגלאָ־סאַק־סישער סביבה זייַנען די געהעריקע ציפערן געווען 14,3 און 42,1. ווען מען נעמט ווידער די אַבסאָלוטע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג איןביידע קרייַזן, קאָן מען נאָך מער אָפּלערנען: אין דעם ערשטן קרייַז איז זי אויסגעוואַקסן נאָר איבער 3 מאָל, בעת אין דעם צווייטן קרייַז כמעט 15 מאָל. ווען מיר רעכענען אַראָפּ פון דער סך־הכל־צאָל פון די יידן אין דעם סלאַוויש־אַראַביש־טערקישן קרייַז אין יאָר 1930 יענע צאָל אייראָפּעיִשע יידן, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אַזיע און קיין אַפריקע אין משך פון די לעצטע 50 יאָר און וואָס זייַנען אַרונטערגע־פאַלן מער אונטער דער השפּעה פון דער ענגלישער אָדער פראַנצויזישער קולטור, איידער פון דער אַראַביש־טערקישער, — וועלן מיר ווידער זען, ווי עס פאַרגרעסערט זיך די צאָל יידן, וואָס זייַנען אַוועק פון די אָפּ־געשטאַנענע לענדער אין מער ציוויליזירטע.

לאָזנדיק אָן אַ זייַט די אַראַביש־טערקישע יידן, וועלן מיר ווייַ־טער רעדן נאָר וועגן די אייראָפּעיִשע יידן, וואָס מאַכן אויס בייַ הייַנ־טיקן טאָג איבער 90% פון יידנטום. אונטער אייראָפּעיִשע יידן פאַרשטייען מיר די אשכנזים, וואָס אין אָנהייב פון פאַרגאַנגענעם י"ה האָבן זיי כמעט אַלע געלעבט אין אייראָפּע און דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגע־שפּרייט איבער גאָר דער וועלט און געבילדעט וויכטיקע געמיינדעס אין העכער זעכציק לענדער. הגם די אייראָפּעיִשע יידן זייַנען צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, דאָך איז דער צענטער פון וועלט־יידנטום גע־בליבן אין מזרח־אייראָפּע, ווו מען געפינט אויף אַ לפי ערך ניט שטאַרק אויסגעשפּרייטער טעריטאָריע ביז 8 מיליאָן יידן, אָדער איבער 50% פון דעם וועלט־סך־הכל און 80% פון דעם אייראָפּעיִשן סך־הכל. אָט די יידן

פון מזרח־אייראָפּע בילדן דעם הויפּט־יסוד און דעם קוואַל פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, און צוגלייך אַ מקור פון שטענדיקע זאָרג פאַר דעם וועלט־יידנטום.

די פאַרמערונג פון דער צאָל יידן אין דעם אַנגלאָ־זאַקסישן קולטור־קרייז נעמט זיך באַזונדערס פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, ווו עס זיינען געווען 1825 ווינציקער פון 10.000 יידן, און ביי היינטיקן טאָג $4^1/_2$ מיליאָן. נאָך דעם צעפאַל פון צאַרישן רוסלאַנד איז דאָס דער גרעסטער יידישער קיבוץ.

אָט איז אַ רשימה פון די מלוכות, ווו די גרייס פון דער יידישער באַפעלקערונג שטייגט אַריבער 200.000 נפשות.

### מלוכות מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון איבער 200.000 נפשות

| מלוכה | יאָר פון ציילונג | אַבסאָלוטע ציפער | פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג | פּראָצענט פון אַלע יידן |
|---|---|---|---|---|
| פאַראייניקטע שטאַטן | 1932 * | 4.500.000 | 3,5 | 28,5 |
| פּוילן | 1931 * | 3.100.000 | 10,0 | 19,6 |
| ראַטן־רוסלאַנד | 1930 * | 3.000.000 | 1,8 | 19,0 |
| דערפון: | | | | |
| איקראַינע | 1930 * | 1.600.000 | 5,4 | 10,1 |
| ווייסרוסלאַנד | 1930 * | 400.000 | 8,0 | 2,5 |
| רומעניע | 1930 * | 1.000.000 | 4,8 | 6,3 |
| דייטשלאַנד | 1925 | 564.379 | 0,9 | 3,6 |
| אונגאַרן | 1920 | 473.310 | 5,9 | 3,0 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | 1931 | 357.000 | 2,6 | 2,2 |
| ענגלאַנד | 1930 * | 300.000 | 0,7 | 1,9 |
| עסטרייך | 1930 * | 230.000 | 3,5 | 1,5 |
| ארץ־ישראל | 1933 * | 240.000 | 21,6 | 1,3 |
| אַרגענטינע | 1930 * | 200.000 | 2,0 | 1,3 |
| פראַנקרייך | 1930 * | 200.000 | 0,5 | 1,3 |

* דער צייכן ווייזט, אז די געהעריקע ציפער איז לויט אפשאַצונג.

צוויי דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער וועלט וווינען אין דריי מלוכות: פאַראייניקטע שטאַטן, פוילן און רוסלאַנד. אין די אויבן אויסגערעכנטע 12 מלוכות געפינט מען קרוב 90% פון אַלע יידן. דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג לגבי דער אַלגעמיינער איז באַזונדערס הויך אין ארץ־ישראל, ווו ער באַטרעפט מער פון 20; ווייטער גייען: פוילן מיט 10%, ווייסרוסלאַנד מיט 8%, אונגאַרן מיט 5,9%, אוקראַינע מיט 5,4%; אין די איבעריקע לענדער איז די פאַרהעלטעניש קלענער פון 5 פּראָצ׳. די דאָזיקע דאַטעס קריגן אָבער אַן אַנדער כאַראַקטער, ווען מען פאָרשט אויס דעם פּראָצענט יידן לגבי דער שטאָטישער באַפעלקערונג. מיר וועלן וועגן דעם ריידן ווייטער.

פּאַראַלעל מיט דער עמיגראַציע פון גרויסע יידישע מאַסן, וואָס איז געגאַנגען פון אָפּגעשטאַנענע אַגראַר־לענדער אין פאָרגעשריטענע אינדוסטריעלע לענדער, איז אויך פאָרגעקומען אַ קאָנצענטרירונג פון יידן אין די גרויסע צענטערס פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

בײַם אָנהייב פון 19טן י״ה האָבן יידן געוווינט אין דערפער (אַ דריטל פון זייער גאַנצער צאָל) און אין קליינע שטעטלעך, וואָס האָבן זיך ניט אונטערגעשיידט מיט גאָרנישט פון דערפער (אַן ערך 50 פּראָצ׳), און נאָר 15 פּראָצענט פון זיי זײַנען געזעסן אין שטעט. זיי זײַנען געווען, הייסט דאָס, מער דאָרף־אײַנוווינער, ווי שטאָט־מענטשן, מער ניט וואָס אין די קליינע ישובים, ווו זיי זײַנען געזעסן, האָבן זיי זיך פאַר־נומען מיט „שטאָטישע״ פּרנסות.

אָבער אין די גרויסע וועלט־צענטערס — לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין און ווין — זײַנען געווען גאָר ווינציק יידן. אין די צוויי לעצטע שטעט האָבן ניט אַלע יידן געהאַט נאָך דעמאָלט דאָס רעכט צו וווינען. אין די אויבן אָנגערופענע פיר הויפּט־שטעט, וואָס די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין זיי האָט 1825 באַטראָפן ס׳ה איבער 2 מיליאָן נפשות, זײַנען ניט געווען מער פון 15.000 יידן, אָדער 0,7% פון דער גאַנצער צאָל. עס זײַנען דעמאָלט נאָך בכלל ניט געווען קיין גרויסע יידישע קהילות. אין גאָר דער וועלט זײַנען געווען ניט מער פון דריי — אַמסטערדאַם, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סאַלאָניק — וואָס האָבן געציילט איבער 10.000 נפשות. קהילות מיט 3 ביז 5 טויזנט נפשות זײַנען אויך געווען זייער ווינציק. טיפּישע יידישע קהילות האָבן געציילט 300 ביז 500 נפשות, און אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער וועלט איז געווען צעשפּרייט אין קליינע ישובים פון דאָרפישן טיפּ, ווו עס האָבן געוווינט 2 ביז 3 אָדער 5 ביז 6 משפּחות.

ביי הײַנטיקן טאָג פאַרקערט זײַנען יידן מער פון אַלע אַנדערע

פעלקער קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט. אין די 15 גרעסטע צענ־טערס פון אייראָפּע און אַמעריקע — וואָס האָבן איטלעכער איבער אַ מיליאָן אײַנוווינער — געפינט מען אַרום $4^1/_2$ מיליאָן יידן, ד"ה 28,5% פון אַלע יידן אין דער וועלט, און 9,2% פון דער גאַנצער באַפעלקע־רונג פון די דאָזיקע שטעט. די דאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע צענטערס, די קנופּ־פּונקטן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, זײַנען די צענטערס פון איר נערוון־סיסטעם און שפּירן שטאַרקער די קריזיסן און צעטרייסלונגען. ממילא איז נאַטירלעך, וואָס די יידן, וואָס פון איין זײַט זײַנען זיי קאָנצענטרירט אין די געאָגראַפישע קנופּ־פּונקטן און פון דער אַנדער זײַט פאַרנעמען זיי זיך מיט פּראָפעסיעס, וואָס זײַנען באַזונדערס שפּי־רעוודיק צו אַלע ענדערונגען אין דעם נאָרמאַלן גאַנג פון עקאָנאָמישן לעבן, — איז נאַטירלעך, זאָגן מיר, וואָס די יידן זײַנען ווייטאָגדיקער געשלאָגן פון דעם קריזיס, ווי די איבעריקע פעלקער. קרוב צו 50% יידן לעבן אין שטעט, וואָס האָבן אַ באַפעלקערונג פון איבער 100.000, בעת פאַר די דײַטשן באַטרעפט אָט דער פּראָצענט נאָר 27, פאַר די אַמעריקאַנער 29, און אפילו פאַר די ענגלענדער נאָר 40 פּראָצענט.

אין קאָמפּאַקטע מאַסן וווינען יידן אין די גרויסע צענטערס פון אייראָפּע און אַמעריקע. מען געפינט דאָרט 18 קהילות, וואָס איטלעכע פון זיי האָט איבער 100.000 מיטגלידער. און זיי אַלע נעמען אַרום אַן ערך 5 מיליאָן יידן. 50% פון אַלע יידן געהערן צו קהילות פון איבער 10.000 מיטגלידער; נאָר 7 ביז 8 פּראָצענט יידן וווינען אין דערפער.

אין די שטעט פון די מזרח־אייראָפּעישע מלוכות בילדן יידן אומעטום אַ באַדייטיקן טייל: 40,1% אין ווײַסרוסלאַנד, 31,6% אין פּוילן, 32,2% אין ליטע אאַז"וו. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע מאַכן יידן אויס 25 ביז 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער שטאָ־טישער באַפעלקערונג. אין דײַטשלאַנד איז דער דאָזיקער פּראָצענט אומבאַדײַטיק און דערגרייכט נאָר ביז 6,3% אין פראַנקפורט, 4,29% אין בערלין און 4,17 אין ברעסלע; אין זעקס אַנדערע שטעט איז די פּראָ־פּאָרציע ניט מער ווי 2 ביז 3 פּראָצענט; נאָך אין דרײַצן שטעט — פון 1 ביז 2 פּראָצ', אין די איבעריקע שטעט פון דײַטשלאַנד — ווינציקער פון 1 פּראָצ'. אין צפון־אַמעריקע מאַכן יידן אויס אַ וויכטיקן פּראָצענט אין אייניקע גרויסע שטעט: 29,8% אין ניו־יאָרק, 13,9% אין פילאַ־דעלפיע, 10% אין שיקאַגאָ און 10,2% אין באָסטאָן.

II

# די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן אָנהייב 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט

אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט דאָס יידנטום אין מזרח־אייראָפּע זיך געפונען אין אַן אומבאַשרייַבלעך עלנטן צושטאַנד. חוץ זייער אַ נישטיקן פּראָצענט רייכע סוחרים און אַ פּאָר צענדליגג גרויסע יידישע פּאָסעסאָרס פון גרויסע מאַיאָנטקעס, חוץ גאָר אַ קליינער צאָל מיטל־מענטשן — הענדלערס און וואָכערניקעס, — האָט די גאַנצע יידישע מאַסע — ביז 90 פּראָצענט — געלעבט אין אומדערטרעגלעכע, ממש קבצנישע תנאים. די מאַסע איז באַשטאַנען פון אָרעמע שענקערס, אַרענדאַרן און קליינע קרעמערס (50—55 פּראָצענט), בעלי־מלאכות דאָרף־גייערס (12—15 פּראָצענט) אאַז״וו. אַפילו אין דייַטשלאַנד, ווו אָנהייב 19טן י״ה זייַנען שוין געווען יידישע באַנקירן מיט אַ וועלט־נאָמען און מיט אַ וועלט־באַטייַט, ווו דער מיטל־פאַרמעגלעכער קלאַס איז געווען עטוואָס גרעסער ווי אין מזרח־אייראָפּע, איז דער גרעסטער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג (85 פּראָצענט) באַשטאַנען פון זייער אָרעמע קליינע קרעמערס (50 פּראָצ׳), הויזירער־הענדלערס (25 פּראָצ׳) און בעלי־מלאכות (7—8 פּראָצענט).

פון אָט דעם קליינשטעטלדיקן, שענקער־פּעדלערישן קבצנישן מענטשן־שטויב איז אויסגעוואַקסן דאָס הייַנטיקע קאָנצענטרירטע, פּראָפעסיאָנעל און סאָציאַל דיפערענצירטע יידנטום.

ווען מען פאַרגלייַכט די חיונה־מקורים פון יידנטום אין 1825 און אין 1930, קאָן מען זען, וואָס פאַר אַ גרויסן וועג צו דער געזונט־ווערונג דאָס יידנטום האָט דורכגעמאַכט פאַר אָט דעם פּעריאָד צייַט.

אין ערשטן פערטל פון 19טן י״ה האָט דאָס יידנטום אין מזרח־און מיטל־אייראָפּע (85 פּראָצענט פון וועלט־יידנטום) לויט די מקורים פון זייער חיונה זיך געטיילט לערך אויף אַזאַ אופן:

אין יאָר 1825 (85 פּראָצ׳ פון דעם וועלט־יידנטום):

| | | |
|---|---|---|
| 1) שענקערייַ און אַרענדע | 30 | פּראָצ׳ |
| 2) האַנדל און פאַקטערייַ | 30 | „ |
| 3) מלאכה | 15 | „ |
| 4) ערד־אַרבעט | 1 | „ |
| 5) כלי־קודש | 3 | „ |
| 6) אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס | 21 | „ |
| סך־הכל | 100 | פּראָצ׳ |

אין יאָר 1930 (דאָס גאַנצע וועלט־יידנטום):

| | אבסאָלוטע צאָל | %% |
|---|---|---|
| 1) האַנדל און קרעדיט . . . . . | 6.100.000 | 38,6 |
| 2) אינדוסטריע און מלאכה . . . . | 5.750.000 | 36,4 |
| 3) ליבעראַלע פּראָפעסיעס און געזעל־שאַפטלעכער דינסט . . . . | 960.000 | 6,1 |
| 4) ערד־אַרבעט . . . . . . . . . | 665.000 | 4,2 |
| 5) שטוביקע באַדינונג און שוואַרץ־אַרבעט . . . . . . . . | 325.000 | 2,0 |
| 6) אָן באַשטימטע פּרנסות . . . . | 2.000.000 | 12,7 |
| סך־הכל . . | 15.800.000 | 100,0 |

ווען מיר נעמען פון דער געבראַכטער טאַבעלע די פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס 2—5, זעען מיר, אַז כמעט אַ העלפט פון דעם איצטיקן יידנטום לעבט פון הכנסות פון פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען. מיר מיינען נאַ־טירלעך דערמיט ניט צו זאָגן, אַז איטלעכער מין האַנדל איז אַ ניט־פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונג. דער פּראָצענט פון די פאַרנומענע אין פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס אין דעם אָקאָרשט דערמאָנטן זיבען איז פאַר־שיידן אין פאַרשיידענע לענדער און איז אָפּהענגיק קודם כל פון דער געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם אָדער יענעם ראַ־יאָן. היות ווי הייַנטצייַטיקע מלוכות זייַנען צונויפגעשטעלט פון ראַיאָ־נען, וואָס האָבן אַ לאַנגן היסטאָרישן פּעריאָד זיך געפונען אין גאָר פאַרשיידענע תּנאים, מוז מען ברענגען דאַטעס ניט בלויז פון גאַנצע מלוכות, נאָר אויך פון איינציקע ראַיאָנען. דערבייַ לאָזן מיר אין דער ווייַטערדיקער באַטראַכטונג אינגאַנצן אויס ראַטן־רוסלאַנד, מחמת דאָרטן זייַנען געשאַפן געוואָרן לחלוטין אייגנאַרטיקע תּנאים ניט דורך דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, נייַערט אונטער דעם דרוק פון דער רעגירונג.

## פּראָצענט פון עקאָנאָמיש=אַקטיווע ייִדן, פאַרנומען אין פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס אין פאַרשיידענע מלוכות און ראַיאָנען:

| מלוכות און ראַיאָנען | אין ערד-אַרבעט | אינדו-סטריע | ליבעראַלע פּראָפע-סיעס | אַנד' פּראָ-דוקטיווע באַשעפטי-קונגען * | סך-הכל |
|---|---|---|---|---|---|
| פּוילן (1921) . . . | 9,8 | 32,2 | 3,8 | 7,7 | 53,5 |
| דערפון: | | | | | |
| קרוין-פּוילן . . . . . | 4,0 | 38,7 | 3,4 | 9,4 | 55,5 |
| מזרחדיקע קרעסן (גרענעץ-לענדער) . . | 15,8 | 30,6 | 3,4 | 5,3 | 55,1 |
| גאַליציע . . . . . . . | 18,3 | 20,7 | 4,0 | 5,6 | 48,6 |
| פּויזן און פּאָמערן . . . | 2,1 | 19,9 | 4,2 | 4,6 | 30,8 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע (1921) | 10,3 | 22,6 | 6,2 | 5,1 | 44,2 |
| דערפון: | | | | | |
| בעמען און מערן . . . | 3,0 | 21,0 | 7,5 | 4,2 | 35,7 |
| סלאָוואַקיע . . . . . | 10,4 | 23,4 | 6,2 | 5,0 | 45,0 |
| קאַרפּאַטן-רוסלאַנד . . . | 27,6 | 25,6 | 4,7 | 6,9 | 64,8 |
| אונגאַרן (1920) . . . | 4,2 | 31,2 | 6,4 | 5,1 | 46,9 |
| לעטלאַנד (1930) . . | 0,9 | 27,6 | 8,1 | 3,8 | 40,4 |
| ליטע (1923) . . . . | 6,0 | 22,0 | 4,0 | 6,5 | 38,5 |
| דײַטשלאַנד (1925) . | 1,5 | 21,9 | 7,2 | 2,8 | 33,4 |

אַ הויכן פּראָצענט פון אַרבעטס=עלעמענטן גיבן די ראַיאָנען מיט אַ געדיכטער ייִדישער באַפעלקערונג: קאַרפּאַטן=רוסלאַנד — 64,8 (15,4 פּראָצ' פון דער באַפעלקערונג); קרוין=פּוילן — 55,5 (14,3 פּראָצ'); די פּוילישע קרעסן — 55,1 (10,2 פּראָצ' פון דער באַפעלקערונג); גאַלי=ציע — 48,6 (9,9 פּראָצ' פון דער באַפעלקערונג). דעם קלענסטן פּראָ=

* שטוביקע דינערס, פּורלייט, שוואַרץ-אַרבעטער אאז"וו.

צענט פון אַרבעטס־עלעמענטן גיבן ראַיאָנען און מלוכות מיט אַ שיטע־רער יידישער באַפעלקערונג: פויזן — 30,8 (0,5 פּראָצ' פון דער באַ־פעלקערונג); דײַטשלאַנד — 33,4 (0,9 פּראָצ' פון דער באַפעלקערונג); בעמען און מערן — 35,7 (1,3 פּראָצ' פון דער באַפעלקערונג).

די אויבן געבראַכטע טאַבעלע אַנטהאַלט ידיעות וועגן לענדער, ווו עס איז פאַראַן אַ סטאַטיסטיק, אויסגעאַרבעט לויטן קאָנפעסיאָנעלן סימן. וועגן די איבעריקע לענדער האָבן מיר, צום באַדויערן, נאָר השערות. אַזוי זײַנען אין די אויבן אויסגערעכנטע פּראָפעסיעס, וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט זיי צו כאַראַקטעריזירן ווי פּראָדוקטיווע, פאַר־נומען:

| | |
|---|---|
| אין ארץ־ישראל . . . . . . | אַן ערך 60—65 % |
| „ פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע . . . | „ „ 50—55 „ |
| „ אַרגענטינע . . . . . . . | „ „ 50—55 „ |
| „ קאַנאַדע . . . . . . . . . | „ „ 50—55 „ |

פאַר דער מלחמה איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אַ סך אַ העכערער פּראָצענט יידן פאַרנומען אין פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס. צענדליגגער טויזנטער יידן פון די געטאָס פון פוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע און אַז"וו, געוועזענע קרעמערס אָדער לופט־מענטשן, האָבן אָנגעפילט די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון די אַמעריקאַנער שטעט, און ערב דער מלחמה האָט די צאָל יידישע אינדוסטריע־אַרבעטער אַריבער־געשטיגן אַ האַלבן מיליאָן. די יאָרן פון עקאָנאָמישן אויפבלי, וואָס זײַנען דערנאָך אָנגעקומען, האָבן געשאַפן פאַר באַדייטיקע קאַדרען יידי־שע אַרבעטער און בעלי־מלאכות די מעגלעכקײַט צו ווערן הענדלערס און פאַרמיטלערס פון כלערליי מינים. דער אָנגעקומענער קריזיס האָט ניט בלויז אָפּגעשטעלט דעם דאָזיקן פּראָצעס פון דעפּראָדוקטיווירונג און דעפּראָלעטאַרי־זירונג, נאָר ער האָט נאָך גורם געווען צו דער דעקלאַסירונג און פאַראָרע־מונג פון אַ באַדײַטיקן טייל פון די מיטעלע קלאַסן, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעבילדעט. די שטרעבונג צו פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס איז איצט באַדײַטיק שטאַרקער געוואָרן, און די פּראָבלעמעס פון אינדוס־טריאַליזירונג און אַגראַריזירונג זײַנען אויך פאַר דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפטלעכקײַט געוואָרן צענטראַלע פּראָבלעמעס.

ניט געקוקט אויף דעם גוואַלדיקן וועג צו עקאָנאָמישער געזונט־ווערונג, וואָס דאָס וועלט־יידנטום האָט דורכגעמאַכט אין משך פון 19טן י"ה, שיידט זיך די יידישע עקאָנאָמיק נאָך עד־היום שטאַרק אונטער פון

דער עקאָנאָמיק פון די אַרומיקע פעלקער. דאָס וועט ווערן קלאָר, ווען מען פאַרגלייכט די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן מיט דער סאָציאַלער סטרוקטור פון ניט־יידן אין איינציקע לענדער.

אין פוילן זיינען (לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1921) פון 100 עקאָנאָמיש־אַקטיווע געווען פאַרנומען:

| | ביי יידן | ביי ניט־יידן |
|---|---|---|
| מיט ערד־אַרבעט . . . . . . | 9,8 | 80,7 |
| „ אינדוסטריע און מלאכה . | 32,2 | 7,7 |
| „ האַנדל און קרעדיט . . . | 35,1 | 1,5 |
| „ פרייע פראָפעסיעס . . . | 3,8 | 0,7 |
| „ געזעלשאַפטלעכן דינסט . | 0,6 | 1,7 |
| פאַרשיידענע אַנדערע . . . | 18,5 | 7,8 |
| | 100,0 | 100,0 |

ביי ניט־יידן זיינען פאַרנומענע מיט ערד־אַרבעט פאַראַן 8 מאָל מער ווי ביי יידן; ביי יידן זיינען פאַראַן 23 מאָל מער פאַרנומענע אין האַנדל; פאַרנומענע אין מלאכה און אינדוסטריע זיינען ביי יידן $4^1/_2$ מאָל אַזוי פיל ווי ביי ניט־יידן; פאַרנומענע אין ליבעראַלע פראָפעסיעס זיינען ביי יידן 5 מאָל מער, און פאַרנומענע אין געזעלשאַפטלעכן דינסט ביי ניט־יידן כמעט 3 מאָל מער.

די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן און ניט־יידן אין פוילן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע האַלב־אַגראַרישע מלוכות פון מזרח־אייראָפּע. אַן אָפּהענגיק אין דער אָדער יענער זייט איז געווענדט, פון איין זייט, אָן דער געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג (וואָס געדיכטער די יידישע באַפעלקערונג אין אַ וואָסער עס איז לאַנד, אַלץ העכער איז דער פראָצענט יידן פאַרנומענע אין מלאכה), און פון דער אַנדער זייט אָן דער מדרגה פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. וואָס מער אינדוסטריאַליזירט אַ לאַנד איז, אַלץ העכער איז דער פראָצענט יידן אין דער אינדוסטריע, ניט געקוקט אויף דער שטאַרקער אַנטוויקלונג פון האַנדל, וואָס גייט געווייינטלעך האַנט אין האַנט מיטן וווקס פון דער אינדוסטריע. די לעצטע ערשיינונג איז באַזונדערס בולט קענטיק אין דייטשלאַנד, ווו ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג איז דער פראָצענט פון פאַרנומענע אין האַנדל פאַר די לעצטע הונדערט יאָר אויסגעוואַקסן

אין פ י נ ף  מ אָ ל, און בײַ ייִדן איז ער לא די וואָס ניט גרעסער געוואָרן, נאָר ער איז נאָך געפאַלן. די ייִדן האָבן אַזוי אַרום געהאַלטן פאַר בילכער צו פאַרנעמען פּאָזיציעס אין דער אינדוסטריע און אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אַזוי זײַנען פון 100 עקאָנאָמיש־אַקטיווע אין פּרייסן געווען פאַרנומען:

| | בײ ייִדן | | בײ ניט־ייִדן | |
|---|---|---|---|---|
| | אין יאָר 1861 | אין יאָר 1925 | אין יאָר 1861 | אין יאָר 1925 |
| מיט האַנדל און קרעדיט . | 58,3 | 49,3 | 2,0 | 10,3 |
| מיט אינדוסטריע און מלאכה . . . . . . . | 19,4 | 21,9 | 24,6 | 36,7 |
| מיט ערד־אַרבעט . . . | 1,3 | 1,5 | 58,4 | 26,6 |
| מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס און געזעלש' דינסט . . . . . . | 3,5 | 8,7 | 4,8 | 6,0 |
| מיט טראַנספּאָרט . . . | 0,4 | 0,4 | 3,2 | 5,1 |
| פאַרשיידענע אַנדערע . . | 17,1 | 18,2 | 7,0 | 15,3 |
| | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, אַז וואָס מער אַ לאַנד פאַרלירט איר אַגראַרישן כאַראַקטער, וואָס מער איר באַפעלקערונג ווערט אינדוסטריאַליזירט און קאָמערציאַליזירט, אַלץ מער דערנענטערט זיך איר סאָציאַלע סטרוקטור לויט איר טיפּ צו דער ייִדישער סטרוקטור.

פּאַראַלעל מיט דער פּראָפעסיאָנעלער דיפערענצירונג איז געגאַנגען אויך די סאָציאַלע דיפערענצירונג. אין אָנהייב 19טן י"ה איז דאָס ייִדנטום באַשטאַנען כמעט דורכויס פון אַ קליינבירגערלעכער מאַסע — קליינע אייגנטימער, זעלבשטענדיקע קליינע קרעמערס, פּעדלערס, טאַנדעטניקעס, הויזירערס, בעלי־מלאכות־דאָרף־גייערס אאַז"וו. דער ייִד האָט ניט געקאָנט האָבן קיין שום סאָציאַלן קאָנטאַקט ניט מיט דעם הערשנדיקן פעאָדאַלן קלאַס, ניט מיט דעם פאַרשקלאַווטן פּויערטום, ער האָט געדינט אויסשליסלעך ווי אַ פאַרמיטלער צווישן אָט די צוויי קלאַסן. דער פעאָדאַל דער פּריץ האָט אים פאַראַכט און אויסגענוצט; דער פּויער האָט אים פײַנט געהאַט, ווײַל ער איז געווען אַ געצײַג אין די הענט פון פּריץ. קיין סאָציאַלע האַרמאָניע איז ניט געווען צווישן

יידן מיט קיין איינעם פוןביידע גרופעס, וואָס האָבן געבילדעט די דע־מאָלטיקע געזעלשאַפט. היות ווי עס איז ניט געווען קיין סאָציאַלער קאָנטאַקט, קיין שותּפישע עקאָנאָמישע אינטערעסן, דעריבער איז דער ייד געווען אויך פּאָליטיש און קולטורעל אָפּגעזונדערט, אויסגע־שלאָסן פון דער געזעלשאַפט: די יידן זײַנען אפילו ניט געווען קיין פאַרשקלאַווטער קלאַס, וואָס מחמת זײַן סאָציאַלער לאַגע פעלן אים גע־וויסע רעכט, זיי זײַנען גיכער געווען אַרויסגענומען פון דער קאַטעגאָריע בירגער, זיי זײַנען געווען אַ גרופּע, וואָס פאַר איר זײַנען אומעטום געווען געשאַפן אויסנאַם־געזעצן.

פונקט אַזאַ אויסגענומענקייט, אַן אַבסאָלוטע איזאָלירטקייט האָט געהערשט אויך אין קולטור־לעבן: לאָ די וואָס עס איז ניט געווען קיין קולטור־שותּפות, עס איז בכלל ניט געווען קײַן שום קולטור־באַרי־רונג. עס איז ניט געווען כמעט קײַן שום קעגנזײַטיקע ווירקונג און השפּעה פון די קולטורן, אָפּגעזען פון זעלטענע יחידים, וואָס פלעגן זיך אַרויסרײַסן פון די מויערן פון געטאָ, אָבער זיי פלעגן עס אויך על פּי רוב פאַרלאָזן אויף שטענדיק.

די פּראָפעסיאָנעלע דיפערענצירונג פון יידנטום און די קאָמערצי־אַליזירונג פון די מאַסן פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג האָבן גע־שאַפן בײַ יידן אַ סך סאָציאַלע באַריר־פּונקטן מיט דער אַרומיקער וועלט, און דאָס האָט געבראַכט אויך צו אַ פּאָליטישן און קולטורעלן פאַרקער. נאָר אַ סך אַ טיפערע ווירקונג און באַדײַטונג האָט געהאַט דער אויפקום פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט באַוויזן אין גאָר אַן אַנדער שײַן די פיזיאָנאָמיע פון יידנטום, וואָס האָט ביז איצט געטראָגן אַ בפירוש בורזשואַזן כאַראַקטער; ער האָט אַנטפּלעקט גאָר נײַע פאַרבינד־פאָרמען צווישן יידן און דער וועלט, וואָס אַזעלכע זײַנען אין דער גאַנצער יידישער גלות־געשיכטע ניט געווען: ער האָט באַוויזן, אַז עס זײַנען מעגלעך האַרמאָנישע אינטערעסן און אַ שותּפישער קאַמף בײַ ניט־יידן און יידן, און דערבײַ זאָל דאָך בלײַבן אויפגעהיט די נאַציאָנאַלע קול־טור. דער וווּקס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט באַשאַפן גאָר אַ נײַע סיטואַציע: באַדײַטיקע יידישע מאַסן האָבן צום ערשטן מאָל געקאָנט זיך פאַרבינדן מיטן קלאַס, וואָס קעמפט פאַר אַ נײַער סאָציאַלער אָרדענונג, מיטן קלאַס, וואָס באַקומט אַלץ אַ גרעסערע השפּעה אויפן גורל פון דער מענטשהײַט.

אָט זײַנען דאַטעס, וואָס גיבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער גרייס פון פּראָלעטאַרישן קלאַס בײַ יידן:

## די צאָל יידישע פּראָלעטאַריער

| לאַנד | יאָר פון פאָלקס־ציילונג | אַרבעטער | אָנגעשטעלטע | סך־הכל | פון 100 עקאָנאָמיש־אַקטיווע זיינען געווען אַרבעטנעמער |
|---|---|---|---|---|---|
| פוילן . . . . . | 1921 | 205.104 | 47.360 | 252.464 | 27,3 |
| ראַטן־רוסלאַנד . . | 1926 | 149.299 | 260.549 | 409.848 | 39,2 |
| אונגאַרן . . . . | 1920 | 61.357 | 42.645 | 104.002 | 51,5 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע . | 1921 | 32.051 | 22.454 | 54.505 | 35,6 |
| דייטשלאַנד * . . | 1925 | 22.606 | 76.533 | 99.139 | 42,8 |
| רומעניע ** . . . | 1930 | 60.000 | 30.000 | 90.000 | 50,0 |
| פאַראייניקטע שטאַטן ** . . | 1930 | 400.000 | 500.000 | 900.000 | 50,0 |
| אַנדערע לענדער ** | 1930 | 200.000 | 100.000 | 300.000 | 50,0 |
| סך־הכל . | | 1.130.417 | 1.079.541 | 2.209.958 | 38,7 |

אין פוילן און רוסלאַנד איז די צאָל אַרבעט־נעמער איצט אַ סך גרעסער ווי עס איז אָנגעגעבן אין דער טאַבעלע, — אין ראַטן־רוסלאַנד זיינען אין 1932 געווען שוין אַרום 700.000 יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אין פוילן אַרום 400.000. אַזוי אַרום מוז מען קומען צו דער מסקנא, אַז ביי היינטיקן טאָג דערנעענטערט זיך די צאָל יידישע פּראָלעטאַריער צו אַ דריי־מיליאָניקער מאַסע, וואָס באַטרעפט לערך 40% פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע יידן. אין אייניציקע לענדער דערגרייכט דער פּראָצענט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אַ העלפט און אַפילו מער ווי אַ העלפט פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע יידן; אין דעם גרעסטן טייל לענדער באַטרעפט ער פון איין דריטל ביז צוויי פינפטל פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע.

דער כמותדיקער וווּקס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט אָבער ווייט אַריבערגעשטייגט זיין איכותדיקן וווּקס: נאָך אַ קאַמף פון צענדליגער יאָרן, וואָס איז ניט זעלטן דערגאַנגען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, האָט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט דאָך ניט אָפּגעגליקט צו פאַר־

* נאָר פּרייסן, בייערן, סאַקסן און האַמבורג, וואָס האָבן 88% פון אַלע דייטשע יידן.

** לויט אָפּשאַצונג.

נעמען דעם אָרט אין דער אינדוסטריע, וואָס פּאַסט פאַר זײַן כּמותדיקער וואָג. ער איז געבליבן דער עיקר אַ האַנדלס־ און האַנטווערקער־פּראָלעטאַריאַט, און דאָס איז פאַר אים שטאַרק ניט גינסטיק. דאָס רעכט אויף אַרבעט, וואָס איז געוואָרן דער לאָזונג פון די ברייטסטע יידישע מאַסן און וואָס איז דער יסוד און די הויפּטלעכע באַוועג־קראַפט פון אַלע יידישע פּאָליטישע באַוועגונגען, נעמט אַרײַן אין זיך אויך דאָס רעכט אויף אַן אָרט אין דער גרויסער אינדוסטריע.

---

III

## האַנדל בײַ יידן און האַנדל אין פון פאַרשיידענע לענדער

מיר גייען איבער צו דער ראָלע פון דעם האַנדל אין דעם לעבן פון יידן אין פאַרשיידענע לענדער און צו דער ראָלע פון יידן אין דעם האַנדל פון פאַרשיידענע לענדער. שוין לאַנג פאַרבײַ די צײַט, ווען מען האָט געמעגט זאָגן, אַז אַלע יידן האַנדלען, פאַרנעמען זיך מיט מסחר. אַפילו אין די לענדער פון מערב־ און מיטל־אייראָפּע, ווו יידן מאַכן אויס אַ נישטיקן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, שטײַגט דער פּראָצענט פון יידן סוחרים און הענדלער ניט אַריבער 50 פּראָצ׳ פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע יידן. אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע און אין די אימיגראַציע־לענדער ווידער, ווו יידן לעבן אין קאָמפּאַקטע מאַסן, מאַכן די סוחרים און הענדלער אויס נאָר 35 ביז 40 פּראָצענט פון אַלע יידן. אמת, אויך אָט דער פּראָצענט איז זייער אַ הויכער און אומעטום שטײַגט דער פּראָצענט הענדלער בײַ יידן אַ סך מאָל אַריבער דעם דאָזיקן פּראָצענט בײַ ניט־יידן: אין מערב־אייראָפּעישע לענדער פון דעם טיפּ, אין דייטשלאַנד למשל, שטײַגט ער אַריבער 5 מאָל, און אין די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער, אַ שטייגער אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד אָדער אין גאַליציע, מער ווי 40 מאָל דעם פּראָצענט הענדלער בײַ ניט־יידן. פון 100 עקאָנאָמיש אַקטיווע זײַנען געווען פאַרנומען אין די צווײַגן האַנדל און קרעדיט:

| לענדער | יאָר פון פאָלקס-ציילונג | ביי יידן | ביי ניט-יידן |
| --- | --- | --- | --- |
| 1) דייטשלאַנד . . . . . . . . | 1925 | 49,3 פּראָצ' | 10,3 פּראָצ' |
| 2) אונגאַרן . . . . . . . . . | 1920 | 44,1 " | 3,8 " |
| 3) בעמען און מערן . . . . . . | 1921 | 42,9 " | 5,7 " |
| 4) סלאָוואַקיע . . . . . . . . | 1921 | 42,4 " | 2,0 " |
| 5) פּוילן . . . . . . . . . . | 1921 | 35,1 " | 1,5 " |
| פון דעם: | | | |
| 6) גאַליציע . . . . . . . . | 1921 | 38,5 " | 0,9 " |
| 7) רומעניע * . . . . . . . . | 1913 | 37,9 " | 1,9 " |
| 8) קאַרפּאַטן-רוסלאַנד . . . . . | 1921 | 24,5 " | 0,7 " |

וואָס מער אַגראַריש עס איז אַ געביט, אַלץ נידעריקער איז דער פּראָצענט פון די פאַרנומענע אין האַנדל בכלל, סײַ בײַ יידן סײַ בײַ ניט-יידן; דער אונטערשייד ווידער צווישן יידן און ניט-יידן ווערט אַלץ קלענער, וואָס העכער עס שטײַגט דער עקאָנאָמישער שטאַנד פון לאַנד. אַזוי איז אין גאַליציע און קאַרפּאַטן-רוסלאַנד, וואָס דאָרט זײַנען סך הכל 2,5 פּראָצ' פון דער באַפעלקערונג פאַרנומען אין האַנדל, דער פּראָצענט הענדלערס בײַ יידן 40 מאָל אַזוי גרויס ווי דער זעלביקער פּראָצענט בײַ ניט-יידן; אין רומעניע און פּוילן עטוואָס ווייניקער ווי 20 מאָל אַזוי גרויס, אין בעמען און מערן נאָר 8 מאָל; אין דײַטשלאַנד, וואָס דאָרט זײַנען 11,7 פּראָצ' פון דער באַפעלקערונג פאַרנומען אין האַנדל, איז דער פּראָצענט הענדלערס בײַ יידן סך הכל נאָר 5 מאָל אַזוי גרוס ווי בײַ ניט-יידן. קלאָר, אַז וואָס העכער עס איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון אַ לאַנד, אַלץ מער דערנעענטערט זיך דער אָנטייל פון ניט-יידן אין האַנדל צום אָנטייל פון ניט-יידן.

הייסט דאָס, אַז אַוועק איז ניט בלויז די צײַט, ווען מען האָט געמעגט זאָגן, אַז אַלע יידן זײַנען הענדלערס, נאָר אויך די צײַט, ווען מען מעג זאָגן, אַז אַלע הענדלערס און פאַרמיטלערס זײַנען יידן. אין משך פון גאַנצן 19טן יאָרהונדערט, און באַזונדערס אין אָנהייב 20טן י"ה, איז דער וווּקס פון די האַנדלס-עלעמענטן בײַ דער ניט-יידישער באַפעלקערונג געגאַנגען אַ סך אינטענסיווער ווי בײַ דער יידישער. פון איין זײַט האָבן אַרײַנגעשטראָמט אין די שטעט אַרײַן די קינדער פון

* אַלט-רומעניע.

די פריצישע קלאסן, וואס האבן ניט געפונען קיין פארוועגדונג פאר זייערע כוחות אין דער דארפישערווירטשאפט און האבן קודם-כל פארנומען באאמטן-פאסטנס און די ליבעראלע פראפעסיעס, אבער א גענוגע צאל פון זיי האבן געקראגן חשק צום האנדל. פון דער צווייטער זייט האבן כסדר זיך אויסגעטיילט אלץ נייע עלעמענטן פון פויערטום, וואס האבן זיך אנגענומען מיט דער מאדערנער קולטור און האבן אלץ מער און מער געשטרעבט צום האנדל, — צוערשט אין דער זיי מער באקאנטער דארפישער סביבה און שפעטער אויך אין שטאט.

פאר דער מלחמה האבן די דאזיקע ארגאנישע פראצעסן פון דעם וווקס פון די האנדלס-קאנקורענטן צווישן די פארשטייער פון דעם מערהייט-פאלק דערגרייכט צו א ברייטן פארנעם נאר אין די לענדער פון מיטל-אייראפע, ווו דער קאמף צווישן די נאציאנאלע גרופעס איז געווען לפי-ערך אפגעשוואכט אדאנק דעם אינטענסיוון אנטוויקלונגס-גאנג פון דעם האנדל. נאך דער מלחמה אבער האבן אט די פראצעסן אין גאנץ אייראפע זיך אויסגעגאסן אין שארפע פארמען פון שטורעם און דראנג צו די ליבעראלע און סוחרישע פראפעסיעס, און דאס האט געבראכט צום אומגלויבלעכן וווקס פון אנטיסעמיטיזם אין די אוניווערסיטעטן, צום וווקס פון אנטי-יידישע באוועגונגען צווישן שטאטישן קליינבירגערטום און פארמעגלעכן פויערטום. אין דייטשלאנד, ווו די דערמאנטע פראצעסן האבן דערגרייכט צו זייער העכסטן פונקט פון אנטוויקלונג, האט דער קאמף קעגן „פרעמדשטאמיקן" קאנקורענט אנגענומען די פארם פון אן ארגאניזירטער מלחמה, וואס די יידן האבן זיך נאטירלעך ארויסגעוויזן אין איר פארן שוואכערן צד. אין מזרח-אייראפע, ווו אט די פראצעסן האבן גענומען זיך האסטיק אנטוויקלען ערשט נאך דער מלחמה, ווערן זיי אלץ שארפער און קריגן דעם כאראקטער פון אן אימפעטיקן דראנג צו די ליבעראלע און סוחרישע פראפעסיעס מצד דעם בדלות-געווארענעם פריצישן קלאס און מצד דעם אויפגעוועקטן פויערטום. די פויערשע מאסן פון אלע לענדער פון מזרח-אייראפע זיינען ערשט נאך דער מלחמה אריינגעצויגן געווארן אין דעם אקטיוון פאליטישן און קולטורעלן לעבן פון זייערע פעלקער. די אויפגעוועקטע אפעטיטן און פרעטענזיעס פון אט דעם יונגן פול-בלוטיקן קלאס, וואס קומט אין שטאט אריין מיט געזונטע נערוון, מיט פויערשער איינגעשפארטקייט און פראקטישקייט, וואס באוואפנט זיך גיך מיט מאדערנעם וויסן און פארשטייט זייער גוט אויסצונוצן דאס דאזיקע וויסן, — די דאזיקע אפעטיטן וועלן געבן זייערע אמתע רעזולטאטן ערשט אין די באנטסטע יארצענדלינגער. דעריבער באדארף מען זיך ריכטן און מורא

האָבן, אַז אין די דאָזיקע לענדער וועט דער עקאָנאָמישער קאַמף אָנ־גענומען מיט דער צײַט נאָך שאַרפערע פאָרמען, ווי אין דײַטשלאַנד.

ווי באַוווּסט, האָבן די פויערשע און האַלב־פויערשע פּאַרטייען אין פוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער זעלבשטענ־דיקייט. די מלוכה־אַפּאַראַטן אין אַלע די דאָזיקע לענדער געפינען זיך אין אַ גרויסער מאָס אין די הענט פון מענטשן, וואָס שטאַמען פון אַ פויערשער סביבה און זײַנען נאָך עד־היום ענג פאַרבונדן מיטן דאָרף. דער אַזוי־גערופענער נאַציאָנאַלער באָלשעוויזם, וואָס ווערט דורכגעפירט אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון אָט די אַלע לענדער, און דער אַזוי־גערופענער עטאַטיזם, ברענגען אין דער אונטערשטער שורה צו דער אַרײַנציִונג פון זייערע פויערשע מאַסן אין יענע ווירט־שאַפט־צווײַגן, וואָס ביז איצט האָבן אין זיי געשפּילט די פירנדיקע ראָלע יידן. פאַרשטייט זיך, אַז אויפן פרײַען מאַרק וואָלטן אָט די פויערשע עלעמענטן, וואָס זײַנען ווינציק געניט אין מסחר, ניט געקענט באַשטיין קעגן דער קאָנקורענץ פון די געניטערע יידן. איצט אָבער האָט דאָס פאַלן פון דעם יידישן אָנטייל אין האַנדל און אין די ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס, וואָס פאַר דער מלחמה האָט עס געטראָגן דעם כאַראַקטער ניט פון אַבסאָלוטער אַרויסשטופונג, נאָר פון לערכדיקער פאַרקלענערונג, אָנ־גענומען דעם כאַראַקטער פון אַבסאָלוטער אַרויסשטופונג, וואָס דער־גייט ממש צו אַ קאַטאַסטראָפע.

די ווייטערדיקע טאַבעלע אילוסטרירט אויסגעצייכנט דאָס פאַלן פון דעם אָנטייל פון יידן אין האַנדל נאָך פאַר דער קאַטאַסטראָפישער אַרויסשטופונג פון לעצטן יאָרצענדליק.

פון 100 פאַרנומענע אין האַנדל און קרעדיט זײַנען געווען יידן:

| לאַנד אָדער שטאָט | סוף 19טן אָדער אָנהייב 20טן י"ה | | נאָך דער מלחמה | |
|---|---|---|---|---|
| | יאָר | פּראָצ' יידן | יאָר | פּראָצ' יידן |
| קרוין־פוילן . . . | 1897 | 75,4 | 1921 | 66,8 |
| מזרח־גאַליציע . . | 1900 | 88,6 | 1921 | 85,7 |
| מערב־גאַליציע . . | 1900 | 77,0 | 1921 | 67,4 |
| וואַרשע . . . . . | 1882 | 79,3 | 1921 | 60,0 |
| לאָדזש . . . . . | 1897 | 67,8 | 1921 | 61,6 |
| ליטע . . . . . | 1897 | 85,7 | 1923 | 73,1 |
| לעטלאַנד . . . . | 1925 | 41,4 | 1930 | 37,4 |
| אונגאַרן . . . . . | 1900 | 52,3 | 1920 | 40,6 |
| בודאַפּעשט . . . | 1900 | 62,2 | 1920 | 50,6 |
| דײַטשלאַנד . . . | 1895 | 7,5 | 1925 | 4,9 |

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, ערשטנס, אַז נאָר אין גאָר
אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווו דער גאַנצער האַנדל איז אַ קליינער, געפינט
ער זיך כמעט אינגאַנצן איז יידישע הענט; אין קולטור=לענדער אָבער,
מיט אַן אַנטוויקלטן שטאָט=לעבן, מיט אַן אַנטוויקלטן גרויס=האַנדל, בילדן
יידן גאָר אַ קליינעם פּראָצענט פון די האַנדלס=עלעמענטן. צווייטנס,
אין אַלע לענדער און שטעט, אָן שום אויסנאַם, פאַלט דער אָנטייל פון
יידן אין האַנדל, דערביי האָט אָט דאָס דאָזיקע פאַלן זיך אָנגעהויבן
פריער און שטאַרקער אין די אינדוסטריאַליזירטע לענדער, איידער אין
די אַגראַרישע. מען מוז אויך נאָך נעמען אין אַכט, אַז עס זיינען פאַראַן
ידיעות נאָר פון ציילונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן האַרט נאָכן
סוף פון דער מלחמה. און גראָד די נאָכמלחמהדיקע יאָרן האָבן אויף
דעם געביט אָנגעמאַכט אַן אמתע רעוואָלוציע.

איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס העלפט מיט אַרויסצושטופן יידן
פון האַנדל, און איינער פון די פאַקטאָרן אויף צו דערציען ניט=יידישע
קאָנקורענטן, וואָס זיינען געניט אויפן האַנדלס=געביט, איז די קאָאָפּע=
ראַטיווע באַוועגונג. אין פוילן, ליטע, לעטלאַנד אאַז"וו זיינען אַריינ=
געצויגן אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אַ סך מיליאָנען שטאָטישע
און דאָרפישע איינוווינער. עס זיינען געשאַפן געוואָרן טויזנטער קרע=
דיט=, געברויך= און לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס לא די
וואָס זיי געניסן הנחות אין שטייערן, נאָר זיי קריגן אויך קרעדיטן פון
דער מלוכה און אָפט אויך סובסידיעס. די אויסקערן פון די לאַנד=
ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון ביים איינקויף און פאַרקויף פון לאַנד=
ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און מאַשינעס דערגרייכן צענדליגער מיליאָ=
נען דאָלערס. גענוג צו זאָגן, אַז 82 פּראָצ' פון דעם פּוטער=עקספּאָרט
פון פוילן גייט דורך די קאָאָפּעראַטיוון, אַז אין איין מזרח=גאַליציע
איז פאַראַן אַ נעץ פון 3.200 אוקראַינישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן
קאָנצענטרירט אין זייערע הענט דעם גרעסטן טייל פון דעם פאַרקויף
פון מילך=פּראָדוקטן און עופות. דער אוקראַינישער צענטראַלער פאַר=
באַנד פון מזרח=גאַליציע האָט אין יאָר 1929 געהאַט אַן אויסקער פון
21.379.353 גילדן, אין 1930 — 12.423.312 גילדן. אין 1930 האָט דער
דאָזיקער פאַרבאַנד אָפּגענומען ביי זיינע מיטגלידער 217 וואַגאָן פּוטער
און איבער 200 וואַגאָן אייער, וואָס אַן ערך אַ העלפט דערפון האָט ער
עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד, דער עיקר קיין ענגלאַנד און דייטשלאַנד,
און דאָס איבעריקע פאַרקויפט אויפן אינעווייניקסטן מאַרק אין זיינע
אייגענע מאַגאַזינעס. אין פוילן נעמען די פאַרשיידענע מינים קאָאָפּע=
ראַטיוון אַרום אַן ערך 10 מיליאָן נפשות (ד"ה ביי אַ דריטל פון דער

באַפעלקערונג), וואָס זײַנען אָרגאַניזירט אין 17.476 קאָאָפּעראַטיוון. פון די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון זײַנען בײַ אַ העלפט לאַנדווירטשאַפטלעכע און געברויך=קאָאָפּעראַטיוון, וואָס פירן מיט גרויס הצלחה דעם קאַמף קעגן יידישן קליינעם קרעמער און קעגן יידישן אויפקויפער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון זײַנען אויך געוואָרן זייער גוטע האַנדלס=שולן, וואָס פון זיי קומען אַלע יאָר אַרויס הונדערטער פּריוואַטע קרעמערס, מיט אַ האַנדלס=געניטשאַפט און מיט קענטעניש פון מאַרק.

אין ליטע איז דעם צענטראַלן מילכיקער=פאַרבאַנד געראָטן צו פאַראייניקן איבער 80.000 פּויערים=מילכיקערס. דער דאָזיקער פאַרבאַנד האָט עקספּאָרטירט אין יאָר 1933 9 מיליאָן קילאָגראַם פּוטער. ער האָט אויסגעצאָלט די פּויערים=מילכיקערס אין יאָר 1932 4.800.000 גאָלד=דאָלאַר, און אין יאָר 1933, מחמת דער פאַרקלענערונג פון דעם עקספּאָרט קיין דײַטשלאַנד, 3.000.000 גאָלד=דאָלאַר. אַ צווייטער קאָאָפּעראַטיווער פאַרבאַנד האָט עקספּאָרטירט בהמות אויף 5.500.000 גאָלד=דאָלאַר. נאָך אַ פאַרבאַנד פון קאָאָפּעראַטיוון, וואָס פאַרנעמט זיך דער עיקר מיטן אײַנקויפן סחורות פאַר געברויך=קאָאָפּראַטיוון און צושטעלן די פּויערים לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זיי דאַרפן האָבן פאַר דער פעלד=אַרבעט, האָט אויך געהאַט אין 1932 אַן אויסקער פון 3.000.000 גאָלד=רובל. איבער 80 פּראָצ' פון ליטווישן עקספּאָרט גייט דורך דער קאָאָפּעראַציע, וואָס איז בעצם אַ מלוכה=אָרגאַן, מחמת די מלוכה גיט איר ניט נאָר גרויסע פּריווילעגיעס און וואָלוועלן קרעדיט, נאָר זי שטיצט זי אויך מיט גרויסע סובסידיעס. מחמת דער טענדענץ, וואָס הערשט איצט אין דעם האַנדלס=אויסבײַט פון דער וועלט צו פאַרקויפן נאָר דאָרט, ווו מען קאָן צוגלײַך פאַרקויפן, זײַנען די דערמאָנטע קאָאָפּעראַטיווע צענטערס די לעצטע צײַט געקומען צו אָרגאַניזירן אויך דעם אימפּאָרט און אַרויסנעמען אים פון פּריוואַטע הענט. און אויב דאָס אָפּנעמען בײַ יידן די עקספּאָרט=פּאָזיציע איז צוגעגאַנגען פּאַוואָליע, פּאַראַלעל מיט דעם פּאַמעלעכדיקן וווקס פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, קאָן דאָס אָפּנעמען בײַ זיי די אימפּאָרט=פּאָזיציע פאָרקומען זייער גיך. דער אימפּאָרט האָט זיך געפונען אין דער לעצטער צײַט כמעט אויף $^{3}/_{4}$ אין יידישע הענט.

ניט ווינציקער אַנטוויקלט איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע אין לעטלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע, ווו זי ווערט אויך סובסידירט פון דער מלוכה. אין רומעניע מאַכט זי נאָר די ערשטע טריט, אָבער מיט הצלחה.

מען קאָן נאַטירלעך גאָרנישט ניט האָבן קעגן דעם, וואָס די רעגירונגען פון אַלע לענדער האַלטן אונטער ווי ווײַט מעגלעך די דאָזיקע פּראָגרעסיווע און נוציקע באַוועגונג. אָבער ערשטנס, וואָלטן די רעגירונגען באַדאַרפט אַכטונג געבן דערויף, אַז דער קאַמף קעגן פאַרמיטלער זאָל ניט אָננעמען קיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן כאַראַקטער, זאָל ניט טראָגן דעם כאַראַקטער פון קאַמף אויסשליסלעך קעגן י י ד י ש ן קרעמער. צווייטנס, אויב די רעגירונג באַפרײַט דעם פויער אָדער דעם אַרבעטער פון דעם פאַרמיטלער, איז זי דאָך מחויב אַ טראַכט צו טאָן אויך וועגן גורל פון אָט דעם פאַרמיטלער, וואָס בלײַבט אָן ברויט.

---

## IV

# ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש אַ פ ט  ב ײַ  י י ד ן

4,2 פּראָצענט יידן, וואָס לעבן פון ע ר ד = אַ ר ב ע ט, איז, פאַרשטייט זיך, אַ נישטיקער פּראָצענט. אָבער ניט דאָס איז דער חידוש, וואָס דער פּראָצענט ערד=אַרבעטער בײַ יידן איז אַזוי קליין, אין אַזאַ מאָס קלענער ווי בײַ ניט יידן, נאָר אַן אויפטו איז גראָד דאָס, וואָס אין משך פון 19טן י"ה איז דער פּראָצענט ערד=אַרבעטער בײַ יידן אויסגעוואַקסן א י ן  פ י ר ן.

4,2 פּראָצענט יידן, וואָס ציען חיונה פון דער ערד — דאָס איז די דורכשניט=צאָל פאַר דער גאָרער וועלט. אין איינציקע לענדער איז פאַראַן אויך אַ גרעסערער פּראָצענט.

מיר ברענגען די ידיעות פון איינציקע לענדער.

די צאָל יידן, וואָס האָבן חיונה פון ערד=אַרבעט:

| ל אַ נ ד | יאָר | אַבסאָלוטע צאָל | פּראָצענט פון אַלע יידן |
|---|---|---|---|
| ראַטן-רוסלאַנד | 1932 | 225.000 | 7,5 |
| דערפון: אוקראַינע | 1932 | 165.000 | 10,6 |
| ווייסרוסלאַנד | 1932 | 50.000 | 12,5 |
| פּוילן | 1921 | 159.147 | 5,6 |
| פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע | 1932 | 100.000 | 2,2 |
| רומעניע | 1925 | 50.000 | 5,7 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | 1921 | 43.261 | 12,2 |
| דערפון: קאַרפּאַטן-רוסלאַנד | 1921 | 25.128 | 27,0 |
| ארץ-ישראל | 1932 | 28.000 | 14,0 |
| אונגאַרן | 1920 | 20.804 | 4,4 |
| אַרגענטינע | 1929 | 19.744 | 10,0 |
| דײַטשלאַנד | 1925 | 6.000 | 1,0 |
| קאַנאַדע און בראַזיל | 1930 | 6.200 | 3,0 |
| ליטע | 1927 | 6.000 | 3,8 |
| לעטלאַנד | 1925 | 867 | 0 9 |
| ס ך - ה כ ל | | 665.023 | 4,2 |

אין די יאָרן 1820—1825 זײַנען אין גאַנץ אײראָפּע געװען אַן ערך 25.000 יידן, װאָס האָבן געלעבט פון ערד־אַרבעט (דערפון אין 15 גובער־ניעס פון רוסלענדישן תחום — אין יאָר 1818 — 12.685); אין יאָר 1860 — אַן ערך 100.000 (דערפון אין 25 גוב׳ פון רוסלאַנד — אַן ערך 85.000); אין יאָר 1900 — אַן ערך 350.000 (דערפון אין רוסלאַנד — אין 1897 — 197.000, און אין עסטרײַך־אונגאַרן — לויט די דאַטעס פון 1900 — 139.810); און אין די יאָרן 1930—1931 — 665.000, ד״ה 26 מאָל אַזוי פיל װי מיט 100 יאָר צוריק, און 2 מאָל אַזוי פיל װי אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט.

װי באַװוּסט, האָבן אַלע דרײַ רעגירונגען פון די לענדער, װאָס האָבן צװישן זיך צעטיילט פּוילן און האָבן געקראָגן צוזאַמען מיט אירע געביטן באַדײַטיקע יידישע מאַסן, זיך פאַרמאָסטן אין אָנהייב 19טן י״ה אויף גרויסע פּלענער צו פּראָדוקטיװירן די יידישע מאַסן, און באַזונדערס צוצוציִען זיי צו ערד־אַרבעט. עס זײַנען געגעבן געװאָרן די יידישע ערדאַרבעטער היפּשע פּריװילעגיעס אין פּרט פון אָראָפּנעמען אָדער פאַרגרינגערן די שטײַערן און דעם מיליטער־דינסט. עס איז זיי אויך געגעבן געװאָרן אַ געװיסע פינאַנציעלע הילף, אָבער די אַפּוטרופּסות פון די באַאַמטע און דער צװאַנג־כאַראַקטער פון אָט דער צוציִונג צו ערד־אַרבעט האָבן דערשטיקט די זאַך אין סאַמע אָנהייב, און עס האָבן זיך באַקומען נישטיקע רעזולטאַטן. אָבער דאָס, װאָס עס האָט ניט גע־קאָנט פּועלן די ביוראָקראַטישע האַנט פון דער רעגירונג, ניט געקוקט אויף דער נויט, װאָס האָט געהערשט צװישן יידן, איז דערגרייכט גע־װאָרן בײַ אַ פרײַער אַנטװיקלונג, װיבאַלד נאָר עס זײַנען געשאַפן גע־װאָרן מער װייניקער גינסטיקע רעכטלעכע תנאים. ביזן 19טן י״ה זײַנען דאָך יידן בנוגע צו באַשעפטיקונגען, בפרט בנוגע ערד־באַזיץ, געװען אַרומגעװיקלט מיט אַזאַ נעץ פון כּלערליי גזעצגעבערישע באַגרענעצונ־גען, אַז אַלע פּרװון צו נאָרמאַליזירן די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן האָבן זיך געמוזט אָנשטויסן אויף מניעות ניט בײַצוקומען.

ערשט דער 19טער יאָרהונדערט האָט, הגם ניט מיט אַמאָל און מיט גרויסע הפסקות, דורכגעריסן אָט די געדיכטע נעץ פון באַגרענעצונ־גען און געשאַפן גינסטיקע תנאים פאַר דער סאָציאַלער דיפערענצירונג פון יידנטום. די געשאַפענע מער װײניקער גינסטיקע תנאים האָבן טאַקע געגעבן פײַנע רעזולטאַטן. אויפן געביט פון אינדוסטריעלער פּראָדוקטיװירונג, װאָס האָט פאַרלאַנגט אַ קלענערן איבערבראָך אין דער זינט יאָרהונדערטער אײַנגעשטעלטער פּסיכיק פון אַ שטאָט־ און האַנדלס־לעבן, זײַנען די פּעולות געװען גאָר באַדײַטיקע. אויפן געביט פון אַגראַריזירונג, װאָס איז פאַרבונדן מיט גװאַלדיקע שװעריקייטן, מחמת

מען האָט געמוזט גובר זײַן די שווערע אויסוויייניקסטע תּנאים און די איַנעווייניקסטע פּסיכישע עיכּובים, זײַנען די אויפטועו ניט געווען אַזוי גרויס. דאָך מעג דאָס יידנטום זיך האַלטן גרויס מיט די דערגרייכטע רעזולטאַטן, נאָך מער דערפאַר וואָס דער איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט איז געשען ניט בלויז אין די ערטער, ווו זיי האָבן שטענדיק געוווינט, אויף קולטיווירטער ערד, נאָר דער עיקר אין געגנטן, ווו מען האָט באַדאַרפט אָנווענדן ממש איבערמענטשלעכע כּוחות, אַרויסווײַזן אומגעהײַערע מסירת נפש און ניט־געוויינטלעכע אײַנגעשפּאַרטקייט.

די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן פון נאָוואָראָסיע, די קאָלאָניסטן־פּיאָנערן פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניזאַציע אין 19טן י״ה, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין יאָר 1807 פון די רײַסישע שטעטלעך אין די לחלוטין ווילדע, ניט קולטיווירטע סטעפּעס פון נאָוואָראָסיע, וואָס האָבן אין משך פון זייער צווייחדשימדיקן וועג אָנגעוואָרן האַלב פון זייערע משפּחה־מיטגלידער, האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ אײַנגעשפּאַרטקייט אין קאַמף מיט דער ווילדער נאַטור, אַזאַ מסירת־נפש אין פּרט פון קענען אויסהאַלטן הונגער און דחקות און אַזאַ פעיקייט זיך אויסצולערנען די אַרבעט, אַז ניט שפּעטער ווי אין אַ צענדלינג יאָר אַרום זײַנען זייערע קאָלאָניעס געשטאַנען ניט נידעריקער פאַר די קאָלאָניעס פון די געניטע דײַטשע קאָלאָניסטן, ווי דאָס האָט קאָנסטאַטירט איינער אַ רוסישער העכערער באַאַמטער. וועגן די וווּנדער, וואָס עס טוען אויף די יידישע חלוצים אין ארץ־ישראל, באַדאַרף מען ניט מאריך זײַן, אָבער אויך די אַרגענטינער קאָלאָניסטן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן פון דער געדיכט באַזעצטער בעסאַראַביע אין די אור־סטעפּעס פון די פּאַמפּאַס, וואָס פריער האָט זיי קײַן מענטשנס טריט ניט אָנגערירט, ווו עס האָט געבושעוועט דער היישעריק, וואָס האָט יאָר אויס יאָר אײַן פּאַרטיליקט דעם בעסטן טייל פון גערעטעניש, — אויך זיי האָבן אויסגעהאַלטן דעם שווערן פּרווו און האָבן דערפירט זייערע קאָלאָניעס ביז צו אַ גאַנץ הויכן ווילשטאַנד. און אָפּגעזען פון דער פּרינציפּיעלער זײַט פון דער פּראַגע און פון די מעגלעכע פּראַקטישע רעזולטאַטן, מוז מען מודה זײַן, אַז די 8000 יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ווײַטן בירא־בידזשאַן, אין אַ געגנט מיט 50־גראַדיקע פרעסט, מיט זומפּן ניט דורכצוגיין, מיט מיאוסע פליגן, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן, מיט ווילדע געדיכטע וועלדער, — די דאָזיקע קאָלאָניסטן האָבן אַרויסגעוויזן בלי ספק העלדישקייט, וואָס איז ווערט די גרעסטע באַוווּנדערונג.

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו דערקלערן אָט די מסירת־נפש פון די אַלע אויסגערעכנטע פּיאָנערן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין

פֿאַרשיידענע עקן וועלט נאָר דורך דער נויט. די נויט פֿון די ברייטע מאַסן האָט דאָ בלתּי ספק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אָבער זי איז ניט געווען דער איינציקער פֿאַקטאָר. די העלדישקייט, וואָס מיר זעען איצט בײַ די חלוצים, וואָלט ניט געקאָנט פֿאַרכאַפּן אַזעלכע ברייטע מאַסן און וואָלט ניט געגעבן אַזעלכע רעזולטאַטן, אויב דער באָדן וואָלט דערצו ניט געווען אַזוי גוט צוגעגרייט. שוין 150 יאָר ווי די יידישע ליטעראַטור — די בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע — הערט ניט אויף צו וועקן פֿײַנטשאַפֿט און פֿאַראַכטונג צו די כּלערליי מינים פֿאַרמיטלע־רישע עסקים און צו רופֿן די יידישע מאַסן צו קערפּערלעכער אַרבעט, צו מלאכה און ערד־אַרבעט. די אויסלייזונג פֿון די יונגע יידישע דורות פֿון דער נויטווענדיקייט צו עפּענען קרעמלעך אָדער צו מעקלערן אויף די מערק איז געוואָרן ניט בלויז דער אידעאַל פֿון דער יידישער אינ־טעליגענץ, וואָס האָט געררופֿן, אין הסכּם מיט די פֿאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, אָדער צו שאַפֿן אַ זעלבשטענדיקע יידישע מלוכה אָדער אַרײַנצוגלידערן די יידישע מאַסן אין די אַרבעט־קלאַסן פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, נײַערט דאָס איז אויך דער ברענענדיקער פֿאַרלאַנג פֿון די ברייטע יידישע מאַסן.

די דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון ערד־אַרבעט זאָגן עדות, אַז יידן זײַנען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות, אַבי זיך אומצוקערן צו אַ נאָרמאַלן לעבן. זיי באַווײַזן אויך, אַז ניט געקוקט אויף דער יאָר־הונדערטער לאַנגער אָפּגעריסנקייט פֿון דער ערד, זײַנען זיי מסוגל צו ווערן גאַנץ פֿעיִקע און אײַנגעשפּאַרטע ערד־אַרבעטער. היות ווי אָט דער פּראָצעס פֿון איבערגאַנג צו ערד ציט זיך שוין מער ווי הונדערט יאָר און כאַפּט אַרום, זאָל זײַן אין פֿאַרשיידענע מדרגות, די יידן פֿון כּמעט אַלע לענדער, פֿון די אָרעמע מאַסן אין גאַליציע, רומעניע, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד א״א ביז די פֿאַרמעגלעכע יידן פֿון צפֿון־אַמעריקע, ממילא איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קיין צופֿעליקער, פֿאַרבײַגייענדיקער ערשײַנונג, נאָר מיט אַן אָרגאַנישן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט טיפֿע וואָרצלען אין דער פֿאָלקס־נשמה. נאָר דערפֿון איז אויך קלאָר, אַז די אַנטוויקלונגס־געזעצן פֿון יידישן עקאָנאָמישן לעבן זײַנען עטוואָס אייגנאַרטיקע, וואָרום גראָד אין דער תּקופֿה, ווען אַלע זײַנען געלאָפֿן פֿון ערד־אַרבעט, האָבן יידן פֿאַרפֿירפֿאַכט דעם פּראָצענט פֿון זייערע ערד־אַרבעטער.

דער איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט איז נאָר אַ שמאָלער פּאַס פֿון יענעם ברייטן שטראָם פֿון איבערגאַנג צו אַרבעט, וואָס איז דער כאַראַקטעריסטיש־סטער שטריך פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון יידנטום אין 19טן י״ה.

מיט דער באַפרייַונג פון פויערטום איז אין מזרח=אייראָפּע אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ ברייטער מאַרק פאַר די פראָדוקטן פון מלאכה און קליין=אינדוסטריע, און גראָד אין אַזעלכע צווייַגן פון די דאָזיקע פראָדוציר=פאָרמען, וואָס זייַנען די יידן ניט געווען פרעמד און וואָס אויף צופאַסן זיך צו זיי האָט זיך ניט געפאָדערט ניט קיין גרויסער פיזישער כּוח, ניט קיין ערנסטער פסיכישער איבערבראָך. אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז אויסגעוואַקסן אַזאַ גוואַלדיקע אַרמיי פון יידישע בעלי=מלאכות אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח=אייראָפּע, אַז דער אינעווייניקסטער מאַרק פון די דאָזיקע לענדער, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פאַמעלעך, האָט זיך אַרויסגעוויסן פאַר צו ענג, און די יידישע בעלי=מלאכות זייַנען געוואָרן די ערשטע עמיגראַנטן, וואָס האָבן געעפנט פאַר די יידישע מאַסן די שטעט פון ענגלאַנד און פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די ראָלע פון די דאָזיקע בעלי=מלאכות אין דער שאַפונג פון דער קאָנפעקציע=אינדוסטריע סייַ אין ענגלאַנד סייַ אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז גענוג באַוווסט. אויף צו משפטן וועגן דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער עמיגראַציע=כוואַליע פון בעלי=מלאכות, איז גענוג צו ברענגען די דאַטעס פון דער אַמעריקאַנער סטאַטיסטיק פאַר די יאָרן 1900 — 1925. פאַר אָט די 25 יאָר האָבן אַרייַנגעוואַנדערט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן 596.043 יידישע בעלי=מלאכות, וואָס פון זיי זייַנען 362.642 געווען פון דער קליידער= און שוכוואַרג=בראַנזשע. די דאָזיקע 596.043 יידישע אימיגראַנטן האָבן אויסגעמאַכט 60,1 פראָצענט פון אַלע יידישע עקאָנאָמיש=אַקטיווע אימיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער ערשטער תּקופה פון דער יידישער מאַסן=עמיגראַציע האָבן בעלי=מלאכות אויסגעמאַכט נאָך אַ גרעסערן פראָצענט פון אַלע יידישע עמיגראַנטן. היות ווי די אייַנוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט באַטראָפן נאָר אַן ערך 70% פון דער גאַנצער יידישער עמיגראַציע פון מזרח=אייראָפּע, בכן מעג מען קומען צו דער מסקנא, אַז אין די יאָרן 1900 — 1925 האָבן עמיגרירט פון דאָרטן מינימום דריי פערטל מיליאָן יידישע בעלי=מלאכות און אַז אָנגעהויבן פון יאָר 1880 האָט די צאָל יידישע בעלי=מלאכות, וואָס האָבן עמיגרירט פון מזרח=אייראָפּע, איבערגעשטייַגט אַ מיליאָן נפשות.

אָבער ניט בלויז די שטעט פון צפון=אַמעריקע האָבן אויפגענומען אין זיך הונדערטער טויזנטער יידישע בעלי=מלאכות — אויך אַלע די געטאָס, וואָס די מזרח=אייראָפּעיִשע יידן האָבן געשאַפן אין לאָנדאָן, פאַריז, בריסל, בערלין, זייַנען דער עיקר קאָלאָניעס פון קליין=אינדוסטריע און מלאכה. אָבער אויך אין די עמיגראַציע=לענדער, אין פוילן, גאַ=

ליציע, רומעניע, ליטע אאַז"וו — אומעטום מאַכן זיי אויס ניט ווייניקער ווי האַלב פון אַלע בעלי־מלאכות פון די דאָזיקע לענדער.

אַט די גוואַלדיקע יידישע מאַסן, וואָס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן פון קליין־האַנדל, הויזירעריי, שענקעריי און מעקלעריי צו קליינער היים־אינדוסטריע און מלאכה, זיינען אַריינגעפאַלן אין די שרעקלעכע תנאים פון דער שוויץ־סיסטעם: 16—18 שעהדיקער אַרבעטסטאָג אין פינסטערע וואַרשטאַטן אָן שיין און אָן זון, אַ גראָשנדיקער אַרבעטס־לוין; סעזאָן־כאַראַקטער פון דער אַרבעט, און ממילא רעגולערע אַרבעטלאָזיקייט — דאָס איז געווען דער גורל פון דעם ערשטן און צום טייל נאָך פון צווייטן דור פון דער דאָזיקער אַרבעט־מאַסע ניט בלויז אין די אַלטע געטאָס פון די שטעט פון די מזרח־אייראָפּעישע מלוכות, נאָר אויך אין די נייע געטאָס פון לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, בוענאָס־איירעס אאַז"וו.

דער קאַמף פון די דאָזיקע יידישע מאַסן איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: פון איין זייט האָבן זיי פאַרפירט אַ קאַמף פאַר אויסבעסערן די אַרבעטס־תנאים אין יענע פּראָדוציר־צווייגן, ווו זיי האָבן זיך קאָנ־צענטרירט אַדאַנק אַ סך היסטאָרישע, עקאָנאָמישע און שטייגערישע סיבות, און פון דער אַנדער זייט אַ קאַמף פאַר אַן אָרט אין יענע פאַבריקן, וואָס האָבן באַוויזן אויסצוואַקסן אין אייניקע בראַנזשעס פון דער היים־אינדוסטריע, למשל אין דער מעכאַניזירטער טעקסטיל־אינדוסטריע, אין דער מעכאַנישער שוסטעריי אאַז"וו. דער דאָזיקער קאַמף איז פול מיט טראַגיזם, סיי אין זיין ערשטן טייל סיי אין צווייטן, וואָרעם ניט געקוקט אויף די העלדישע אָנשטרענגונגען פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, האָבן די אָביעקטיווע תנאים פון די דאָזיקע פּראָדוציר־פאָרמען זיך אַרויסגע־וויזן אַזעלכע, אַז אַלע דערגרייכונגען, ווי די פאַרקירצונג פון אַרבעטס־טאָג, די קאָנצענטרירונג אין גרעסערע וואַרשטאַטן, דער שוץ פון פרויען־און קינדער־אַרבעט וכדו', האָבן זיך אָפט אַרויסגעוויזן פאַר ווינציק דויערנדיקע. נאָך טראַגישער איז געווען דער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער פאַר אַן אָרט אין דער מעכאַניזירטער גרויס־אינדוסטריע, — מען האָט געמוזט קעמפן ניט בלויז קעגן באָיקאָט פון דער יידישער אַרבעט מצד די פאַבריקאַנטן, נאָר אויך קעגן די אייגענע חברים — די ניט־יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַלטן די מעכאַנישע אַרבעט פאַר זייער מאָנאָפּאָל. חוץ דעם באַדייטיקן ערפאָלג פון די יידישע אַרבעטער אין ביאַליסטאָק, וואָס האָבן אין אַ בלוטיקן קאַמף (אין פולן זינען פון דעם וואָרט!) זיך דערשלאָגן צו אַ 50־פּראָצענטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט ביי די מעכאַנישע וועבשטולן, האָט דער דאָזיקער קאַמף ביז

הײַנט געגעבן ביז גאָר באַשײדענע רעזולטאַטן. מען מוז נאָך מוסיף זײַן דערצו, אַז עס רעדט זיך די גאַנצע צײַט װעגן דעם רעכט פון יידישע אַרבעטער אויף אַרבעט אין די פאַבריקן פון יידישע פאַבריקאַנטן. אין פאַבריקן פון ניט־יידישע פאַבריקאַנטן האָט די יידישע אַרבעט קײנמאָל ניט געהאַט און האָט אויך איצטער קײן צוטריט ניט.

---

V

## די ראָלע פון עמיגראַציע אין יידישן לעבן

מיטן איבערגאַנג פון דער אַגראַר־פעאָדאַלער אָרדענונג צו דער קאַפּיטאַליסטישער זײַנען געשאַפן געװאָרן צוערשט אין מיטל־אײראָפּע, און דערנאָך אין מזרח־אײראָפּע גינסטיקערע תנאים אויף צו הײבן דעם עקאָנאָמישן שטאַנד פון די יידישע מאַסן. ערשטנס, זײַנען באַדײַטיק אויסגעװאַקסן און האָבן זיך פאַרפעסטיקט די העכערע און מיטעלע קלאַסן. די אַנטװיקלונג פון באַנק־װעזן, פון אײַזנבאַן־בוי, די אויס־ברײטערונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אויסבײַט, דער װוּקס פון אינע־װײניקסטן מאַרק צוזאַמען מיטן װוּקס פון די שטעט — פון אָט דעם גאָלדענעם רעגן פון דעם ערשטן אויפבלי־פעריאָד פון קאַפּיטאַליזם האָבן יידן אָן ספק אַרויסגענומען ניט װײניקער, און אפשר נאָך מער נוצן, אײדער די געהעריקע קלאַסן פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. די יידישע גרויסע און מיטל־בורזשואַזיע איז באַדײַטיק אויסגעװאַקסן אין כמות, און אין איכות זײַנען אירע געװינסן געװען ניט קלענער. אָט די פינאַנציעל־עקאָנאָמישע מאַכט פון אַ לפי־ערך קלײנעם הײפל יידן האָט געשטאָכן די אויגן און האָט געשאַפן די אילוזיע װעגן דער מאַכט פון גאַנצן יידנטום. נאָר װינציקער פון אַלץ איז אָט די דאָזיקע מאַכט גע־װען אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל־יידישע: קײן יידישע מלוכה איז דאָך ניט געװען, און ממילא האָט דאָס יידנטום פון דער מאַכט פון דער יידישער בור־זשואַזיע גאָרנישט ניט געקאָנט געניסן. אין דער אמתן איז דאָס ניט געװען קײן מאַכט פון דער י י ד י ש ע ר בורזשואַזיע װי אַ קלאַס, װאָס איז פאַרבונדן אָרגאַניש מיט זײַן נאַציע, נאָר די מאַכט פון אײנציקע יידן, װאָס איטלעכער פון זײ איז געװען אַ פעסט־באַהעפטער טײל פון דער בורזשואַזיע פון יענעם לאַנד, װוּ ער איז טעטיק.

אָבער אַפילו אין דײַטשלאַנד, װוּ יידן האָבן זיך געהאַט דערהויבן צו דער גרעסטער מדרגה בנוגע צום װוּקס פון דער גרויס־און מיטל־

בורזשואַזיע, האָבן אָט די צוויי גרופּעס אפילו בעת דעם העכסטן אויפבלי פון דײַטשן עקאָנאָמישן לעבן ניט אויסגעמאַכט מער ווי 20% פון אַלע יידן אין דײַטשלאַנד. וואָרעם אויך דאָרט איז פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן געוואַקסן אַ יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסע, אַ מאַסע פון אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געלעבט נאָר פון די הכנסות פון זייער אַרבעט. שוין לויט דער פּאָלקס=ציילונג פון 1907 זײַנען אין דײַטשלאַנד געווען 96.810 יידן אָנגעשטעלטע, אַרבעטער און באַדינערס, וואָס האָבן אויסגעמאַכט 37,1% פון אַלע עקאָנאָמיש=אַקטיווע יידן. לויט דער פּאָלקסציילונג פון 1925 האָט די צאָל פון די דאָזיקע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן דערגרייכט ביז 125.000 און האָט אויסגעמאַכט שוין 42,8% פון אַלע עקאָנאָמיש=אַקטיווע יידן. 75% — 80% פון די יידן, וואָס זײַנען געווען פאַרנומען אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין דײַטשלאַנד, האָבן אין די בעסטע צײַטן פאַרדינט אויף אַן אָנשטענדיקן לעבן, און אין קריזיס=יאָרן האָבן זיי געליטן נויט. הויך איז אויך געווען פאַר דער מלחמה דער פּראָצענט פון קליינע הענדלערס, אַגענטן, מעקלערס, וואָס האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן. לויט די דאַטעס פון די שטייער=הערכות פון די יידישע קהילות אין דײַטשלאַנד קאָן מען פעסטשטעלן, אַז אין די בעסטע צײַטן האָבן די קאַפּיטאַל=קרעפטיקע קלאַסן אויסגעמאַכט ניט מער 15% — 20% פון יידנטום.

דאָס אָקאָרשט געזאָגטע איז שייך צו דער צײַט, ווען דער פּראָצעס פון דעם עקאָנאָמישן וווּקס פון גאַנץ דײַטשלאַנד, און דערין אויך פון די דײַטשע יידן, האָט נאָך אַ הונדערט=יאָריקער אַנטוויקלונג דערגרייכט צו זײַן העכסטן פּונקט. אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה איז די לאַגע געווען גאָר אַן אַנדערע. די אויפנעמיקייט פון די נײַע חיונה=מקורים, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן, האָט אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן אַנטוויקלונג ווײַט ניט געדעקט די חיונה=מקורים פון פאַלנדיקן פעאָדאַליזם, וואָס האָבן געהאַלטן אין אויסגעטריקנט ווערן און פאַרשווינדן. פּאַראַלעל מיט דער דײַטשער עמיגראַציע, וואָס האָט אָנגענומען אַ מאַסן=כאַראַקטער אין די 30—40קער יאָרן פון 19טן י״ה און איז געוואַקסן כסדר ביז צו די 70—80קער יאָרן, ווען זי האָט אָנגעהויבן פאַלן, איז געגאַנגען אויך אַ י י ד י ש ע עמיגראַציע, וואָס האָט אויסגעמאַכט אַ לפי ערך העכערן פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג ווי בײַ ניט= יידן. פאַר דער צײַט פון די 30ער ביז די 80ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן אויסגעוואַנדערט פון דײַטשלאַנד אַן ערך 200.000 יידן; דאָס האָבן זיי אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַרן רוב יידישע קהילות אין די צפון=אַמעריקאַנער פאַראייניקטע

שטאַטן; זיי זײַנען אויך געווען די פּיאָנערן פון דער יידישער עמי־גראַציע קיין לאָנדאָן און פּאַריז, קיין דרום־אַמעריקע און דרום־אַפריקע.

די אַנטוויקלונג אין מזרח־אייראָפּע האָט אַ סך שותּפישע שטריכן מיט דעם אָקאָרשט סקיצירטן בילד, מיט דער גרונד־ליניע פון זײַן אַנט־וויקלונג. נאָר די תּנאים זײַנען דאָרט געווען אַזוי פאַרשיידן פון די דײַטשע, אַז דאָס גאַנצע בילד האָט געקראָגן גאָר אַן אַנדער כאַ־ראַקטער.

די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ סך שפּעטער און איז ניט געגאַנגען מיט אַזאַ גיכן און אינטענסיוון טעמפּ. אין גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען אין אָנהייב 19טן י"ה געווען עטוואָס איבער 200.000 יידן, און צום סוף פון יאָרהונדערט עפּעס מער פּאַר אַ האַלבן מיליאָן; אין מזרח־אייראָפּע זײַנען אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געווען $2^1/_4$ מיליאָן יידן, און צום סוף פון יאָרהונדערט איבער 7 מיליאָן. אין דײַטשלאַנד האָבן יידן שטענדיק אויסגעמאַכט ניט מער ווי איין פּראָ־צענט, און אין מזרח־אייראָפּע די גאַנצע צייט 10—12 פּראָצענט. אין דײַטשלאַנד איז די עמאַנסיפּאַציע פון יידן געווען פאַרענדיקט אין דער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, אין מזרח־אייראָפּע ערשט נאָך דער וועלט־מלחמה. איז נאַטירלעך, וואָס די אויסגעוואַקסענע קאַפּיטאַל־קרעפטיקע קלאַסן — די גרויס־ און מיטל־בורזשואַזיע — זײַנען אין מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום געווען סײַ אין כּמות, סײַ אין איכות אַ סך שוואַכער ווי אין דײַטשן יידנטום. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס די אויפּגעמיקייט פון די נײַע חיונה־מקורים, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן אין מזרח־אייראָפּע, איז נאָך מער ניט געווען גענוג פאַר יענע גרויסע יידישע מאַסן, וואָס זײַנען געווען געצוווּנגען איבער גוואַלד אָדער דורך דעם צעפאַל פון דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט צו פאַרלאָזן די דערפער און שטעטלעך און זוכן זיך פּרנסה אין די גרויסע שטעט. דאָ איז שוין געגאַנגען ניט וועגן צענדליקער טויזנטער, נאָר וועגן מי־ליאָנען. הונדערטער טויזנטער יידן האָבן זיך אָנגעקליבן אין די גרוי־סע און מיטלע שטעט פון מזרח־אייראָפּע, האָבן געשאַפן נײַע צווײַגן פון האַנדל און אינדוסטריע, געשאַפן דאָס ניט נאָר דורך זייער קאַפּי־טאַל, נײַערט אויך דורך זייער אַרבעט. אָבער נאָך גרעסערע מאַסן האָבן זיך געשטופּט אין די דאָזיקע שטעט אַרײַן און האָבן קיין שום האָפענונג ניט געהאַט צו געפינען דאָרט פּרנסה. דאָ האָט די עמיגראַ־ציע לאָ די וואָס פאַרגרינגערט דעם צופּאַסונג־פּראָצעס בײַם איבערגאַנג פון דעם פעאָדאַליזם צום קאַפּיטאַליזם, דורך דעם וואָס זי האָט אָפּגע־

שוואַכט די קאָנקורענץ, דאָ האָט זי בפועל ממש געראַטעוועט פון הונ־גער־טויט. פאַר איינע 34 יאָר (1880—1914) האָבן אויסגעוואַנדערט פון מזרח־אייראָפּע ביי דריי מיליאָן יידן; פון זיי האָבן איבער צוויי מי־ליאָן אַריינגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און רומעניע; די פּאָליטישע רדיפות און רעכטלעכע באַגרע־נעצונגען אין דעם גרעסטן טייל לענדער פון מזרח־אייראָפּע — דאָס האָט אַלץ די עמיגראַציע־כוואַליעס העכער געהויבן, אָבער ניט דאָס האָט זיי לכתחילה אַרויסגעבראַכט, וואָרעם פון גאַליציע, בוקאָווינע, פון די אַגראַ־רישע געגנטן פון אונגאַרן, ווו אין די לעצטע 50 יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה זיינען קיין ספּעציעלע גזרות אויף יידן ניט געווען, איז געגאַנ־גען ניט קיין שוואַכערע עמיגראַציע, איידער פון רומעניע און פון צאַ־רישן רוסלאַנד.

מיר וועלן ברענגען עטלעכע דאַטעס, וואָס וועלן באַלייכטן די ראָלע און באַדייטונג פון דער עמיגראַציע אין לעבן פון יידנטום פאַר די לעצטע הונדערט יאָר. די דאָזיקע דאַטעס אילוסטרירן אויך אויס־געצייכנט, ווי אַזוי די נויט האָט צעזייט און צעשפּרייט דאָס יידנטום אין אַלע עקן וועלט, ווי אַזוי די נויט האָט געצוווּנגען מענטשן צו זוכן גליק אין די פאַרוואָרפנסטע עקן פון דעם כדור־הארץ, וואָס זיי האָבן פריער וועגן זיי קיין השגה ניט געהאַט.

אין משך פון די הונדערט יאָר 1830—1930 האָבן עמיגרירט פון אייראָפּע ביי אַ פיר מיליאָן יידן. פון זיי קיין אַמעריקע: 3.285.000. דער גרעסטער רוב פון די עמיגראַנטן — 2.900.000 — זיינען אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. קיין אַרגענטינע — 175.000. קיין קאַנאַ־דע — 130.000. ניטאָ איצט קיין איין מלוכה אין צענטראַל־און דרום־אַמעריקע, ווו עס זאָלן ניט זיין קיין יידישע קיבוצים. טשילי, פּאַראַגוואַי, אורוגוואַי, ווענעצועלאַ — אומעטום האָבן זיך געבילדעט יידישע אינז־לען די לעצטע יאָרן, נאָכדעם ווי די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן כמעט פאַרמאַכט זייערע טויערן. בראַזיל, מעקסיקע, קובאַ האָבן נאָך פריער צוגעצויגן עטלעכע צענדליגנג טויזנט עמיגראַנטן.

צוויי דריטל פון אַלע עמיגראַנטן פון אייראָפּע זיינען געגאַנגען פון צאַרישן רוסלאַנד (אין די פאַר־מלחמהדיקע גרענעצן); 14,0 פּראָ־צענט פון אַלע עמיגראַנטן — פון פאַרמלחמהדיקן עסטרייך.

די ווייטערדיקע ריי ציפערן ווייזט דאָס שטייגן און פאַלן פון דער יידישער עמיגראַציע־כוואַליע. די יערלעכע דורכשניט־צאָל פון די יידישע עמיגראַנטן איז געווען:

די יאָרן:

| | |
|---|---|
| 1830 — 1870 | 4 — 5 טויזנט |
| 1870 — 1880 | 8 — 10 ״ |
| 1881 — 1900 | 50 — 60 ״ |
| 1900 — 1914 | 150 — 160 ״ |
| 1915 — 1920 | 15 — 20 ״ |
| 1921 — 1924 | 90 — 100 ״ |
| 1925 — 1930 | 40 — 45 ״ |
| 1930 — 1932 | 20 — 25 ״ |

ביז דער מלחמה האָבן די כוואַליעס פֿון דער יידישער עמיגראַציע אַלץ געשטייגט. די מלחמה האָט מיט גוואַלד איבערגעריסן דעם דאָזיקן וווּקס, נאָר פֿאָרט האָבן זיך דורך אַלע פֿראָנטן און פֿאַרצאַמונגען, מיט סכנות נפֿשות, דורכגעריסן אַלע יאָר ביז צוויי צענדליק טויזנט יידישע עמיגראַנטן, שטרעבנדיק אין פֿאַרשיידענע מלוכות פֿון אַמעריקע, קיין אויסטראַליע און דרום־אַפֿריקע. תּיכּף נאָכן סוף פֿון דער מלחמה האָבן די כוואַליעס פֿון דער יידישער עמיגראַציע זיך אויפֿגעהויבן ביז הונדערט טויזנט אַ יאָר. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די באַגרענעצונגען און קוואָטעס, וואָס האָבן געצווונגען די יידישע עמיגראַציע זיך איינצושרומפּן, אַזוי אַז זי איז דערגאַנגען אין די גאָר לעצטע יאָרן ביז דער נישטיקער ציפֿער פֿון 20—25 טויזנט אַ יאָר, בעת ווען הונדערטער טויזנטער און אפֿשר מיליאָנען יידן האָבן זיך שוין לאַנג איינגעלעבט מיטן געדאַנק וועגן עמיגראַציע, לעבן נאָר מיט דער דאָזיקער האָפֿענונג, קאָנען זיך ניט דערוואַרטן ביז דעם גליקלעכן טאָג, ווען מען וועט זיך קאָנען לאָזן אין וועג אַריין.

לויט די צאָל נפֿשות פֿאַרנעמען יידן דעם 12טן אָרט אין אייראָפּע; לויט דער צאָל אַרויסגעשיקטע עמיגראַנטן פֿאַר די לעצטע הונדערט יאָר — דעם פֿערטן אָרט נאָך די ענגלענדער, דייטשן און איטאַליענער. די יידישע עמיגראַציע האָט געגעבן פֿאַר די יאָרן 1908—1925 צוריקגעקומענע אַהיים ס״ה 5,2% — 13 מאָל ווינציקער, ווי ביי די רומענער און מאַדיאַרן, 11 מאָל ווייניקער, ווי ביי די איטאַליענער און אוקראַינער און 8 מאָל ווייניקער, ווי ביי די פּאָלאַקן. אויף דעם אינדוסטריעלן כאַראַקטער פֿון דער יידישער עמיגראַציע האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אויבן.

---

# VI

## די ווירקונג פון דער מלחמה און פון די פּאָגראָמען אויפן גורל פון די רוסישע יידן

אינדוסטריאַליזירונג און איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט אויף די אַלטע ערטער צוזאַמען מיט דער עמיגראַציע, וואָס איז געווען אַ מין אינטענ־סיווער המשך פון די ערשטע צוויי פּראָצעסן — דאָס זײַנען די וועגן, וואָס אין זיי איז דאָס יידנטום געגאַנגען אין משך פון גאַנצן 19טן יאָר־הונדערט ביז צו דער מלחמה. הגם מען האָט געקאָנט קאָנסטאַטירן אַ באַדײַטיקע פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן און אַ באַדײַטיקע געזונט־ווערונג פון זייער סאָציאַלער סטרוקטור, דאָך זײַנען די פּראָבלעמעס פון דער נאָרמאַליזירונג פון דער דאָזיקער סאָציאַלער סטרוקטור נאָך ווײַט ניט געווען פאַרענטפערט; גאַנץ גרויסע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן נאָך אַלץ געפירט אַ לעבן פון קבצנים.

קליינע קרעמערס און מאַרק־אויפקויפערס האָבן נאָך אַלץ אויס־געמאַכט אַ צו גרויסן טייל פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום; דער יונגער דור האָט זיך געווענדט צו מלאכות און היים־אינדוסטריע, אָבער באַלד האָט די קאָנקורענץ אין די דאָזיקע ווירטשאַפט־צווײַגן אָנגענומען די שרעקלעכסטע פאָרמען, און דער פאַרדינסט פון די פאַרנומענע אין די דאָזיקע ווירטשאַפט־צווײַגן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ נישטיקן, אַז עס האָט לחלוטין ניט געקלעקט אפילו אויף אַ קבצנישן לעבן. אין דער היים־אינדוסטריע — אין דער זאָקנמאַכערײַ, אין שוסטערײַ אאַז"וו — האָט די יידישע מאַסע אָנגעטראָפן די קאָנקורענץ פון דער וואָלוועלער ניט־יידישער דאָרפישער אַרבעט. אָט די זעלביקע וואָלוועלע פויערשע אַרבעט איז געווען אויך איינע פון די הויפּט־סיבות, פאַרוואָס די יידישע אַרבעטער זײַנען געבליבן אין דרויסן נאָך אין אָנהייב פון דער אַנטוויק־לונג פון דער פאַבריק־אינדוסטריע. אַז פאַבריק־אַרבעט האָט אָנגעהויבן ווערן בעסער באַצאָלט, און יידישע אַרבעטער האָבן גענומען ציען זיך אין די פאַבריקן אַרײַן, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געדיכטער פרעמדער מאַסע, וואָס אַרײַנדרינגען אין איר איז געווען זייער שווער. געווען נאָך אויך זייער אַ הויכער פּראָצענט מענטשן אָן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע, אַ פּראָצענט פון בעטלערס און טיילווײַז נויטבאַדערפטיקע, וואָס האָבן זיך געלייגט ווי אַ שווערע משא אויף דער יידישער געזעלשאַפט.

לויט אַן אַנקעטע, וואָס די יק"א האָט דורכגעפירט אין יאָר 1898

אין רוסלאַנד, האָבן געמוזט אָנקומען צו מעות־חטים ערב פּסח 132.855 יידישע משפּחות. דאָס האָט באַטראָפן 18,8% פון אַלע יידישע משפּחות אין רוסלאַנד. פון 75 ביז 80 פּראָצענט יידישע בעלי־מלאכות אין רוס־לאַנד האָבן פאַרדינט ווינציקער פון 250 רובל (125 דאָלאַר) אַ יאָר. דער פּראָצענט פאַרמעגלעכע בעלי־מלאכות איז געווען אַ נישטיקער.

ניט בעסער איז געווען די לאַגע, און עטערוויַיז נאָר ערגער, אין גאַליציע, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, רומעניע אאַ"וו.

אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, איז אָנגעקומען פאַרן יידנטום אין אייראָפּע, בפרט פאַר די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן, אַזאַ פינסטערע צייַט, אַ צייַט, וואָס האָט אַרויסגעריסן אַזוי פיל קרבנות אין מענטשן און אין גוטס, איז געקומען אַזאַ איבערקערעניש אין די פּער־ספּעקטיוון אויף דער צוקונפט, אַזאַ האָפענונגסלאָזיקייט, אַזאַ יאוש, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַלעמען, אַז וועגן דער פאַרמלחמה־צייַט רעדט מען בייַ יידן ווי וועגן אַ וויַיט־פאַרגאַנגענער גליקלעכער צייַט.

אַלע פעלקער האָבן געבלוטיקט אין דער וועלט־מלחמה. דעם יידנטום איז אויסגעקומען צו קעמפן אויף פאַרשיידענע פראָנטן ; דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעשטעלט הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן און האָט געבראַכט זייַן חלק קרבנות אויפן דאָזיקן מזבח. און עס וואָלט קיין פלאַץ ניט געווען פאַר באַזונדערע טענות און קלאָגן, ווען צו די טראַגעדיעס פון מאַמעס און טאַטעס, וואָס האָבן געשיקט זייערע זין אין טויט אַרייַן, וואָלט ניט צוגעקומען אין דעמאָלטיקן צאַרישן רוסלאַנד די באַזונדערע, ספּעציפישע, אויסשליסלעך יידישע טראַגעדיע — די טראַ־געדיע פון אַ פאָלק, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן פון די איינגעזעסענע ערטער אין די הונדערטער טויזנטער, מיט זקנים און קליינע קינדער, מיט טראָגעדיקע וויַיבער און מיט די חולאים פון די שפּיטאָלן, און גע־טריבן ווי אַ טשערעדע קרעציקע שאָף אין פרעמדע לענדער, געטריבן מיטן שטעמפּל פון בוגדים אויפן שטערן. און איבער די זעלביקע וועגן, וואָס איבער זיי זייַנען געגאַנגען צענדליגער טויזנטער יידישע סאָל־דאַטן אויף די פיל רוסישע פראָנטן, כדי אַוועקצולייגן זייערע קעפּ פאַר רוסלאַנד, האָבן זיך געצויגן לאַנגע וואַנדער־צוגן פון די אייגענע און קרובים פון די זעלביקע סאָלדאַטן, אַרויסגעטריבן פון די נאָענטע ערטער פון פראָנט. הונדערטער טויזנטער יידן האָט די צאַרישע רעגירונג אַרויסגעיאָגט פון זייערע וואוין־ערטער, בדלות געשטעלט און געמאַכט פאַר קבצנים גאַנצע יידישע קהילות.

לויט די דאַטעס פון דעם יידישן הילפס־קאָמיטעט האָט די צאָל אַרויסגעטריבענע און אַנטלאָפענע פון די ערטער, וואָס ליגן נאָענט צו

די פראָנטן, דערגרייכט ביז 600.000 יידישע נפשות. די גובערניעס פון יידישן תּחום האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי איבערגעפּאַקט מיט אַרויסגעשיקטע און אַנטלאָפענע יידן, אַז די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ חיה=רעהשע אכזריות אין די רדיפות אויף יידן, וועלנדיק אַזוי ווי אויסלאָזן צו זיי דעם גאַנצן כעס פאַר די מפּלות אויפן פראָנט און צוגלײַך צוגרייטן אַ שעיר לעזאזל אויף דעם פאַל, ווען דער פאָלקס=צאָרן זאָל אויסברעכן קעגן די שלימזלדיקע רעגירערס, — אָט די זעלביקע צאַרישע רעגירונג איז געווען געצוווּנגען צו עפענען די אינעווייניקסטע גובערניעס פון רוסלאַנד פאַר די אומגליקלעכע קרבנות פון דער מלחמה. אַן אַנקעטע=אויספאָרשונג צווישן 10.000 אַרויסגעשיקטע משפחות האָט געוויזן, אַז נאָר 5,0% פון זיי האָבן באַוויזן צו פאַרנעמען מיט זיך זייער אייגנס; 22,0% פון די אַרויסגעשיקטע זײַנען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע היימען אין אַזאַ אײַלעניש, אַז זיי האָבן ניט באַוויזן מיטצונעמען להלוטין גאָרנישט פון זייער פאַרמעגן. די איבעריקע האָט אָפּגעגליקט אַרויסצוכאַפּן לערך 12—13% פון זייער האָב=און=גוטס. עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז די היזקות אין אייגנס פון אַלע 600.000 אַנטלאָפענע און אַרויסגעשיקטע יידן האָבן דערגרייכט לערך 700 ביז 800 מיליאָן גאָלד=רובל, ד"ה 350 ביז 400 מיליאָן גאָלד דאָלאַרס.

פון די 8 מיליאָן יידן פון מזרח=אייראָפּע האָבן 4 מיליאָן געוווינט אין דעם עצם מלחמה=פּאַס און האָבן געליטן גענוג מאַטעריעלע היזקות און געבראַכט גענוג מענטשן=קרבנות. דאָס גאַנצע גאַליצישע יידנטום, דאָס יידנטום פון קרוין=פּוילן, ליטע און ווײַסרוסלאַנד, אַן ערך אַ העלפט פון אוקראַאינישן יידנטום — סך=הכּל איבער פיר מיליאָן יידן — האָבן איבער פינף יאָר געלעבט אַ פראָנט=לעבן און אַריבערגעטראָגן אַלע שרעקנס, אַלע שלעק און פּורעניותן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט אַזאַ לעבן.

די מלחמה האָט נאָך ניט באַוויזן זיך צו ענדיקן, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די רוסישע רעוואָלוציע, דער צעפאַל פון רוסלאַנד, דער ביר=גער=קריג, און ווי אַ צוגאָב צו אַלע צרות און פּײַן, חוץ קאָנפיסקאַציעס, וואָס האָבן אָנגערירט אַלעמען, חוץ דער אַלגעמיינער פאַראָרעמונג און הונגער, — זײַנען פאַר יידן נאָך צוגעקומען די פּ אָ ג ר אָ מ ע ן. דאָ איז ניט דער אָרט אויף צו דערציילן וועגן די פיזישע קרבנות און וועגן דעם פסיכישער צעטרייסלונג, וואָס דאָס יידנטום האָט איבערגעלעבט דורך די פּאָגראָמען. מיר וועלן נאָר דערמאָנען, אַז אין די פּאָגראָמען זײַנען דערהרגעט געוואָרן איבער 75.000 יידן — ⅔ פון די מאַנס=בילן אין עלטער פון 20—50 יאָר. פון פאַרשיידענע עפּידעמיעס, וואָס

זיינען געקומען נאָך די פּאָגראָמען, זיינען געשטאָרבן איבער הונדערט טויזנט יידן. נאָך די פּאָגראָמען און עפּידעמיעס זיינען ביי יידן צוגעקומען צו די מלחמה=אלמנות און מלחמה=יתומים ביי אַ הונדערט טויזנט פרישע פּראָגראָם=אלמנות און ביי צוויי מאָל הונדערט טויזנט פרישע פּאָגראָם=יתומים. אַרום צוויי מיליאָן יידן האָבן 3—4 יאָר געלעבט אין אַן ערד=פּאַס, ווי פּאָגראָמען און עפּידעמיעס האָבן זיך אַ סך מאָל איבערגעחזרט, און אַן ערך אַ האַלב מיליאָן יידן זיינען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע איינגעזעסענע ערטער און אַנטלויפן ווי די אויגן טראָגן, בכדי צו ראַטעווען דאָס לעבן. פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין 530 פּונקטן; די צאָל פון די פּאָגראָמען איז העכער 1400; אויספאָרשונגען פון עטלעכע טויזנט פּאָגראָם=געליטענע האָבן געוויזן, אַז איבער 30,0% פון זייערע הייזער זיינען חרוב געוואָרן און דער מאַטעריאַל צוגענומען; 28,0% הייזער זיינען געוואָרן פאַרברענט; בלויז 21,0 פּראָצענט זיינען פאַרקויפט געוואָרן צו קריסטלעכע שכנים, פאַרשטייט זיך פאַר גראָשנס; ביי אַ 10,0 פּראָצ' הייזער זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר. אַפילו בערך קאָן מען ניט אויסדריקן אין ציפערן די מאַטעריעלע היזקות פון די פּאָגראָמען, — זיי דערגרייכן זיכער ביז אַ סך הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרס.

דאָס איז געווען די ירושה פון דער מלחמה, פון די אַרויסטרייבונגען און פּאָגראָמען, וואָס דאָס יידנטום האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער נייער, נאָכמלחמהדיקער אייראָפּע, אין דער אייראָפּע, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אויף די חורבות פון רוסלאַנד און עסטרייך. פאַרשטייט זיך, אַז די בקיצור אויסגערעכנטע קרבנות האָבן אָגעשוואַכט און אויסגעצערט ניט בלויז יענע טיילן פון יידנטום, וואָס האָבן דירעקט געליטן פון אַלע שרעקנס און פורעניות. נאָך איצטער מוז מען היילן די ווונדן פון די מיליאָנען געליטענע יידן. בלויז דאָס צפון=אַמעריקאַנישע יידנטום אַליין האָט איבערגעשיקט געזעלשאַפטלעכע געלטער איבער הונדערט מיליאָן דאָלאַר, און די הילף פון יחידים איז דאָך געווען אַ סך מאָל מער ווי די געזעלשאַפטלעכע. אָבער אויך דרום=אַמעריקע און דרום=אַפריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך און אויסטראַליע האָט געגעבן עטלעכע מיליאָן דאָלאַר פאַר די אינסטיטוציעס פון מזרח=אייראָפּעיִשן יידנטום.

מיר גייען אָבער איבער צו דער אַזוי צו זאָגן אָרגאַנישער קאַטאַסטראָפע פון דעם יידנטום אין מיטל=און מזרח=אייראָפּע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער נייער נאָכמלחמדיקער אַנטוויקלונג=סטאַדיע פון דעם קאַפּיטאַליזם און דורך דעם אַזוי גערופענעם נאַציאָנאַלן

באָלשעוויזם. היות ווי מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן בפּרוטרוט אויף אַלע מלוכות פון מזרח-און מיטל-אייראָפּע, וועלמיר זיך קאָנצענטרירן דער עיקר אויף פּוילן און דײַטשלאַנד, ווו די דערמאָנטע קאַטאַסטראָפע האָט געפונען איר בולטסטן אויסדרוק, כאָטש בײַ גאַנץ פאַרשיידענע פּאָליטישע באַדינגונגען.

---

## VII

## אָרגאַניזירטע איזאָלאַציע

אין דער מאָדערנער מלוכה, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט עקאָנאָמישע פונקציעס, איז די ראָלע פון באַאַמטן געוואָרן ערנסטער און אחריותפולער ווי אין דער ליבעראַלער מלוכה. די מלוכה באַשטימט איצט ניט בלויז דעם רעכטלעכן און פּאָליטישן גורל פון דער באַפעלקערונג, נאָר אויך איר עקאָנאָמישן וווילזײַן, און ניט בלויז אומדירעקט בײַם באַשטימען צאָל-סיסטעמעס, בײַם פאַרענטפערן פּראַגעס פון קאָנטינגענטירונג, בײַם אַרויסגעבן פאַרשיידענע קאָנצעסיעס, דערלויבענישן אויף אַרײַנפיר און אַרויספיר, בײַם באַשטימען אַרויספיר-פּרעמיעס און אַרײַנפיר-אָפּצאָלן אאַז"וו, נאָר אין דעם רוב פאַלן איז די מלוכה אַליין דער גרעסטער אונטערנעמער, דער גרעסטער אַרבעטגעבער.

בפרט איז דאָס שייך צו די נײַ-אויפגעקומענע מלוכות אין מזרח-און מיטל-אייראָפּע, ווו דער מלוכה-קאַפּיטאַליזם האָט זיך באַזונדערס ברייט צעוואַקסן, אַ סך ברייטער ווי אַפילו אין די לענדער מיט אַ הויך-אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם. דאָס וואָס זיי האָבן באַדאַרפט שאַפן די אייגענע אינדוסטריע אונטערן פײַער פון דער קאָנקורענץ פון די מער פאָרגעשריטענע שכנישע לענדער, דאָס וואָס עס האָבן געפעלט פּריוואַטע קאַפּיטאַלן אויף אַ גענוג אינטענסיווער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, אַ גאַנצע ריי פיסקאַלישע און פּאָליטישע סיבות, — דאָס אַלץ האָט געשטופּט די רעגירונגען פון די דאָזיקע יונגע מלוכות צו שאַפן מלוכה-מאָנאָפּאָלן, טרעסטן און אייגענע אונטערנעמונגען. באַלד איז געקומען דער וועלט-קריזיס, וואָס האָט געבראַכט גלײַכצײַטיק סײַ צו אַ קאַטאַסטראָפישער ירידה פון די פּרײַזן אויף די אַגראַר-פּראָדוקטן און סײַ צו אַ שטאַרקער פאַרקלענערונג פון דעם עקספּאָרט פון די דאָזיקע פּראָדוקטן; עס האָבן אויך שטאַרק רעאָרגאַניזירט זייער אַגראַר-ווירטשאַפט אייניקע

BIBLIOTECA MEXICO ביבליאָטעק

אינדוסטריעלע לענדער, וואָס זײַנען געווען די הויפּט־אָפּנעמערס פֿאַר די אַגראַר־פּראָדוקטן. דאָס האָט נאָך מער געצוווּנגען אָט די יונגע האַלב־אַגראַרישע מלוכות צו פֿאַרשטאַרקן זייער אינדוסטריאַליזאַציע, צו פֿאַר־שטאַרקן די אַרײַנמישונג פֿון דער מלוכה אין עקאָנאָמישן לעבן, סײַ דורך כּלערליי רעגולירונגען און סײַ דורך דירעקטן אָנטייל אין ווירט־שאַפֿטלעכן לעבן.

אָט די אַלע אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן פֿאַרגיכערט די אַנטוויקלונג פֿון דעם מלוכה־קאַפּיטאַליזם אין די דאָזיקע נײַע מלוכות, זײַנען נאָך פֿאַרשטאַרקט געוואָרן אַדאַנק אַ גאַנצער ריי געשעענישן דורך דער צוגעקומענעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. אַדאַנק אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע סיבות איז אויסגעקומען, אַז די שטאָטישע פּראָפֿעסיעס, ווי האַנדל, ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס און פֿאַבריק־אונטערנעמונגען, האָבן זיך געפֿונען אין די הענט פֿון פֿאָרשטייער פֿון נאַציאָנאַלע מיעוטים (יידן, דײַטשן און רוסן). דאָס האָט צוגעגעבן די שטעט דעם כאַראַק־טער אַזוי ווי פֿון פֿרעמדע אינזלען אין דעם ים פֿון פּויערשן מערהײַט־פֿאָלק. אַז דאָס מערהײַט־פֿאָלק אין איטלעכער פֿון די אויפֿגעקומענע מלוכות האָט געקראָגן זײַן נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט, האָט עס לא די וואָס פֿאַרנומען דעם גאַנצן פּאָליטישן מלוכה־אַפּאַראַט, נאָר עס האָט אויך גענומען זיך מיט אַלע כּוחות שאַפֿן אַן אייגענע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטעליגענץ און אייגענע הענדלערישע און בכלל פֿאַרמיטלערישע שטאָ־טישע קלאַסן. די רעגירונגען האָבן זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דעם מלוכה־קאַפּיטאַליזם ווי פֿאַר זייער אַ באַקוועמען מיטל צו דערגרייכן וואָס גיכער דעם דאָזיקן ציל, און דאָס האָט געבראַכט נאַטירלעך דערצו, אַז די פֿאָרשטייער פֿון די מיעוטים ווערן אַרויסגעשטופּט פֿון די עקאָנאָ־מישע פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן פֿאַרנומען יאָרהונדערטער־לאַנג. די מלוכה־אונטערנעמונגען זײַנען אויך געוואָרן אַ שול, וואָס פֿון איר גייען אַרויס קאַדרעס געניטע פֿאַרמיטלערס אויך אויפֿן פּריוואַטן מאַרק. און אויב שוין פֿאַר דער מלחמה האָט דער צושטראָם פֿון דאָרפֿישע עלע־מענטן אין די שטאָטישע פּראָפֿעסיעס געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון אַ שטערבונג צו די פּראָפֿעסיעס פֿון די נאַציאָנאַלע מיעוטים, האָט דער דאָזיקער צושטראָם, נאָכדעם ווי דער נאַציאָנאַלער רוב האָט געקראָגן די פּאָליטישע מאַכט, אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ שטורעם און דראַנג, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פֿאַר קיין שום מיטלען.

דער סטודענטישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווילדעוועט שוין איבער אַ צענדליג יאָר אין אונגאַרן, עסטרײַך, דײַטשלאַנד, רומעניע, פּוילן, ליטע און לעטלאַנד, וואָס גיסט זיך אויס אָפּטמאָל אין דער פֿאָרם פֿון

אומרועך, איז זייער סימפּטאָמאַטיש אין דעם פּרט און קאָן דינען פאַר אַ קריטעריום צו משפּטן איבער די אַגרעסיווע כּוחות פון די נײַע פּרע־טענדענטן אויף די יידישע שטעלעס אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס. און אויב אין דייטשלאַנד, ווו דער פאַשיזם האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולן נצחון, זײַנען יידן אינגאַנצן אַרויסגעטריבן פון די אוניווערסיטעטן, זײַנען די נצחונות פון דער פאַשיזירטער סטודענטשאַפט אין די איבעריקע לענדער אויך ניט קיין קליינע.

אַזוי האָבן יידישע סטודענטן אויסגעמאַכט אין אונגאַרן אין 1917—1918 31,7% פון אַלע סטודענטן, און אין יאָר 1931 נאָר 10,5%; אין פוילן האָבן די יידישע סטודענטן אויסגעמאַכט אין 1923—4 — 24,4%, און אין 1932—3 18,7%; אין לעטלאַנד האָבן יידישע סטודענטן אויס־געמאַכט 1920 — 15,7%, און אין 1931 — נאָר 8,5%.

דער פּראָצענט פון יידישע סטודענטן האָט לפי ערך געשטימט מיטן פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג, וואָס גיט אין אַלע לענדער דעם גרעסטן רוב שטודירנדיקע אין די הויכשולן; איצט דערנעענטערט זיך אָט דער פּראָצענט אַלץ מער און מער צו דעם פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג בכלל. נאָר די צרה איז ניט אַזוי דעריך, וואָס די אַבסאָלוטע צאָל יידישע סטודענטן בלײַבט אין אַלע די דאָזיקע לענדער אויף איין שטאַנד, בעת ווען די צאָל ניט־יידישע סטודענטן, בפרט פון צווישן דעם נאַציאָנאַלן רוב, האַלט כּסדר אין וואַקסן, ווי דעריך, וואָס עס ווערן צוגעמאַכט פאַר יידן יענע פאַקולטעטן, וואָס גיבן זיי דעם מאַקסימום אויסזיכטן אויף צו פאַרדינען. ניט דער אַגראָנאָמי־שער פאַקולטעט, ניט דער פילאָלאָגישער, אַפילו ניט דער יורידישער אָדער דער פּאָליטעכניקום גיבן ניט דעם יידן אַזאַ מעגלעכקייט צו פאַר־דינען, ווי דער מעדיצינישער פאַקולטעט. דער גרעסטער טייל פון די אַגראָנאָמען און פילאָלאָגן באַקומען שטעלעס אין מלוכה־דינסט, וואָס יידן האָבן דאָרט גאָר קיין צוטריט ניט; דאָס רוב אינזשענערן און טעכ־ניקער גייען אויף מלוכשה און קאָמונאַלע פּאָסטנס אָדער אויף גרויסע פּריוואַטע פאַבריקן, — דאָס זײַנען אַלץ ערטער, וואָס זײַנען פאַר יידן אינגאַנצן אָדער כּמעט אינגאַנצן פאַרמאַכט; אַ באַדייטיקער טייל יוריסטן ווערן ריכטערס, פּראָקוראָרן, געריכטס־אויספאָרשער, באַאַמטע, — ווידער אַמאָל פּאָסטנס, ווו יידן קאָנען ניט צוקומען; בלײַבט נאָר מעדיצין, ווו די פרײַע קאָנקורענץ שפּילט די הויפּט־ראָלע, און ממילא האָט דאָרט באַגאַבונג, פעיִקײַט אַ גרויסע באַדײַטונג. און אָט גראָד אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט איז דער אויפנעם פאַר יידן מער פון אַלץ באַגרענעצט און ווערט כּסדר אַלץ מער באַגרענעצט. אַזוי האָבן די יידן אויסגעמאַכט

אויף די מעדיצינישע פֿאַקולטעטן אין אונגאַרן אין 1917—18 — 51,5% און אין 1931—32 — 14,3%; אין לעטלאַנד זײַנען געווען יידן-מעדי-קער אין 1920 — 25,7%, און אין 1932 — 6,9%, כמעט אין 4 מאָל ווינציקער, הגם בכלל איז די צאָל יידישע סטודענטן פֿאַרקלענערט גע-וואָרן נאָר אין 2 מאָל; אין פּוילן זײַנען אין 1923—24 געווען אויפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט 30,2% יידן, און אין 1932—33 — 18,4%.

דער לפי-ערך הויכער פּראָצענט פֿון די יידישע סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן פֿון די אויסגערעכנטע לענדער לאָזט זיך דערקלערן דורך דער באַדייטיקער צאָל יידן אויפֿן פֿילאָסאָפֿישן פֿאַקולטעט. נאָר דער דאָזיקער פֿאַקולטעט האָט פֿאַר יידן כמעט קײַן שום פּראַקטישן באַטײַט ניט, וואָרעם די קאַריערע פֿון אַ געלערנטן איז אין די דאָזיקע לענדער פֿאַר יידן לחלוטין ניט צוטריטלעך. אָט זײַנען אייניקע העכסט כאַראַקטעריסטישע דאַטעס. אין ריגער אוניווערסיטעט איז אויף 385 פּראָפֿעסאָרן, דאָצענטן און אַסיסטענטן פֿאַראַן אײן ײנציקער ײד. אין קאָוונע אויף 285 — 3 יידן. די דאָזיקע צוויי אוניווערסיטעטן זײַנען געגרינדעט געוואָרן ערשט נאָך דעם, ווי לעטלאַנד און ליטע זײַנען גע-וואָרן זעלבשטענדיק. אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן זײַנען פֿאַראַן אויף די איבער צוויי טויזנט לערערס פֿון די הויכשולן אַ פּאָר צענדליגג יידן, אָבער דאָס איז צום גרעסטן טייל נאָך אַ ירושה פֿון דער פֿריער-דיקער צײַט, צוגעלאָזטע נײַע יידישע פּראָפֿעסאָרן קאָן מען אויסציילן אויף די פֿינגער. ניט בעסער איז די לאַגע אין אונגאַרן און רומעניע.

אַז דער אָנטייל פֿון יידן אין די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס אין אַלע אויסגערעכנטע לענדער איז געפֿאַלן, איז אַ פֿאַקט אַ זיכערער און אַ פֿאַקט אַ בולטער. די דאַטעס, וואָס מיר פֿאַרמאָגן וועגן קאָוונע, זײַנען בלי ספק כאַראַקטעריסטיש אויך פֿאַר ריגע, אויך פֿאַר וואַרשע, פֿאַר בוקאַ-רעשט, פֿאַר בודאַפּעשט און פֿאַר צענדליגער אַנדערע שטעט פֿון יענע לענדער, וואָס די דערמאָנטע שטעט זײַנען זייערע הויפּטשטעט.

אין קאָוונע זײַנען אין יאָר 1901 געווען 30 דאָקטוירים, צווישן זיי 19 יידן — 63%; אין 1932 זײַנען געווען 123 דאָקטוירים, פֿון זיי יידן 54, ד"ה 44%. נאָר מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז אָט דער פּראָצעס געפֿינט זיך נאָך גאָר אין אָנהייב פֿון זײַן אַנטוויקלונג, — די רעזולטאַטן פֿון יענע אַלע באַגרענעצונגען און באַדריקונגען, וואָס יידי-שע סטודענטן האָבן איצט אויסצושטיין, וועלן זיך לאָזן מערקן ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום. פֿון דער אַנדער זײַט וועט דער דראַנג פֿון די אַלץ וואַקסנדיקע קאַדרעס פֿון די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס פֿון דעם מער-הײַט-פֿאָלק פֿון איטלעכן לאַנד ערשט אין די נאָענטסטע יאָרן אָננעמען

אַנטשיידנדיקע פּאָרמען, פּשוט דערפֿאַר, ווײַל אין אייניקע פֿאַלן האָבן די יונגע אוניווערסיטעטן, ווי למשל דער קאָוונער און דער ריגער, נאָך ניט באַוויזן אַרויסצולאָזן קיין גענוגע צאָל קאָנקורענטן.

אָבער אויב פֿון די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס מוז מען יידן ערשט אַרויסשטופּן, איז בײַם מלוכהשן און קאָמונאַלן דינסט דער ענין אַ סך פּשוטער, — פֿון צאַרישן רוסלאַנד האָבן די נײַע מלוכות גאָר קיין יידישע באַאַמטע ניט איבערגענומען, און די קליינע צאָל באַאַמטע, וואָס איז געבליבן נאָך דעם אַלטן עסטרײַך, איז ניט שווער געווען צו ליקווידירן.

מלוכה־באַאַמטע און אָנגעשטעלטע זײַנען געווען אין פּוילן אין בודזשעט־יאָר 1930 — 1931 — 475.000, צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי לויט דער פֿאָלקס־ציילונג פֿון 1921. לויט אַ ספּעציעלער אַנקעטע*, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן צווישן די מלוכה־באַאַמטע אין יאָר 1923 און וואָס האָט אַרומגענומען 173.713 מאַן, זײַנען דעמאָלט געווען צווישן זיי 3.880 יידן אָדער 2,23%. דער אָנטייל פֿון יידן אין דער באַאַמטנשאַפֿט איז בכן געווען כמעט 5 מאָל ווינציקער ווי דער פּראָצענט יידן אין דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן. נאָר זינט יענער צײַט זײַנען אויף דעם געביט פֿאָרגעקומען גרויסע שינויים, — אין 1923 זײַנען נאָך געווען אין גאַליציע אַ פּאָר טויזנט יידישע באַאַמטע. פֿאַרן משך פֿון די יאָרן זײַנען לא די וואָס ניט צוגענומען געוואָרן קיין נײַע באַאַמטע, נאָר מען האָט געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, כּדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿון דער דאָזיקער עסטרײַכישער ירושה. און עס איז גאָר קיין ספֿק ניט, אַז איצט איז די צאָל יידישע באַאַמטע אַ סך קלענער, ווי אין יאָר 1923, און זי באַטרעפֿט מאַקסימום 1,0% פֿון אַלע באַאַמטע, זי איז 10 מאָל קלענער ווי דער פּראָצענט יידן אין דער באַפֿעלקערונג. עס איז נאָך כדאי צו באַמערקן, אַז גראָד אין יענע מלוכהשע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַ ווירקונג אויפֿן עקאָנאָמישן לעבן, לאָזט מען יידן כמעט אינגאַנצן ניט צו. אַזוי זײַנען פֿון 3.177 אָנגעשטעלטע אין די מלוכהשע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין יאָר 1923 געווען ס"ה 21 יידן, אָדער 0,66%, איצט זײַנען מסתמא אָט די 21 יידן שוין אויך ניטאָ.

נאָר דאָס איז די לאַגע ניט בלויז אין די צענטראַלע מלוכה־אינסטיטוציעס; אין די אָרטיקע אַליינפֿאַרוואַלטונגען איז דער מצב ניט בעסער. אין דעם גרעסטן טייל שטעט פֿון פּוילן איז דער פּראָצענט יידישע אָנגעשטעלטע אין די מאַגיסטראַטן ניט העכער פֿון 2 ביז 3

---

* Statystyka Polski, t. VI, Warszawa, 1925.

פּראָצענט, הגם די יידישע באַפעלקערונג מאַכט דאָרט אויס געוויינטלעך איבער 30%.

אָט זײַנען עטלעכע ציפערן, וואָס כאַראַקטעריזירן די באַציִונג פון די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס צו דער יידישער באַפעלקערונג. יידן מאַכן אויס 33,0% פון דער באַפעלקערונג פון וואַרשע. צווישן די 4.342 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון טראַמוואַי זײַנען געווען 2 יידן, 0,05%. דאָס איז געווען אין יאָר 1928; אין משך פון יאָר 1929 זײַנען אָנגענומען געוואָרן 1500 נײַע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. זײַנען די פּאָרשטייער פון יידישע אַרבעטער אין שטאָט־ראַט אַרומגעלאָפן, געמאָנט, געסטראַשעט, געבעטן, און סוף־כּל־סוף האָט מען אָנגענומען 4 יידן. און אָט זײַנען ווינטער אָנגענומען געוואָרן 1.272 אַרבעטער אויף צײַטווײַליקע אַרבעטן אָפּצורייניקן די שטאָט פון שניי־אָנשיטן. די פּאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער האָבן אָנגעווענדט איבערמענטשלעכע כּוחות, וואָרעם דער הונגער צווישן די צענדליגער טויזנטער יידישע אַרבעטלאָזע האָט אָנגענומען די שרעקלעכסטע פאָרמען, — און זיי האָבן געפועלט: מען האָט אָנגענומען 20 יידן — 1,7%.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1925 זײַנען געווען אין לעטלאַנד 5.291 מלוכהשע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע; צווישן זיי 21 יידן, אָדער 0.4%; צווישן 4.316 באַשעפטיקטע אין פּאָליציי איז קיין איין ייד ניט געווען; אויף 1682 באַשעפטיקטע אין יוסטיץ — קיין איין ייד ניט; אין לעטלענדישן פּאָסט און טעלעגראַף — סך־הכּל 2 יידן; אויפן אײַזנבאַן און טראַמוואַיען — סך־הכּל 33 יידן. אַרום און אַרום זײַנען אויף די איבער 20 טויזנט מלוכהשע און קאָמונאַלע אָנגעשטעלטע און באַאַמטע געווען סך־הכּל אַ פּאָר הונדערט יידן. יידן מאַכן אויס אין לעטלאַנד 5,2% פון דער באַפעלקערונג, און צווישן די באַאַמטע מאַכן זיי אַפילו קיין איין פּראָצענט ניט אויס.

ניט בעסער איז דער מצב אין ליטע. אויף 28.000 מלוכהשע און קאָמונאַלע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע קאָן מען קוים אָנציילן אַ הונדערט יידן. אין קאָוונער שטאָט־פאַרוואַלטונג זײַנען באַשעפטיקט אַרום 500 באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, און יידן זײַנען געווען צווישן זיי נאָר 15, ד"ה 3%. אויף פאַרשיידענע שטאָטישע אַרבעטן זײַנען אין נאָוועמבער 1933 געווען פאַרנומען אַרום 2.000 אַרבעטער, קיין יידן זײַנען צווישן זיי גאָרניט געווען. אין די פּראָווינציעלע שטעט איז ממש אויף חידושים צו קוקן, ווי אַלע באַאַמטן־פּאָסטנס, אפילו אין די פינאַנץ־אינסטיטוציעס, וווּ יידיש וויסן און געניטשאַפט וואָלטן אין פלוג געקאָנט גוט צו־נוץ קומען, זײַנען כּמעט אינגאַנצן פאַרנומען נאָר דורך פאָרשטייער פון דער

מערהייט=נאַציע. אַזוי איז אין ווילקאָווישק אויף 109 מלוכה=באַאַמטע פאַראַן 1 ייד, הגם יידן מאַכן אויס 50% פון דער באַפעלקערונג. אין שאַוול זיינען פאַראַן איבער 900 באַאַמטע, אָבער צווישן זיי נאָר 16 יידן, ווינציקער פון 2%, און צווישן דער באַפעלקערונג מאַכן זיי אויס 20 ביז 25 פראָצענט.

די אָקאָרשט אָנגעוויזענע ערשיינונג באַגעגנט זיך אין אַלע מלוכות פון מיטל= און מזרח=אייראָפּע. כאַראַקטעריסטיש איז, למשל, וואָס אין פראָג, ווו עס איז פאַראַן גאָר אַ גרויסע צאָל יידישע אַדוואָקאַטן, איז ניטאָ קיין איין יידישער נאָטאַריוס. און אין רומעניע קאָן מען ניט גע= פינען אַפילו יענעם מיניִמום יידישע באַאַמטע, וואָס מיר האָבן קאָנסטאַ= טירט אין פוילן, לעטלאַנד און ליטע. אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז די צאָל יידישע באַאַמטע גרעסער; אָבער אויך אין דער דאָזיקער פרייער רעפּובליק, ווו שוין יאָרן לאַנג ווי עס זיצן אין דער רעגירונג צוויי יידן (אמת, זיי זיינען יידן נאָר לויט זייער אָפּשטאַמונג), האַלט דער פראָצענט יידן מלוכה=אָנגעשטעלטע כסדר אין פאַלן.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט נאָר וועגן באַאַמטע און מלוכה=אָנ= געשטעלטע, אָבער די היינטצייטיקע מלוכה גיט דאָך ניט ווינציק אַר= בעט אויך פּשוטע אַרבעטער. למשל, די פּוילישע מלוכה האָט אַ סך אונטערנעמונגען, ווו עס זיינען באַשעפטיקט הונדערטער טויזנטער אַר= בעטער. פינף מאָנאָפּאָלן: פון זאַלץ, טאַבאַק, שפּירעט, שוועבעלעך און לאָטערייע; פיר כעמישע אונטערנעמונגען; קוילן=גרובן; וועלדער און מאַיאָנטקעס; פאַרשיידענע מיליטערישע אונטערנעמונגען אאַז"וו, אאַז"וו. לויט די חשבונות פון געוועזענעם פּוילישן פינאַנץ=מיניסטער מיכאַלסקי האָבן אין יאָר 1925 געהאַט חיונה פון אַרבעט ביי דער מלוכה 8% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון פוילן, און פון דער שטאָטישער באַ= פעלקערונג — גאַנצע 15—16 פראָצענט. זינט דעמאָלט איז די צאָל פאַרנומענע אין די מלוכהשע אונטערנעמונגען שטאַרק אויסגעוואַקסן, און לויט ווי קאָמפּעטענטע מענטשן ווילן האָבן, לעבן פון אַרבעט ביי דער מלוכה 10—11 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אָדער 20—22 פראָצ' פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס מעגן גערעכנט ווערן פאַר די גליקלעכסטע, ווייל זיי זיינען ווינציקער ווי אַלע אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון אַ בעל=הבית און פון די קאַפּריזן פון דעם קריזיס, זיי= נען יידן כמעט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן. ניט אויפן איינזנבאַן, ניט אין די קוילן=גרובן, ניט אין די מיליטערישע אונטערנעמונגען — אין ערגעץ ווערן יידן ניט צוגעלאָזט. לא די וואָס יידן ווערן ניט אָנגענומען פאַר

העכערע אָנגעשטעלטע, נאָר אויך די עטלעכע יידישע טרעגערס, וואָס זײַנען געווען פריער אויף די וואָקזאַלן, זײַנען ליקווידירט געוואָרן. וועגן דער טאַבאַק-אינדוסטריע האָבן מיר גערעדט אין דעם אַרײַנפיר, נאָר די לאַגע איז די זעלביקע אין אַלע ווירטשאַפט-צווײַגן, וואָס גייען אַריבער צו דער מלוכה. די לעצטע יאָרן האָט די מלוכה זיך זייער ברייט פאַרנומען מיט האַקן וואַלד, באַאַרבעטן און עקספּאָרטירן געהילץ— און טויזנטער יידישע משפחות זײַנען געבליבן אָן ברויט. געבליבן אָן ברויט זײַנען ניט נאָר די סוחרים פון געהילץ, נאָר אויך זייערע אָנגעשטעלטע, ספּעציאַליסטן, וואָס זײַנען פריער געווען כמעט אויסשליסלעך יידן, ווײַל אָט דער האַנדלס-צווײַג איז צענדליגגער יאָרן לאַנג געווען אין יידישע הענט.

בראש פון די מלוכהשע אונטערנעמונגען ווערן אַוועקגעשטעלט מענטשן, וואָס ניט בלויז זיי האָבן ניט קיין שום השגה וועגן דעם געגעבענעם ווירטשאַפט-צווײַג, נאָר זיי האָבן בכלל קיין מאָל קײַן שייכות ניט געהאַט ניט צו אינדוסטריע, ניט צו האַנדל. ניט ווינציק קוריאָזן קומען פאָר אויף דעם באָדן, אָבער עס מאַכט קיינעם ניט אויס.

די מלוכה גיט אַרבעט ניט בלויז באַאַמטע, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, נאָר אויך טויזנטער אינזשענערן, כעמיקער, אַרכיטעקטאָרס, דאָקטוירים, און צולעצט צענדליגגער טויזנטער לערערס, — און צווישן אָט די גליקלעכע מענטשן זײַנען ווידער כמעט אָדער לחלוטין קיין יידן ניטאָ.

אין ליטע געהערן 95% פון אַלע וועלדער דער מלוכה. די וועלדער מאַכן אויס 25% פון גאַנצן פאָלקס-רײַכטום פון ליטע. די באַאַרבעטונג און דער עקספּאָרט פון געהילץ איז פון קדמונים אָן געווען אַ באַשעפטיקונג פון ליטווישע יידן — טויזנטער יידישע משפחות האָבן פון דעם געשעפט געצויגן חיונה. די לעצטע יאָרן פאַרלירן יידן אַלץ מער און מער דעם דאָזיקן מקור פון פרנסה, און עס איז קיין ספק ניט, אַז דער טאָג איז ניט ווײַט, ווען יידן וועלן אינגאַנצן זײַן אַרויסגעשטופּט פון אָט דעם ווירטשאַפט-צווײַג. די טענדענץ אַרײַנצונעמען אין דער מלוכה דעם געהילץ-געשעפט האָט פאַרכאַפּט אויך די לעטלענדישע מלוכה, וואָס איז אויך די אייגנטימערין פון דעם גרעסטן טייל וועלדער. און היות ווי אין ליטע און לעטלאַנד, ווי די אַגראַר-רעפאָרם איז דורכגעפירט געוואָרן ראַדיקאַלער, ווײַל די גרויסע פּריצים זײַנען געווען פּרעמדשטאַמיקע, זײַנען די וועלדער אַ סך אין אַ גרעסערער מאָס ווי אין פּוילן אַרײַן אין די הענט פון דער מלוכה, דעריבער קאָן די פאַרמלוכהשאַפטלעכונג פון דעם וואַלד-געשעפט גרינגער און גיכער דורכגעפירט ווערן אין לעבן.

די אייגענע קאַפּיטאַלן פון די מלוכה=אונטערנעמונגען אין פּוילן האָבן אין 1930—1931 דערגרייכט ביז איבער $12\frac{1}{2}$ מיליאַרד גילדן*, אַזוי ווי דאָס גאַנצע פאָלקס=אייגנס פון פּוילן ווערט אָפּגעשאַצט אויף 143 מיליאַרד גילדן**, בכן איז די מלוכה דער בעל=הבית פון אַ צוועלפטחלק פון דעם פאָלקס=אייגנס. אויב מען נעמט אַראָפּ דאָס לאַנדווירטשאַפטלעכע אייגנס, דעמאָלט באַטרעפן די אינדוסטריע=און באַנק=אונטערנעמונגען פון דער מלוכה 22,5 פּראָצ׳ פון דעם גאַנצן האַנדלס=אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל פון פּוילן. ביי אַ פערטל פון דעם האַנדל און אינדוסטריע פון פּוילן געפינט זיך אין די הענט פון דער מלוכה. פאַר יידן איז דאָס אַ צווייענדיקער היזק: ערשטנס זיינען 75%—80% פון יידנטום פאַרנומען אין האַנדל און אינדוסטריע, און וויבאַלד אַז אַ גאַנץ פערטל פון די דאָזיקע ווירטשאַפט=צווייגן זיינען אַרויסגענומען פון פּריוואַטן מאַרק, זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, דערפון מער אָנגערירט ווי די ניט=יידישע באַפעלקערונג, וואָס 75%—80% פון איר זיינען פאַרנומען מיט ערד=אַרבעט; צווייטנס, צווישן די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס זיינען פאַרנומען ביי דער מלוכה, ווי באַאַמטע, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער אין אירע אונטערנעמונגען, זיינען כמעט קיין יידן ניטאָ.

דער ליטווישער מלוכה געהערט נאָך אַ גרעסערער טייל פון דעם פאָלקס=רייכטום ווי דער פּוילישער. ווען מען זאָל נאָך צורעכענען צום מלוכה=אייגנס די קאָאָפּעראַטיווע צענטערס, וואָס זיינען פאַקטיש ווירטשאַפט=אָרגאַנען פון דער מלוכה, וואָרעם נאָר אַדאַנק דער רייכער אונטערשטיצונג פון דער מלוכה זיינען זיי געוואָרן אַזעלכע שטאַרקע עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, — דעמאָלט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער מלוכה געהער איבער 40% פון גאַנצן פאָלקס=רייכטום, און אַז זי קאָנצענטרירט ביי זיך אין די הענט ניט ווייניקער פון איין דריטל פון דעם האַנדל און אינדוסטריע פון גאַנצן לאַנד.

דער פאָלקס=רייכטום פון לעטלאַנד איז אין יאָר 1928 געשאַצט געוואָרן אויף 5.400 מיליאָן לאַט, וואָס דערפון איז אויסגעקומען אויפן חלק פון דער מלוכה 1.800 מיליאָן, ד״ה אַ גאַנץ דריטל.

קיין איין מערבדיקע מלוכה איז ניט דער בעל=הבית איבער אַזאַ גרויסן טייל פון פאָלקס=רייכטום, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין די נאָר וואָס אויסגערעכנטע האַלב=אַגראַרישע מלוכות פון מזרח=אייראָפּע. אונז

* Etatyzm w Polsce, Kraków 1932, p. 311.

** Dr. B. Dederko, Majątek Narodowy Polski, Warszawa 1930, p. 47.

אינטערעסירן אין דעם פאַל ניט אַזוי די סיבות פון דער דאָזיקער אייגנ־אַרטיקער ערשיינונג, ווי אירע רעזולטאַטן וואָס האָבן אַזוי געווירקט אויף יידן. און גראָד אין די דאָזיקע לענדער לעבן יידן אין געדיכטע מאַסן און זיינען קאָנצענטרירט דער עיקר אין יענעווירטשאַפט־צווייגן, וואָס זיינען אין דער גרעסטער מאָס אַרויסגענומען געוואָרן פון פריי־וואַטע הענט.

מיר גייען איבער צו אייניקע באַזונדערע ווירטשאַפט־צווייגן. מיר הייבן אָן פון דעם האַנדלס־קלאַס אין פוילן, וואָס מאַכט אויס ביי יידן איבער אַ דריטל פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע.

האַנדלס־פּאַטענטן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן:

| | | |
|---|---|---|
| אין יאָר | 1924 | — 434.108 |
| „ „ | 1928 | — 465.881 |
| „ „ | 1932 | — 426.003 |

אין די ערשטע 5 יאָר איז די צאָל פּאַטענטן גרעסער געוואָרן אויף 7,3%, און פאַר די לעצטע 4 יאָר איז די דאָזיקע צאָל קלענער געוואָרן אויף 8,6%. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז אין די ערשטע פינף יאָר איז טאַקע געווען אַ גרויסער אויפשטייג פון האַנדל. אַ גענויער אַנאַליז פון די ציפערן באַווייזט, אַז דער דאָזיקער קוואַנטיטאַטיווער וווקס פון די האַנדלס־אונטערנעמונגען באַווייזט לחלוטין נאָך ניט, אַז דער האַנדל האָט געשטייגט, גיכער וואָלט מען פון אָט די אויסגעוואַקסענע ציפערן געמעגט אַרויסדרינגען, אַז עס איז אויסגעוואַקסן די צאָל מענטשן, וואָס האָבן ניט געפונען קיין אָנווענדונג פאַר זייערע כּוחות אין אַן אַנדער ווירטשאַפט־צווייג און דורך עמיגראַציע האָבן זיי ניט געקענט זיך אַרויסראַטעווען (אין יענע יאָרן איז די עמיגראַציע שוין געווען שטאַרק פאַרשווערט), האָבן זיי פון יאוש געעפנט קרעמ־לעך. אַזעלכע קרעמערס פון יאוש זיינען פאַראַן זייער אַ סך אין די שטעטלעך און שטעט פון מזרח־אייראָפּע. דער מענטש ווייס אויף קלאָר, אַז קרעמלעך זיינען פאַראַן איבערגענוג, און אַז די קאָנקורענץ האָט אָנגענומען די קראַנקהאַפטסטע פאָרמען; די פּערספּעקטיוו צו פוילן אַ לעבן לאַנג אין אַ קליינשטעטלדיקן קרעמל, אָן דער האָפענונג אַפילו ווי עס איז דורכצוקומען, צו ווערן באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין קרעמל, ווי מען שמועסט אין די יידישע שטעטלעך, וואַרפט אויף אייניע אַרויף אַ קעלט, טרייבט אַנדערע צו זעלבסט־מאָרד, — און פאָרט עפענען זיך די דאָזיקע קרעמלעך, ווייל עס איז לחלוטין ניטאָ קיין אַנדער אויס־וועג, מען האָט זיך בפועל־ממש ניט ווו אַהין צו ווענדן. נאָר מיר קערן

זיך אום צו די ציפערן. די אַלגעמיינע צאָל פון די האַנדלס־פּאַטענטן איז פון 1924 ביז 1928 גרעסער געוואָרן אויף 31.000, אָבער די צאָל פּאַטענטן פון דער ערשטער און פון דער צווייטער קאַטעגאָריע — הורט־געשעפטן און הורט־און לאחדים־געשעפטן — איז קלענער געוואָרן פון 50.909 ביז 39.866, ד"ה אויף 21,6%. עס איז קלאָר, אַז דער צו־וואַקס פון דער אַלגעמיינער צאָל פון די האַנדלס־אונטערנעמונגען איז נית שטענדיק אַ ראיה, אַז דער האַנדל בליט. נאָר די פאַרקלענערונג פון דער צאָל פּאַטענטן באַווייזט אויך ניט, אַז עס איז קלענער געוואָרן די צאָל הענדלערס, אַז עס איז שוואַכער געוואָרן די קאָנקורענץ אין דעם דאָזיקן ווירטשאַפט־צווייג. פון דער פּראַקטיק ווייסן מיר ווויל, אַז די דאָזיקע צענדליגער טויזנטער קרעמערס, וואָס האָבן ניט אויסגעקויפט קיין פּאַטענטן, ווייל זיי זיינען ניט געווען ביכולת אויסצולייגן מיטאַמאָל די בייטיקע סומע געלט, האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין אַנדער פּרנסה, און זיי האָבן אויך ניט געקאָנט עמיגרירן, — הייסט דאָס, אַז זיי פאַר־נעמען זיך ווייטער מיט „האַנדל", נאָר ניט אין קיין קרעמל און אַפילו ניט אויף אַ שטענדיקן „שטעל" אין מאַרק, נאָר זיי „האַנדלען" אין דער היים, אויף די ראָגן גאַסן, אין מאַרק־צייט, טראָגן פונאַנדער סחורה אין די הייזער, קלייבן באַשטעלונגען פאַר גרויסע פירמעס און זוכן צענד־ליגער אַנדערע סגולות, וואָס דער דלות איז אַזאַ מייסטער אויסצוקלערן.

מיר ריידן וועגן אָט דער שרעקלעכער לאַגע פון די קרעמערס ווי וועגן אַ ריין יידישער ערשיינונג, הגם אין פוילן מאַכן ניט־יידן אויס כמעט אַ גאַנץ דריטל פון אַלע פאַרנומענע אין האַנדל. די מעשה דערפון איז די, וואָס אַ גרויסע צאָל ניט־יידן זיינען פאַרנומען אין קאָ־אָפּעראַטיוון און מלוכהשן האַנדל, — און די וואָס זיינען דערין פאַרנו־מען האָבן ניט געליטן אין אַזאַ מאָס ווי די פּריוואַטע הענדלערס. ווייטער, ניט קיין קליינע צאָל קרעמערס ניט־יידן האַנדלען אין דאָרף, ווו זיי האָבן אויך בלי־ספק שטאַרק געליטן מחמת דער פאַראָרעמונג פון פּויערטום, אָבער אין דאָרף איז ניטאָ און קאָן ניט זיין יענע וואַק־כאַנאַליע פון קרעמעריי, וואָס איז אַ געוויינטלעכע ערשיינונג אין די יידישע שטעטלעך, ווו איטלעכער איז גענוג מסוגל צו פאַרנעמען זיך מיט קרעמעריי, און עס איז פאַראַן גענוג קראָמען, אַז מען זאָל באָרגן סחורה פאַר עטלעכע גילדן און אָנהייבן קרעמערן.

דער אויספיר איז, אַז פון די 40.000 קרעמער, וואָס זיינען ניט געווען אין שטאַנד אויסצוקויפן פּאַטענטן אפילו פון דער נידעריקסטער קאַטעגאָריע, זיינען געווען ניט ווייניקער פון 35.000 יידן. מיט די משפחות מאַכן זיי אויס אַרום 150.000 נפשות. היות זייער האַנדלס־

טעטיקייט גיט זיי ניט פון וואָס צו לעבן, דעריבער מעג מען זיי דרייסט צורעכענען צו די דעקלאַסירטע, וואָס זײַנען גרייט איבערצוגיין צו יעדער באַליביקער אַרבעט, וואָס זײַנען גרייט אָנצוהייבן ווי דאָס זאָל ניט זײַן אַ וואָסער עס איז נײַ לעבן, וואָרעם זייער פאַרבונדנקייט מיט דעם היים=לאַנד האַלט זיך אויסשליסלעך נאָר דערויף, וואָס זיי האָבן ניט קײַן שום מעגלעכקייט זיך צו לאָזן אין וועג אַרײַן, ווײַל אַלע וועגן זײַנען פאַר זיי פאַרשלאָסן.

נאָר אויך דער גרעסטער טייל קרעמערס, וואָס האָבן שוין יאָ אַ פּאַטענט, זײַנען אויף גרויסע צרות. אַזוי ווייסן מיר פון די ידיעות פון פינאַנץ=מיניסטעריום, אַז 76,7% פון אַלע יידישע האַנדלס=אונטערנעמונגען אין ווילנע מאַכן אַן אויסקער אויף ווינציקער פון 10,000 גילדן אַ יאָר; 15% — פון 10.000 ביז 15.000, און נאָר 8,2% פון די יידישע האַנדלס=אונטערנעמונגען מאַכן אַ יאָר=אויסקער פון איבער 25.000 גילדן. אין יאָר 1933 איז די צאָל האַנדלס=פּאַטענטן אין פּוילן ווידער געפאַלן אויף 5.799, ד"ה אויף 1,4%. מער ניט אין די ראַיאָנען, ווי וואַרשעווער און בעלצער, ווו דער פּראָצענט פון יידן אין האַנדל איז ניט זייער הויך, איז די צאָל האַנדלס=פּאַטענטן אַפילו גרעסער געוואָרן אין לעצטן יאָר; אין גאַליציע אָבער, ווו דער פּראָצענט פון יידן אין האַנדל איז זייער הויך, איז די צאָל האַנדלס=פּאַטענטן אין 1933 קלענער געוואָרן אויף 8,7%, כמעט 7 מאָל מער ווי אין גאַנצן לאַנד.

ווי אַזוי באַציט זיך די רעגירונג צום האַנדל? אַרויסגענומען פון פּריוואַטע הענט — לגבי יידן הייסט דאָס אַרויסגענומען בכלל פון זייערע הענט — זײַנען אַ סך ווירטשאַפט=צווײַגן: טאַבאַק, זאַלץ, שוועבעלעך, דער וואַלד=עקספּאָרט און צום טייל דער עקספּאָרט פון די אַגראַר=פּראָדוקטן. נאָר ווי איז די באַציִונג פון דער רעגירונג צום פּריוואַטן האַנדל, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן? די ווײַטערדיקע ציפערן גיבן אַ קלאָרן ענטפער אויף אָט דער פראַגע. די פאָלקס=הכנסה פון פּוילן איז אין יאָר 1928 געווען 18.967.900.000 גילדן, דערפון געפאַלט אויפן האַנדל 2.978.300.000 גילדן,* ד"ה 15,9%. דער חלק פון האַנדל אין די דירעקטע שטייערן באַטרעפט 33,6%,** ד"ה פונקט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי זײַן חלק אין די הכנסות. פון דער סומע פון איבער אַ מיליאַרד גילדן קרעדיטן, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער פּוילישער באַנק פאַר

* Kwartalnik Statystyczny, Warszawa, 1932, p. 146—47.

** Etatyzm w Polsce, p. 242; Ruch Spółdzielczy, 1932, Nr. 7—8, p. 37.

פּאָלקסווירטשאַפט אויפן 31 דעצעמבער 1930, איז אויפן חלק פון האַנדל אויסגעקומען נאָר 26.236.000 גילדן אָדער $2,58^0|_0$, און אין 1931 נאָך ווינציקער — $0,67^0|_0$ *. הגם די לאַנדווירטשאַפט ווערט באַדינט דורך אַ ספּעציעלן באַנק — דעם מלוכהשן לאַנדווירטשאַפטלעכן באַנק, און האָט דאָרט געהאַט קרעדיטן אויפן 1930.12.31 אַן ערך 300.000.000 גילדן, צען מאָל מער ווי דער האַנדל אין דעם באַנק פאַר פּאָלקס־ווירטשאַפט, האָט זי נאָך אין דעם לעצטן באַנק געהאַט אַ קרעדיט צוויי מאָל גרעסער ווי דער האַנדל. דער דריטער מלוכה־באַנק — דער פּוילישער באַנק — האָט אויך געגעבן דעם האַנדל: אין 1930 — $4,3^0|_0$ פון אַלע קרעדיטן; אין 1931 — $5,6^0|_0$ **.

ווען מען זאָל נאָך דערצו מוסיף זײַן, אַז בײַם אַרויסגעבן קרע־דיטן אַ האַנדלס־פירמע שפּילט אַ גרעסערע ראָלע די נאַציאָנאַליטעט פון דער פירמע, איידער איר קרעדיט־פעיִקייט, און אַז אָפן ווערט דורכגע־פירט אַ סיסטעם צו באַגינסטיקן פּוילישע פירמעס, וועט ווערן קלאָר, ווי אַזוי פון איין זײַט ווערן די יידישע הענדלערס באַנומען פון דעם שטײַער־אַפּאַראַט, און פון דער צווייטער זײַט ווערן זיי באַעוולט מצד די מלוכה־קרעדיטן.

וועגן דער אַנטיסעמיטישער קרעדיט־פּאָליטיק פון די מלוכה־בענק וואָלט מען געקאָנט ברענגען אַ סך פאַקטן, נאָר אָט איז אַ פאַקט וואָס זײַן אומגערעכטיקייט רײַסט ממש די אויגן. דער פאַרבאַנד פון די יידי־שע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס נעמט אַרום איבער 500 קאַסעס מיט פּיקדונות, וואָס האָבן אין יאָר 1931 באַטראָפן ביז 50 מיליאָן גילדן, און מיט אַ פאַיִען־קאַפּיטאַל פון 13 ½ מיליאָן גילדן, האָט געהאַט אין די מלוכה־בענק קרעדיטן: ***

| | | סומע | פּראָצ' פון אַלע אויסקער־מיטלען אין די ייד. קאַסעס |
|---|---|---|---|
| 1/I | 1930 | 4.240.692 גילדן | 4,5 |
| 1/I | 1931 | „ 3,354.031 | 3,2 |
| 1/I | 1932 | „ 2.694.740 | 3,4 |
| 1/VI | 1932 | „ 1.098.726 | 1,8 |

דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון האָט גע־האַט אין די מלוכה־בענק אין 1931 קרעדיטן אויף איבער 25 מיליאָן

* Obciążenie państwowemi podatkami bezpośredniemi w 1928 r.; Józef Diamant, W ślepej uliczce, 1933, p. 25.

** דאָרט גופא, ז' 38.

*** Ruch Spółdzielczy, Warszawa 1933, Nr. 1—2, p. 2.

גילדן, ד״ה אַכט מאָל מער ווי דער פאַרבאַנד פון די יידישע קרעדיט=קאָאָפּעראַטיוון, הגם דער ערשטער האָט נאָר אַ 1½ מאָל גרעסערן פאַיקאַפּיטאַל און פיקדונות נאָר אויף אַ דריטל מער.

דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער אין ליטע און אין לעטלאַנד, און אין עטוואָס אַ שוואַכערן גראַד אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין רומעניע טרעט מען איצט צו, ווי עס איז צו זען פון דער ניט לאַנג פאַרעפנטלעכטער עקאָנאָמישער פּראָגראַם פון דער נייער ליבעראַלער רעגירונג, באַזונדערס ענערגיש איינצופירן אַ פּלאַן=ווירטשאַפט, און דאָס מוז, אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, פאַקטיש זיך אויסלאָזן דערמיט, וואָס יידן וועלן אַרויסגעשטופּט ווערן פון אַ סך ווירטשאַפט=צווייגן.

אַזוי האָט אין ליטע די פאָלקס=הכנסה אין יאָר 1928, פאַרן קריזיס, אויסגעמאַכט 1.200 מיליאָן ליט, אָדער 120 מיליאָן גאָלד=דאָלאַר. די הכנסה פון האַנדל און אינדוסטריע האָט אויסגעמאַכט אַן ערך 40% פון דער גאַנצער פאָלקס=הכנסה, און די שטייערן וואָס זיינען אַריינגעקומען פון זיי האָבן באַטראָפן איבער 60% פון אַלע שטייערן. פאַר דער לאַנדווירטשאַפט זיינען געשאַפן געוואָרן באַזונדערע אינסטיטוטן פאַר וואָלוועלן קרעדיט, אַזוי אַז די לאַנדווירטן צאָלן 4½%, בעת ווען די סוחרים און אינדוסטריעלע צאָלן פון 7 ביז 12 פּראָצענט. די אינטענסיווירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט אין ליטע, וואָס אַדאַנק דעם האָט ליטע פאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער צווישן די מלוכות וואָס שטעלן צו מילך און פלייש=פּראָדוקטן פאַר די אינדוסטריע=לענדער, האָט אָפּגעקאָסט דער מלוכה 300 מיליאָן ליט, ד״ה 30 מיליאָן גאָלד=דאָלאַר. די דאָזיקע מיטלען האָט די מלוכה אַרויסגענומען ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג, ד״ה ביי די האַנדלס= און אינדוסטריע=קלאַסן, וואָס צו זיי געהערן ניט ווייניקער ווי 80% פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ליטע. פון די 200 מיליאָן ליט, וואָס עס האָט באַטראָפן דער עקספּאָרט פון די אַגראַר=פּראָדוקטן אין יאָר 1932, איז אויסגעקומען אויפן חלק פון דער קאָאָפּעראַציע אַן ערך 180 מיליאָן, ד״ה 90%.

אין לעטלאַנד גייען 75% פון אַלע קרעדיט=אויסקערן דורך די מלוכהשע קרעדיט=אינסטיטוציעס, און דורך די פּריוואַטע בענק נאָר 25%. דער מלוכה=באַנק פון לעטלאַנד האָט אַרויסגעגעבן קרעדיטן אויפן 1.12.1929: לעטן — 78%, יידן — 9%, דייטשן — 8,4%, רוסן — 2,4%, אַנדערע — 2,2%. די לעטן, וואָס מאַכן אויס 73,4% פון דער באַפעלקערונג, האָבן געקראָגן 78% פון די קרעדיטן פון מלוכה=באַנק, אָבער ביי לעטן זיינען דאָך 72,5% פאַרנומען אין לאַנדווירטשאַפט און נאָר 10% אין אינדוסטריע און 2,8% אין האַנדל; ביי יידן ווידער

זײַנען פּאַרנומען 46,8% אין האַנדל, ד"ה 17 מאָל אַזוי פיל ווי בײַ די ליטן, און אין אינדוסטריע 29,1% — ווידער 3 מאָל אַזוי פיל ווי בײַ די ליטן; בײַ די דײַטשן זײַנען פּאַרנומען אין האַנדל 20,4%, און אין אינדוסטריע 27,2% פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע. עס איז דאָך באַטיר־ליך, אַז סוחרים און אינדוסטריעלע געניטיקן זיך מער אין קרעדיט, איידער לאַנדווירטן. נאָר אָט האָבן מיר ידיעות פון נאָך צוויי מלוכה־בענק — דעם ערדאַרבעטער־באַנק און דעם היפּאָטעקן־באַנק. דער ערשטער באַדינט אויסשליסלעך לאַנדווירטן, און ניט יידן און ניט דײַטשן קריגן דאָרט קיין שום קרעדיטן ניט. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קרעדיט־פּאָליטיק פון דעם ערדאַרבעטער־באַנק זײַנען די ידיעות וועגן די אַרויס־געגעבענע קרעדיטן אין לאַטגאַליע, ווו די רוסישע און פּוילישע לאַנד־ווירטן מאַכן אויס אַ באַדײַטיקן פּראָצענט פון אַלע לאַנדווירטן. אויפן 1. 1. 1929 איז אויסגעקומען אויפן חלק פון די רוסישע און פּוילישע קרעדיט־נעמערס פון דעם ערדאַרבעטער־באַנק 7% פון אַלע קרעדיטן, בעת ווען צווישן דער באַפעלקערונג מאַכן אָט די פעלקער אויס 36,4%. לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, ווי אַזוי דער היפּאָטעקן־באַנק פירט זײַן קרע־דיט־פּאָליטיק. די ליטן וואָס מאַכן אויס 73,4% פון דער גאַנצער באַ־פעלקערונג האָבן געקראָגן 85% פון אַלע קרעדיטן פון היפּאָטעקן־באַנק, און אַלע מינאָריטעטן וואָס מאַכן אויס 26,6% פון דער באַפעלקערונג — נאָר 15%, ד"ה כמעט אין צווייען ווייניקער.

אָט די אַלע אָקאָרשט געבראַכטע העכסט כאַראַקטעריסטישע דאַ־טעס וועגן דער קרעדיט־פּאָליטיק פון די מלוכהשע קרעדיט־אינסטיטו־ציעס זײַנען גענומען בײַ אַ ליטעישן מחבר מיטן נאָמען צייכנער, וואָס איז נוטה גיכער מגזם צו זײַן די גליקן, וואָס די מינאָריטעטן געניסן, איידער די עוולות וואָס זיי לײַדן, און אָפּגעדרוקט זײַנען אָט די דאַטעס אין דעם אָפיציעלן ליטעישן אָרגאַן „Ekonomists" פאַרן יאָר 1930. נאָר די דאָזיקע דאַטעס גיבן אָן שום ספק צוגלײַך אַ פּאָרשטעלונג וועגן דער קרעדיט־פּאָליטיק פון די מלוכהשע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין אַלע יענע לענדער, וואָס מיר האַלטן איצט בײַ זיי. אין אַלע די לענדער איז דער קרעדיט־אַפּאַראַט אויף 2/3 אָדער 3/4 אין די הענט פון דער מלוכה; אין אַלע לענדער פירן די מלוכהשע קרעדיט־אינסטיטוציעס דורך — ווו מער און ווו ווייניקער — אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק בײַם אַרויסגעבן קרעדיטן, נוצן בפירוש אויס דעם קרעדיט־אַפּאַראַט, כדי צו העלפן דער נאַציאָ־נאַלער מערהײַט אַרײַנצודרינגען אין האַנדל און אינדוסטריע; און אין אַלע די דאָזיקע לענדער זײַנען יידן די שוואַכסטע מינאָריטעט און לויט זייער סאָציאַלער סטרוקטור לײַדן זיי מער ווי אַלע פון אָט דער נאַציאָנאַלער קרעדיט־פּאָליטיק.

מען באַדאַרף ניט האָבן קיין צו שאַרף אויג, כדי צו באַמערקן, ווי עס וואַקסן אויס ניט־יידישע מאַגאַזינען און קראָמען אויף אַלע גאַסן און ראָגן, ווי צענדליגנער אָדער אַפילו הונדערטער יאָרן האָבן געהאַנדלט אויסשליסלעך יידן.

מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען אין גאָר דער לעצטער צייט (אָנהייב 1934) צו באַזוכן אייניקע מיטעלע און קלענערע שטעט פון פוילן און ליטע, און איך בין געווען פאַרחידושט פון דעם וווּקס פון די ניט־יידישע קראָמען, וואָס האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן; דער־ביי רעדט זיך ניט בלויז וועגן קאָלאָניאַלע קראָמען, ווי עס איז שטענ־דיק געווען אַ היפשער פראָצענט ניט־יידישע קרעמערס, נאָר עס זיינען אויך אויפגעקומען ניט־יידישע מאַגאַזינען פון פאַרטיקע קליידער און פון גאַלאַנטעריייע, ווי יידן האָבן זיך גערעכנט פאַר מאָנאָפּאָליסטן. אין אייניקע ערטער האָבן געעפנט קראָמען געוועזענע גוטבאַזיצערס, וואָס האָבן איבער דעם אַגראַר־קריזיס געמוזט ליקווידירן זייערע קליינע נחלאות; דאָס זיינען על פי רוב קולטור־מענטשן, מיט אַ לפי ערך ניט קיין קליינעם קאַפּיטאַל אין מזומן, און זייערע מאַגאַזינען צייכענען זיך אויס שוין פון דרויסן דורך זייער מער עסטעטישן אויסזען, אָבער אויך דורך אַ בעסערן אַסאָרטימענט פון סחורות. דאָס ציט נאַטירלעך צו דעם בעסערן קונה, אַפילו פון צווישן די יידן. עס איז נאַטירלעך, אַז אַזאַ צו אַ סוחר געוואָרענער פריץ ציט צו פאַר קונדן אַדאַנק זיינע פערזענלעכע פאַרבינדונגען די גאַנצע באַאַמטנשאַפט, די גאַנצע ניט־יידישע אינטעליגענץ, די גייסטלעכקייט און אַלע פריצים פון דער סביבה. אין די גרויסע שטעט, וואָס זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן פאַר די לעצטע צען יאָר, אַ שטייגער ווי וואַרשע, וואָס האָט מיט 300.000 איינוווינער מער ווי פאַר דער מלחמה, אָדער ווי לאָדזש, וואָס האָט 150.000 איינוווינער מער, אָדער קאָוונע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף אַ דריטל, זיינען צוגעקומען גרויסע פּאָרשטעט, גאָר פון דאָס ניי געבויט, און אין אָט די פּאָרשטעט איז דער האַנדל שוין אויסשליסלעך אין ניט־יידישע הענט.

דעם, וואָס קוקט זיך צו צום יידישן לעבן, וואַרפט זיך אין די אויגן איין אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג, וואָס איז דייטלעך צו זען אין די גרויסע שטעט, און בולטער פון אַלץ אין דער הויפּט־שטאָט פון פוילן. אין ערגעץ אין דער וועלט איז דוכט זיך ניטאָ אַזאַ תהום צווישן דעם יידישן טייל שטאָט און דעם ניט־יידישן, ווי אין וואַרשע. די זויבערקייט פון די גאַסן, די באַלייכטונג פון די גאַסן, די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג, דער

רעש און די באַוועגונג אויף די גאַסן, דאָס אויסנווייניקסטע אויסזען פון די מענטשן און זייער קליידונג, — אַלץ איז דאָ אַנדערש. אין יידישן געטאָ איז אַלץ ערגער, ווי אין דעם ניט־יידישן, צענטראַלן טייל פון שטאָט. עס איז קיין ספק ניט, אַז אין אָט דעם פריוויליקן געטאָ געהערט ווייט ניט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג צו די אָרעמע קלאַסן. עס זיינען דאָ פאַרגעשטעלט אַלע קלאַסן אין יידנטום — פון אַ מיליאָנער ביז אַן אַרומגייער איבער די הייזער. אָבער אין משך פון אַ סך צענדליגער יאָרן איז פאָרגעקומען אַ כסדרדיקע „יציאת־געטאָ", — עס זיינען אַוועקגעגאַנגען גבירים און אינטעליגענטן, וואָס זיי איז אין געטאָ געווען צו ענג און זיי האָבן זיך געצויגן צו דער פרעמדער רחבות. די אינטענסיווקייט פון דעם דאָזיקן אַרויסגאַנג, פון דעם דאָזיקן אָפּטיילן זיך פון געטאָ איז געווען אַ מאָסשטאַב פאַר דעם עקאָנאָמישן אויפשטייג פון די יידישע מאַסן, וואָס האָבן פון זיך אויסגעטיילט די אַוועקגייענדיקע אויבערשטע שיכטן. דער דאָזיקער פּראָצעס פון אויסשיידן עלעמענטן, וואָס ברעכן דורך די מויערן פון געטאָ, איז איצט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. נאָך מער, מענטשן וואָס ווייסן זאָגן, אַז עס גייט אַ פאַרקערטער פּראָצעס פון אומקערן זיך אין געטאָ. פאַראָרעמטע אינטעליגענטן, באַנקראָטירטע סוחרים קומען צוריק אין געטאָ, ווו די לעבנס־תנאים זיינען וועלוועלער. אָבער ניט נאָר דאָס איז די סיבה: דאָרט איז גרינגער צו געפינען אַ שטיקל אָנשפּאַר, אַ הילף — צי מצד קרובים, צי פון אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, אָדער גלאַט פון יידן בני־רחמנים,— דאָרט איז פאָרט היימישער, נעענטער, וואַרעמער.

אַזוי אַרום ווערן יידן, פון איין זייט, אָפּגעשטופּט פון די צענטראַלע טיילן שטאָט, און פון דער אַנדער זייט, צו די עקן שטאָט גייען זיי אַליין ניט, מחמת דער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספערע וואָס הערשט דאָרט. עס ווערט אַזוי אַרום געשאַפן אַ מין רייף אַרום דעם געטאָ, אַ רייף וואָס קוועטשט אַריין די יידישע באַפעלקערונג אויף אַ באַגרעניצטן רוים, וואָס שטופט זי אַריין אין אַ באַגרענעצטער צאָל פּראָפעסיעס און באַשעפטיקונגען.

דאָס אָקאָרשט געשילדערטע בילד איז טיפּיש ניט בלויז פאַר וואַרשע, נאָר אויך פאַר קאָוונע, און פאַר ריגע, און פאַר פּראָג, און פאַר בוקאַרעשט, און פאַר בודאַפּעשט, און פאַר צענדליגער מיטעלע שטעט פון אָט די אַלע מלוכות.

דער יידישער האַנדלס־קלאַס איז געווען יענער שטאַרקער עלעמענט, וואָס האָט דורכגעבראָכן די טויערן פון געטאָ. פון צווישן אים

זײַנען דאָס על=פּי=רובֿ אַרויסגעקומען יענע רײַך=געוואָרענע סוחרים, אונטערנעמער און אינטעליגענטן, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ. נאָר גראָד אָט דער קלאַס איז צום מײנסט צעבראָכן און צעטרײסלט ביזן גרונט. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער רײ שונאים, וואָס זײַנען ניט אַן ערך שטאַרקער און מער באַוואָפֿנט: דאָס איז פֿון אײן זײַט די רעגירונג, וואָס דריקט מיט שטײַערן, וואָס שטראָפֿט מיט אָפּזאָגן קרעדיטן און וואָס נעמט צו גאַנצע ווירטשאַפֿט=צװײַגן, באַזײַטיקט ײדן לחלוטין פֿון אָנטײל אין דער פּראָדוקציע אָדער פֿאַרטײלונג פֿון די דאָזיקע צווײַגן; פֿון דער אַנדער זײַט — די אַלץ מער זיך אַנטוויקלענדיקע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, וואָס שטיצט זיך אויף דער וואַקסנדיקער באַוווּסטזיניקײט פֿון די מאַסן און ווערט אונטערגעטריבן און אונטערגעוואַרעמט דורך דער שאָוויניסטיש=אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע; פֿון דער דריטער זײַט — די ניט=ײדישע באַפֿעלקערונג, וואָס רײַסט זיך אַלץ מער צו די האַנדלס=פּאָזיציעס. סײַ די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג און סײַ די ניט=ײדישע באַפֿעלקערונג, וואָס נעמט זיך פֿאַרן האַנדל, האָבן אויף זײער צד דעם מלוכה=אַפּאַראַט, וואָס סובסידירט, גיט קרעדיטן, שאַנעוועט בײַם נעמען שטײַערן, מיט אײן וואָרט — וואָס ער העלפֿט צו באַפֿעסטיקן און צו שטאַרקן.

עס איז נאַטירלעך, אַז בעת דער ײדישער האַנדלס=קלאַס האָט קעגן זיך אַלעמען, העלפֿן אים שוין ניט ניט זײַן געניטשאַפֿט, ניט זײַן פֿעיִקײַט זיך אויסצודרײען, ניט זײַן טאַלענט צו אַרבעטן אַ סך און צו פֿאַרדינען ווײניק, נאָר ער ווערט אַלץ שוואַכער אין קאַמף, פֿאַרלירט אײן פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. אָן אַ קאַמף גיט ער זיך ניט אונטער: ער שטרענגט אָן זײַנע לעצטע כּוחות, אַבי צו ראַטעווען די דאָזיקע פּאָזיציע, וואָס, ווי מען זאָל ניט דרײען, שפּײַזט זי פֿאָרט נאָך עד=היום אַ דריטל פֿון ײדנטום, נאָר עס פֿילט זיך שוין אין דעם קאַמף אַן אומבאַשרײַבלעכע מידקײט, אַ געבראָכנקײט פֿון דער נשמה. וועגן דער דאָזיקער געבראָכנקײט, וועגן דער דאָזיקער טראַגישער אָנמעכטיקײט, וועגן דאָזיקן באַוווּסטזײַן, אַז די כּוחות לאָזן זיך אויס און אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן אין דעם אומגלײַכן קאַמף, זאָגט עדות די עפּידעמיע פֿון זעלבסטמאָרדן, וואָס ווילדעוועט שוין אַ יאָר פֿינף, זעקס גראָד אין דער דאָזיקער סבֿיבֿה. אַ מין יאוש פֿון אַ קאָלעקטיוו, די אָנמאַכט פֿון אַ גאַנצן קלאַס שרײַט אַרויס פֿון איטלעכן זעלבסטמאָרד פֿון דעם מין. אַ ײד פֿון אַ יאָר פֿופֿציק אָדער זעכציק, אַן אָרטאָדאָקסישער מענטש, צוגעבונדן צו דער משפּחה, מיט טויזנטער פֿעדעם פֿאַרקניפּלט מיט דער שול, מיטן צדיק, מיט גאָר דער ײדישער סבֿיבֿה, לאָזט איבער

דעם סידור אַן אָפּענעם און וואַרפט זיך אַראָפּ פון אויבערשטן גאָרן — דאָס איז דער טיפּישער כאַראַקטעריסטישער פאַל. ער איז גראָד כאַראַקטעריסטיש מיט דעם, וואָס מיר האָבן פאַר אונז ניט קיין יחיד, וואָס האָט אין זיין איינזאַמקייט פאַרלאָרן די גלייכוואָג, וואָס האָט אין דער אָפּגעריסנקייט פון דער געזעלשאַפט אָדער אין זיין צעריסנקייט מיט דער געזעלשאַפט אָנגעוואָרן דעם טעם פון לעבן. פאַרקערט, מיר האָבן דאָ אַ מענטשן, וואָס זיצט פעסט אין זיין נאַציאָנאַלער, רעליגיעזער און משפּחהדיקער סביבה, וואָס גלויבט באמונה שלמה, אַז „כל המאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא“ — דער וואָס נעמט זיך אַליין דאָס לעבן, דער פאַרלירט זיין חלק אויף יענער וועלט, און דאָך גייט ער פרייוויליק אין טויט אַריין, וואָרעם ער טראָגט אין זיך דעם סם פון זיין סביבה, וואָרעם ער איז פאַרסמט מיטן יאוש פון זיין קלאַס.

---

## VIII

## די יידישע מלאכה

די יידישע בעלי=מלאכות מאַכן אויס 39,7% פון אַלע בעלי=מלאכות אין פּוילן, און אָן די פּראָווינצן, וואָס זיינען געווען אונטער דער דייטשער הערשאַפט, ווו עס זיינען בכלל פאַראַן ווינציק יידן און נאָך ווינציקער יידישע בעלי=מלאכות, מאַכן זיי אויס 51,9% פון אַלע בעלי=מלאכות. פאַר דער מלחמה האָט די קאַפּיטאַליזירונג פון דער מלאכה אין קרוין=פּוילן און אין גאַליציע געמאַכט גרויסע פאָרשריטן: עס זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע וואַרשטאַטן מיט 10 און 20 אַרבעטער; עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פאַבריקן מיט 100 און 200 מאַן אַרבעטער אין דער קאָנפעקציע=אינדוסטריע, וואָס נאָך ביז איצט מאַכן אויס יידן 70—75 פּראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע אין איר. דער קאַמף קעגן דער שוויץ=סיסטעם האָט געגעבן די ערשטע באַשיידענע רעזולטאַטן אין זינען פון רעגולירן דעם אַרבעטס=טאָג, באַזייטיקן נאַכט=אַרבעט, העכערן דעם אַרבעט=לוין אאַז"וו, אָבער דאָס אַלץ איז אַראָפּגעשווענקט געוואָרן ביזן גרונט דורך דער מלחמה און דורך דער אינפלאַציע, וואָס איז געקומען דערנאָך. ערשט אין די יאָרן 1926—1927 האָט דער אויבן דערמאָנטער פּראָצעס ווידער אָנגעהויבן אַרויסצווייזן סימנים פון לעבן, אָבער דער קריזיס, וואָס איז אָנגעשטאַנען אין 1929, האָט אים איבער=

געהאַקט און צוריק אַ שטופּ געטאָן די פּוילישע מלאכה צו די צײַטן
פון סוף 19טן י"ה. די יידישע אַרבעטער=מאַסע, דער עיקר אַ בעל=
מלאכהשע, איז ווידער אַמאָל געבליבן צעשטויבט, צעברעקלט און אָנ=
מעכטיק קעגן יענער פאַמעלעכדיקער אויסזויגונג פון בלוט און זאַפט,
וואָס זי איז דאָך דער מהות פון דער שוויץ=סיסטעם.

אויף 900.000 ניט=יידישע פאַבריק=אַרבעטער זײַנען פאַראַן בײַ
200.000 ניט=יידישע בעל=מלאכהשע אַרבעטער, ד"ה אַרום 18% פון דעם
גאַנצן ניט=יידישן אַרבעטער=פּראָלעטאַריאַט. בײַ יידן אָבער זײַנען פון
200.000 אַרבעטער נאָר בײַ 40.000 פאַבריק=אַרבעטער, און בעל=מלאכה=
שע אַרבעטער מאַכן אויס גאַנצע 80% פון דעם יידישן אַרבעטער=פּראָ=
לעטאַריאַט. דער דאָזיקער פאַקט האָט, פאַרשטייט זיך, פאַטאַלע רעזול=
טאַטן פאַרן יידישן אַרבעטער=קלאַס. שוין אָפּגערעדט פון די דערמאָנטע
תנאים פון דער שוויץ=סיסטעם, וואָס צעשטערט דאָס געזונט פון בעל=
מלאכהשן פּראָלעטאַריאַט און פאַרמשפּט אים צו אַ ממש שקלאַווישער,
איבערמענטשלעכער אַרבעט אין משך פון קורצן סעזאָן, איז ער, דער
בעל=מלאכהשער פּראָלעטאַריאַט, פשוט פאַרמשפּט אויף הונגער=טויט אין
די צײַטן פון אַרבעטלאָזיקײַט, וואָס חזרן זיך פּעריאָדיש איבער: די
פאַרזיכערונג קעגן אַרבעטלאָזיקײַט נעמט ניט אַרום די אַרבעטער, וואָס
זײַנען באַשעפטיקט אין וואַרשטאַטן מיט אַ צאָל אַרבעטער ווינציקער
פון פינף, און דאָס הייסט, אַז 70—75 פּראָצענט פון יידישן אַרבעטער=
קלאַס האָבן קיין צוטריט ניט צו איינעם פון די וויכטיקסטע געווינסן,
וואָס דער מאָדערנער אַרבעטער=קלאַס האָט זיך צו זיי דערשלאָגן.

פון פאַבריק=אַרבעטער אין פּוילן זײַנען דאָס לעצטע יאָר געווען
אָן אַרבעט 35—40 פּראָצענט, פון די בעל=מלאכהשע אַרבעטער — 55—60
פּראָצענט. די ערשטע באַקומען כאָטש אַ וואָסער עס איז מינימום, וואָס
איז אָן ספק ניט גענוג אויף צו לעבן, אָבער ער ראַטעוועט פאָרט כאָטש
ווי עס איז פון הונגער=טויט. דער גרעסטער טייל אָבער פון יידישע
אַרבעטער איז לחלוטין איבערגעלאָזט אויף הפקר. עס איז דעריבער
קיין חידוש ניט, וואָס אין פּוילישע שטעט טרעפט אַלץ אָפטער, ווען
יידישע אַרבעטער פאַלן אַוועק אין חלשות אין מיטן גאַס, און די דאָק=
טוירים קאָנסטאַטירן דערנאָך, אַז דאָס איז פשוט דער רעזולטאַט פון
הונגער. באַזונדערס אָפט זײַנען געוואָרן די פאַלן, ווען מען לאָזט
איבער קינדער אין גאַס — די כראָניק פון יידישע צייטונגען איז איבער=
געפולט מיט אַזעלכע ידיעות. די מוטער פירט אַוועק אירע צוויי=דרײַ
קינדער — זייער אָפט אַכט, נײַן=יאָריקע — אין אַ ווײַטן ראַיאָן, וואָס
די קינדער קענען ניט, זאָגט אָן די קינדער, זיי זאָלן ניט אויסזאָגן ניט

זייער פאַמיליע=נאָמען ניט זייער אַדרעס, און די קינדער גופא, וואָס האָבן געגנוג זיך אָנגעהונגערט, פאַרשטייען גוט, ווי וויכטיק עס איז צו האַלטן דעם סוד, — און לאָזט זיי דאָרט איבער אונטערן פרייען הימל מיט אַ בריוו — אַ בקשה צו גוטע לייט, זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף אומשולדיקע קינדערלעך און זאָרגן פאַר זיי.

סיי די זעלבסטמאָרדן, סיי דאָס איבערלאָזן קינדער אויף הפקר איז געוואָרן אַזאַ געוויינטלעכע שטייגער=ערשיינונג אין לעבן פון פוילישן יידנטום, אַז עס זיינען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע געזעלשאַפטן צו באַ= קעמפן אָט די פּורעניותן.

נאָר איבער דעם יידישן אַרבעטער—בעל=מלאכה לויערט נאָך אַ גרעסערע סכנה. לויט דעם נייעם צעכן=געזעץ, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין פוילן מיט צוויי יאָר צוריק, מעגן אָננעמען לערן=ייִנגלעך נאָר בעלי=מלאכות, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אַ באַשטימטן עקזאַמען און זיינען געוואָרן מיטגלידער פון צעך; בעל=מלאכהשע לערן=ייִנגלעך מוזן דורכגיין אַזוי גערופענע דערגאַנצונג=קורסן, וואָס איידער זיי ענדיקן זיי, קאָנען זיי ניט אַריבערגיין אין דער קאַטעגאָריע געזעלן. צענדליגער טויזנטער יידישע בעלי=מלאכות זיינען צום עקזאַמען ניט געקומען איבער כמה וכמה טעמים: ראשית, האָט מען צוליב דעם עקזאַמען זיך באַ= דאַרפט לאָזן קאָסטן עטלעכע צענדליגג גילדן, וואָס דאָס רוב פאַרמאָגט זיי פּשוט ניט; צווייטנס, מוז מען קענען פּויליש, און דאָס קען דאָס רוב ניט, באַזונדערס אין די קרעסן; דריטנס, ווערן די וואַלן אין די האַנטווערקער=קאַמערס דורכגעפירט אַזוי, אַז אומעטום מאַכן די פּוילישע בעלי=מלאכות אויס אַ מערהייט, און דער יידישער בעל=מלאכה האָט מורא — און ניט אָן אַ גרונט — אַז מען וועט אים ניט דורכלאָזן.

אַזוי אַרום שטייט פאַרן יידישן האַנטווערקער=קלאַס די סכנה, אַז ער וועט ניט האָבן די מעגלעכקייט אויסצובילדן אַ נייעם דור בעלי= מלאכות.

וואָס איז שייך דער באַציִונג פון דער רעגירונג צום יידישן האַנט= ווערקער=קלאַס, איז גענוג צו ברענגען די ווייטערדיקע דאַטעס פון דעם מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג, וואָס האָט צונויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע ביי דעם אינסטיטוט אויסצופאָרשן די פראַגעס פון די מינאָרי= טעטן אין דער פוילישער מלוכה. אין אַלע מלוכהשע טעכנישע און האַנטווערקער=שולן מאַכן יידישע שילער אויס $1{,}3\%$. סיבות זיינען דערפאַר פאַראַן אַ סך, נאָר בכל אופן שטעקן זיי ניט אין דעם יידישן יונגן דור, וואָס איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות, אַבי נאָר זיך אָנ= צושאַפן פאַך=קענטעניש, וואָרעם מיט אַ פאַך אין דער האַנט, ווי יידן

זאָגן, קען ער האָפן ווי עס איז זיך צוצושלאָגן צו אַ שטיקל פּרנסה. יידן זײַנען געצווונגען צו עפענען אייגענע האַנטווערקער־שולן. און אָט: פון אַ בודזשעט אויף פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, וואָס האָט אין יאָר 1931 באַטראָפן $27\frac{1}{2}$ מיליאָן גילדן, האָט די רעגירונג געגעבן פאַר 36 האַנטווערקער־און טעכנישע שולן 57.575 גילדן, ד״ה 0,2%. אין וואַרשע מאַכט אויס דער פּראָצענט יידישע בעלי־מלאכות 54,8, און צווישן די 11.470 שילער פון די דערגאַנצונג־קורסן פאַר בעלי־מלאכות זײַנען געווען 200 יידן אָדער 1,8%.

פון איין זײַט, איז די יידישע אַרבעט־מאַסע אײַנגעשלאָסן אין דעם מלאכה־געטאָ, וואָרעם ניטאָ פאַר איר קיין צוטריט ניט אין די מלוכה־אונטערנעמונגען, ניט אין די קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, ניט אין פּריוואַטע גרויסע פאַבריקן; פון דער אַנדער זײַט שטייען אויך די דאָזיקע געטאָ־פּאָזיציעס אונטער אַ גרויסער סכנה, מחמת דער יידישער בעל־מלאכה שטייט אַלץ מער אָפּ בנוגע טעכנישע קענטענישן פון זײַן ניט־יידישן קאָלעגע און ווערט אַלץ ווינציקער פעיִק צו קאָנקורירן מיט אים.

דאָס לעבן פון יידישן בעל־מלאכה און אַרבעטער אין פּוילן איז אין בעסטן פאַל אַ לעבן פון קוים צו־דער־זעט. נאָר עס איז קיין שום ספק ניט, אַז ניט ווינציקער ווי אַ העלפט פוןביידע גרופּעס, ד״ה בײַ 150.000 נפשות, און מיט די משפחות בײַ 450.000 נפשות, לײַדן נויט, וואָס ליגט אויפן גרענעץ פון בעטלערײַ, אויפן גרענעץ פון פולן הונגער.

און ניט געקוקט אויף די דאָזיקע שווערע לעבנס־תּנאים פון יידישן בעל־מלאכה, און באַזונדערס פון דעם יידישן בעל־מלאכהשן פּראָלעטאַריאַט, פאַרשטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג דער צושטראָם אין דעם דאָזיקןווירטשאַפט־צווײַג מצד דער יידישער יוגנט. דער דאָזיקער צושטראָם קומט פון צווישן די פאַראָרעמטע קליינע קרעמערס, און אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס אויך פון צווישן דעם קלאַס מיטעלע סוחרים. צווישן די שילער פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע שולן מאַכן די קינדער פון הענדלערס אויס איבער 50 פּראָצענט. מיר אַליין איז אויסגעקומען צו זען גאַנצע קלאַסן שילער מיט מאַטורע־אַטעסטאַטן, און אויף דער פראַגע, וואָס פאַר אַ ציל און זינען האָט עס צו לערנען זיך אַ מלאכה, בעת אַלע בעלי־מלאכות אין פּוילן לײַדן פון אַרבעטלאָזיקייט, האָב איך שטענדיק געקראָגן דעם ענטפער: מיט אַ מלאכה אין דער האַנט קען מען זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן זוכן ברויט און אַן אָנשפּאַר.

וועגן דעם, ווי שטאַרק פאַראָרעמט עס איז די יידישע באַפעלקערונג, זאָגט עדות די וואָלוולקייט פון דער יידישער אַרבעט. אין דער

ערשטער אַנטוויקלונג־סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם אין פּוילן איז די יידישע אַרבעט ניט געווען אין שטאַנד צו קאָנקורירן מיט דער ניט־יידישער, וואָס איז צום גרעסטן טייל געקומען פון דאָרף. אויך די שטאָטישע ניט־יידישע אַרבעטער זײַנען דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ נידעריקער קולטור־מדרגה, און דערפאַר האָבן די קאַפּיטאַליסטן, איבער מאַטעריעלע און פּאָליטישע טעמים, געגומען בעסער ניט־יידן. נאָר די לעצטע יאָרן האָט דער מצב זיך ראַדיקאַל איבערגעביטן „לטובת" דער יידישער אַר־בעט — דער ייד איז גרייט צו אַרבעטן פאַר גראָשנס, ווײַל ער האָט קיין אויסוועג ניט: ניט צו דער אײַזנבאַן, ניט צום טראַמוואַי, ניט צו די מלוכה־פאַבריקן, ניט צו קיין באַאַמטן־שטעלעס האָט ער קיין צוטריט ניט, און גראָד אין די לעצטע קריזיס־יאָרן, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, איז עטוואָס גרעסער געוואָרן די צאָל יידישע אַרבעטער אויף די גרויסע פאַבריקן. פאַר די לעצטע דרײַ יאָר איז די צאָל יידישע וועבערס בײַ די מעכאַנישע וועבשטולן אין לאָדזש אויסגעוואַקסן אויף עטלעכע הונדערט מאַן. די דאָזיקע אויסטערלישע ערשײַנונג דערקלערט זיך אַזוי. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע וועבערס אין לאָדזש האָט אַן אַרבעטער כאַראַקטעריזירט די איבערגעביטענע סיטואַציע אויף אַזאַ אופן: ווען אַ יידישער אַרבעטער פלעגט מיט דרײַסיק יאָר צוריק אָנ־קומען אויף אַ פאַבריק, פלעגט ער באַלד זיך נעמען אָרגאַניזירן די אַר־בעטער, ער האָט ניט מורא געהאַט, מען זאָל אים אָפּזאָגן פון דער שטעלע, — ער האָט געקאָנט עמיגרירן קיין אַמעריקע אָדער עטלעכע וואָכן לעבן אויף קעסט בײַ די עלטערן. איצט איז גאָר אַנדערש; איצט „אַרבעט דער ייד מיט רוחות" — ער האָט ניט וווהין אַוועקצופאָרן, און בײַ די הונגערנדיקע עלטערן קען מען אַפילו איין טאָג אויך ניט אײַנ־זיצן. ווען אַ ייד קריגט אַ שטעלע, איז זײַן איינציק טראַכטן און קלערן, וואָס לענגער זיך צו האַלטן פאַר איר, און ער גייט אײַן אויף די שווערסטע תנאים, ער פאָלגט, איז שטיל ווי אַ לעמעלע, טוט וואָס דער בעל־הבית הייסט, איז אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט און איז צופרידן מיט ווינציק; ער האָט נאָר איין פאַרלאַנג: בלײַבן אויף דער שטעלע, ניט ווערן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, וואָס דאָס וואָלט געווען זײַן סוף. אָט האָב איך ניט לאַנג, האָט דערציילט דער אַרבעטער,— געקראָגן אַ שטעלע אויף אַ פאַבריק. דער בעל־הבית — אַ ייד — האָט מיך אָפּ־גערופן אָן אַ זײַט און האָט געזאָגט: „איך גיב אײַך אַ שטעלע אויף דער פאַבריק, הגם איר זײַט אַ ייד, — איז געדענקט זשע!" — און דער סוף איז געווען, אַז דער פאַבריקאַנט איז שטאַרק צופרידן מיט מיר; און אין אַלע פּרטים. דער ניט־יידישער אַרבעטער האָט פאַר די לעצטע

30—40 יאָר זיך שטאַרק איבערגעביטן. דאָס איז שוין ניט יענער דאָר־פישער פויער, אַ זון פון אַ געוועזענעם לייב־אייגענעם, וואָס איז גע־ווינט געווען צו שקלאַווישער האָרעוואַניע פאַרן פריץ; דאָס איז שוין ניט יענער קולטורעל אָפּגעשטאַנענער, פּאָליטיש פּאַסיווער מענטש מיט אַ קנעכטישער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט געהאַט גאָר נישטיקע באַדערפע־נישן און איז געווען גרייט צו אַרבעטן וויפיל שעה אין טאָג עס לאָזט זיך. דער ניט־יידישער אַרבעטער פון נײַעם טיפּ איז אַ געבאָרענער אין שטאָט, האָט געענדיקט אַ שול, איז שוין צוגעוויינט צו אַ צײַטונג און קינאָ, האָט דורכגעמאַכט אַ פּאָליטישע שול, שפּירט זיך פאַר אַ בירגער פון זײַן פרײַען פאָטערלאַנד, וואָס ער האָט צוליב דעם געבראַכט ניט ווינציק קרבנות; זײַן זון אָדער טאָכטער לערנט זיך אין גימנאַזיע, איז אָנגעשטעלט בײַם מאַגיסטראַט, אויף דער אײַזנבאַן, בײַ דער פּאָליציי, אָדער אויף אַ מלוכה־שטעלע. — אויך דער ניט־יידישער אַרבעטער האָט מורא צו פאַרלירן זײַן שטעלע אויף דער פאַבריק, אָבער ער איז דאָך ניט אַזוי אומבאַהאָלפן ווי דער יידישער אַרבעטלאָזער, וואָרעם אין דעם רוב פאַלן געפינט זיך עמעצער פון זײַן פאַמיליע אויף אַ מלוכהשער אָדער קאָמונאַלער שטעלע. דער יידישער אַרבעטער שפּירט אויף זיך די אחריות פאַרן גאַנצן יידישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו: זאָל זיך נאָר איין יידישער אַרבעטער אַרויסווײַזן פאַר ניט פעיִק צו דער אַרבעט אָדער פאַר אַזוי ניט נאָכגעביק, וועט מען באַלד נעמען קלינגען אין די גלעקער, אַז די יידן טויגן בכלל ניט צו פיזישער אַרבעט, אַז יידן זײַנען בכלל ניט דיסציפּלינירט און קאָנען זיך ניט צופּאַסן צו מעכאַ־נישער אַרבעט. דער יידישער אַרבעטער פילט, אַז צו זײַן אַרבעט באַציען זיך קריטיש און מיט אַ גרויסער מאָס סקעפּטיציזם — סײַ דער בעל־הבית דער פאַבריקאַנט און סײַ די קאָלעגן די ניט־יידישע אַרבעטער — און ער לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, פלײַסט זיך, בויגט דעם רוקן און די נשמה, אַבי ניט אָפּצושטיין פון דעם ניט־יידישן אַר־בעטער; ער שטרענגט אָן אַלע זײַנע פיזישע און פסיכישע כוחות, אַבי נאָר אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען, אַז ער קאָן טאָן פיזישע און מע־כאַנישע אַרבעט — ער אַרבעט דעריבער „מיט רוחות".

און דער יידישער אַרבעטער האַלט אויס דעם עקזאַמען — און נאָך ווי האַלט ער אויס! די פאַבריקאַנטן זײַנען צופרידן.

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון לאָדזשער פאַבריקאַנטן איז דאָס אַלץ גע־וואָרן באַשטעטיקט, און איינער אַ יידישער פאַבריקאַנט האָט געענדיקט זײַן רעדע אַזוי: „אַ ייד גייט איצט גערן אויך אויף שווערער אַרבעט. ער גייט אויף יעדער אַרבעט, וואָרעם עס טרײַבט אים די נויט. ער איז גרייט צו אַרבעטן שבת און יום־טוב, בײַטאָג און בײַנאַכט, אַבי נאָר

עפּעס צו פֿאַרדינען. און האָט אַ ייד זיך גענומען צו אַרבעט, טוט ער דאָס ווי אַ ייד טוט אַלצדינג, מיט היץ און מיט ברען, און איך בין איבערצײַגט, אַז ער וועט איצט דורכברעכן די וואַנט, וואָס האָט אים אָפּגעשיידט פֿון דער גרויסער פֿאַבריק. עס גייט דערווײַל צו נאָך שווער, פּאַוואָליע, מצד די ניט-יידישע אַרבעטער קומט אויס אַריבערצוטראָגן כּלערליי עקסצעסן, נאָר די וואַנט וועט דורכגעבראָכן ווערן, וואָרעם פֿאָרן איז ניטאָ וווהין, קרעמלעך זײַנען אויף דער יידישער גאַס פֿאַראַן די והותר, לעבן מוז מען, און דער יידישער אַרבעטער וועט זיך צופּאַסן, ער האָט זיך שוין צוגעפּאַסט און ער ווערט אַן אָנגעלייגטער אַרבעטער פֿאַרן יידישן פֿאַבריקאַנט. וואָרעם צוליב וואָס זאָל דער יידישער פֿאַבריקאַנט האָבן בײַ זיך אין דער פֿאַבריק אַ שונא, וואָס האָט אים אין צווייען פּײַנט: סײַ ווי אַ בעל-הבית און סײַ ווי אַ יידן?"

מיר גיבן אָט די רעדעס, ווי אַ סימפּטאָם פֿון יענעם איבערבראָך, וואָס איז פֿאָרגעקומען סײַ אין דער יידישער אַרבעטער-מאַסע, סײַ אין דער סביבה פֿון די יידישע פֿאַבריקאַנטן, נאָר מיר האַלטן זיך אָפּ פֿון יעטווידער אָפּשאַצונג פֿון די געבראַכטע מעלדונגען.

ערשט די טעג איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט אַ גרופּע אַרבעטער פֿון אַ גרויסער פּאַפּיר-פֿאַבריק אין פּינסק. איינער פֿון די אַרבעטער האָט דערקלערט: „ביז אַהער זײַנען אַלע געווען זיכער, אַז שלעפּן און זעגן שווערע קלעצער איז ניט קיין אַרבעט פֿאַר יידישע הענט; און טאַקע יאָרן לאַנג האָט מען קיין יידן ניט געזען בײַ דער דאָזיקער שווערער אַרבעט, און אויך נים בײַם אָנלאָדן און אָפּלאָדן די דאָזיקע מוראדיק שווערע קלעצער. איצט זײַנען צווישן די 22 אַרבעטער, וואָס טוען אָט די אַרבעט, פֿאַראַן 17 יידן. און דער פֿאַבריקאַנט איז צופֿרידן". אויף איין פּאַפּיר-פֿאַבריק זײַנען פֿון 480 אַרבעטער 340 יידן, אין אַ צווייטער זײַנען פֿון 300 אַרבעטער 200 יידן. צווישן דער קליינער גרופּע פֿון 12 מאַן, וואָס איך האָב געשמועסט מיט זיי, זײַנען געווען: 1) אַ זון פֿון אַ שוחט, 2) אַ געוועזענער הענדלער מיט שוכוואַרג, 3) אַ טאָכטער פֿון אַ קרעמער, 4) אַ טאָכטער פֿון אַ פֿאָטאָגראַף, 5) אַ זון פֿון אַ סוחר. אויף די דערמאָנטע צוויי פֿאַבריקן באַשטייען אַן ערך 25% יידישע אַרבעטער פֿון דעקלאַסירטע עלעמענטן: געוועזענע אָנגעשטעלטע בײַ האַלצהענדלער, געוועזענע קרעמערס און קינדער פֿון בעלי-מלאכות.

דאָס געשילדערטע בילד פֿון דער שווערער לאַגע פֿון דער יידישער מלאכה — סײַ די בעלי-בתּים און סײַ די אַרבעטער — איז טיפּיש ניט בלויז פֿאַר פּוילן, נאָר אויך פֿאַר ליטע, לעטלאַנד און רומעניע. נאָר מיט

דעם אונטערשייד, וואָס אין ליטע און לעטלאַנד איז די עקאָנאָמישע לאַגע עטוואָס בעסער ווי אין פוילן, און אין רומעניע, בפרט אין בעסאַ־ראַביע און בוקאָווינע, נאָך ערגער ווי אין פוילן. אָבער אין אַלע די דאָזיקע לענדער פירן די רעגירונגען באַוווסטזיניק אַ פּאָליטיק אויף אַרויסצושטופּן די יידן פון דער מלאכה. וואָרעם נאָר אַזוי קאָן מען אָפּשאַצן די טעטיקייט פון די דאָזיקע רעגירונגען אין פּרט פון הייבן און פאַרבעסערן די מלאכה, עס ווערט היפּש געטאָן אין דעם זינען: עס ווערן געגרינדעט פּראָפעסיאָנעלע שולן, קורסן, עס ווערן געמאַכט אויס־שטעלונגען פון מוסטערן אאַז״וו. אָבער די יידישע מלאכה איז פון דעם אַלעמען אָדער אויסגעשלאָסן אינגאַנצן, אָדער זי ווערט צוגעלאָזן אין אַ נישטיקן פּראָצענט, הגם אין אַלע די לענדער זײַנען די יידישע בעלי־מלאכות ניט ווינציקער ווי אַ דריטל פון אַלע בעלי־מלאכות, און אין אייניקע געגנטן מאַכן זיי אויס 50% און מער.

אין די דאָזיקע לענדער וואַרפט זיך ממש אין די אויגן די שטרע־בונג פון דער יידישער מאַסע צו אַרבעט, און בפרט צו פאַבריק־אַרבעט, דאָס קאָנסטאַטירן אַלע וואָס האָבן געהאַט די געלעגנהײַט זיך צוצוקוקן צום יידישן לעבן די לעצטע צײַט. אויף אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק אין ריגע, וווּ עס זײַנען באַשעפטיקט 700 ביז 800 אַרבעטער, האָב איך געטראָפן איבער 60 יידישע אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון זיי זײַנען אָנגעקומען אויף דער פאַבריק ערשט אין 1932 און 1933. צווישן די דאָזיקע יידישע אַרבעטער איז פאַראַן אַ גרויסע גרופּע אַביטוריענטן פון מיטל־שול. לויט די רייד פון דעם פאַבריקאַנט און דירעקטאָר פון פאַבריק, האָט מען ביז 1930 ניט געזען קיין יידן אין יענע גרויסע רייען, וואָס פלעגן זיך ציען פאַר דער פאַבריק אין די טעג, ווען מען פלעגט אָננעמען אַרבעטער; איצט מאַכן זיי אויס אַ היפּשן פּראָצענט. די פּראָ־פעסיאָנעלע שולן פון „אָרט" זײַנען איבערפולט. אין קאָוונע באַשטייט דער גאַנצער קלאַס מיידלעך וואָס לערנען זיך נייען פון אַביטוריענטינס פון מיטל־שולן, און כּמעט אַלע זײַנען זיי טעכטער פון סוחרים, קרע־מערס און פריער פאַרמעגלעכע בעלי־מלאכות. אין ליטע און לעטלאַנד האָבן גראָד די לעצטע יאָרן פון קריזיס זיך היפּש אַנטוויקלט די טעק־סטיל־אינדוסטריע און אייניקע אַנדערע צווײַגן פון דער אינדוסטריע. צום באַדויערן האָבן די יידן, וואָס זײַנען על־פּי־רוב געווען די גרינדערס פון די נײַע אונטערנעמונגען, ניט אויסגענוצט דעם מאָמענט, בכדי צו פאַרזיכערן גלײַך בײַם אָנהייב אַ פּאָזיציע פאַר דער יידישער אַרבעט אין דער דאָזיקער אינדוסטריע. און אין דער נײַער אינדוסטריע, וואָס איז אויפגעקומען פאַר אונזערע אויגן, חזרט זיך איבער דער קאַמף פאַרן

אָרט אויף דער פֿאַבריק, ווי אַמאָל אין פּוילן, ווען עס זײַנען פֿאָרגע־קומען בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן יידישע און נישט־יידישע אַרבע־טער. דעם יידישן אַרבעטער קומט אויס אַרײַנצודרינגען צווישן אַ גע־דיכטער נישט־יידישער אַרבעטער־מאַסע, וואָס בײַ איר האָט זיך געשאַפן די איבערצײַגונג, אַז דער ייד האָט נישט וואָס צו זוכן אויף אַ פֿאַבריק, אַז זײַן אָרט איז אין אַ קרעמל אָדער מלאכה־וואַרשטאַט. אָבער אויך אין דעם פּרט, אין דער באַציִונג פֿון נישט־יידישן אַרבעטער צום יידישן, איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג צום בעסערן, הגם נאָך איצט זײַנען נישט זעלטן די פֿאַלן, ווען נישט־יידישע אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן אָנ־נעמען יידישע אַרבעטער. און נישט לאַנג איז געווען אַ טרויעריקער פֿאַל: אויף דער פֿאַבריק פֿון עטינגאָן אין לאָדזש האָבן די נישט־יידישע אַרבעטער עטלעכע מאָל צעשלאָגן זייערן אַ קאָלעגע דעם יידישן אַרבע־טער מ. האָכשטיין, און דערנאָך אים צעשטאָכן מיט אַ מעסער אַזוי, אַז מען האָט געמוזט אַוועקפֿירן אים אין שפּיטאָל. נאָר, מיר חזרן איבער, די דאָזיקע פֿאַלן ווערן אַלץ זעלטענער, — דער איבערבראָך, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, האָט געצווונגען איבערצובײַטן די באַציִונג צו דער יידישער אַרבעט נישט בלויז די פֿאַבריקאַנטן, נאָר אויך די נישט־יידישע אַרבעטער.

מיר האַלטן פֿאַר נייטיק מוסיף צו זײַן, אַז די גאַנצע צײַט גייט די רייד וועגן פֿאַרנעמען אַן אָרט פֿאַר דער יידישער אַרבעט אויף יידישע פֿאַבריקן. צו נישט־יידישע פֿאַבריקן האָט דער יידישער אַרבע־טער בכלל קיין צוטריט נישט אין קיין איינעם פֿון די דערמאָנטע לענדער.

---

## IX

# די פּאַופּעריזירונג פֿון די יידישע מאַסן

מיר קאָנען דאָ נישט באַשרײַבן די אָרעמקייט גופא פֿון מזרח־איי־ראָפּעיִשן יידנטום, — דערויף דאַרף מען און מען מוז אָפּגעבן אַ באַ־זונדער אַרבעט. דער מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן פֿערזענלעך צונויפֿגע־קליבן אין וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, לעמבערג, קעשענעוו, פּינסק, קאָוונע און אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך פֿון יענע לענדער, וואָס מיר רעדן דאָ וועגן זיי, איז ביכולת אָנצוּוואַרפֿן אַ שוידער אויף יעדן איינעם, וואָס איז שוין אַפֿילו פֿאַרהאַרטעוועט פֿון יסורים. מיר וועלן זיך באַנוגענען נאָר מיט עטלעכע דאַטעס, וואָס גיבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן

דעם, ווי גרויס עס איז יענער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס מוז צוגערעכנט ווערן צו דער קאַטעגאָריע אָרעמע לײַט אָדער קבצנים. צוליב דעם וועלן מיר אויסנוצן די ידיעות וועגן די שטײַער־צאָלערס אין די יידישע קהילות, און מיר וועלן צורעכענען יענע וואָס זײַנען אין גאַנצן פרײַ פון שטײַער צו דער קאַטעגאָריע קבצנים, און די וואָס צאָלן ביז 10 גילדן אַ יאָר צו דער קאַטעגאָריע אָרעמע לײַט.

אויפן סמך פון די אויספאָרשונגען פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין 20 יידישע קהילות אין פוילן מיט אַ באַפעלקערונג פון 700.000 נפשות צאָלן 50 ביז 55 פּראָצענט יידן גאָרניט, זיי זײַנען ניט ביכולת צו באַצאָלן אַפילו יענעם מינימום פון 5 גילדן אַ יאָר, וואָס ווערט אויפגעמאָנט פון אַ גאַנץ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס באַטײַט, אַז איבער אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג (אין וואַרשע 53%, אין לאָדזש 54%, אין יאָר 1932) קאָן ווערן פאַררעכנט פאַר קבצנים, וואָס זײַנען ניט אין שטאַנד אַרײַנצוטראָגן אין דער קהילה־קאַסע אַפילו אַזאַ נישטיקע סומע ווי 5 גילדן אַ יאָר. אין יאָר 1931 האָבן אין לאָדזש געקראָגן שטיצע פון דער יידישער קהילה 15.488 משפחות מיט 69.696 נפשות. דאָס באַטרעפט 36,6% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון שטאָט. אין 1933 איז די צאָל פון די וואָס קריגן שטיצע בלי ספק נאָך אויסגעוואַקסן. אין ווילנע און לעמבערג האָט די צאָל יידן, וואָס האָבן אין 1934 ערב פסח זיך געווענדט נאָך מעות־חיטים, דערגרייכט ביז 50% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די דאַטעס פון וואַרשע און פון אַ סך אַנדערע קהילות באַשטעטיקן, אַז צו געזעלשאַפטלעכער שטיצע מוזן אָנקומען אַן ערך פון איין דריטל ביז 40% פון דער יידישער באַפעלקערונג, ד"ה צוויי מאָל אַזוי פיל ווי פאַר דער וועלט־מלחמה.

לאָמיר איצט אַריבערגיין צו דער פונאַנדערטיילונג פון די צאָלערס פון קהילה־שטײַער. לאָמיר נעמען צוערשט די גרויסע אינדוסטריע־שטאָט לאָדזש. אין יאָר 1929 זײַנען געווען 20.125 שטײַער־צאָלערס, וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן 1.045.835 גילדן, און אין 1932 — 18.314 שטײַער־צאָלערס, וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן 959.940 גילדן. די צאָל שטײַער־צאָלערס איז געפאַלן אויף 9% און די סומע פון די שטײַערן אויף 80%.

אַ גענויער אַנאַליז פון צוויי גרופּעס שטײַער־צאָלער וועט אונז אַנטפּלעקן די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין יידישן לעבן. אַזוי זײַנען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געצאָלט 5 גילדן אַ יאָר:

אין 1929 — 5434 אָדער 27% פון אַלע שטײַער־צאָלערס

אין 1932 — 4082 אָדער 22% פון אַלע שטײַער־צאָלערס

די צאָל פון אָט דער אָרעמסטער גרופּע שטייער־צאָלערס איז גע־וואָרן קלענער אויף 1352 אָדער אויף 25%.

די וואָס צאָלן 10 גילדן אַ יאָר זײַנען געווען:

אין 1929 — 5641 אָדער 28% פון אַלע שטײַער־צאָלערס
„ 1932 — 4757 „ „ 26 „ „ „ „

די דאָזיקע גרופּע שטײַער־צאָלערס האָט אָנגעוואָרן 884 מאַן אָדער 15,6%. עס איז קלאָר, אַז די גרופּע פון דעם אָרעמסטן טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז ניט אין שטאַנד צו צאָלן אַפילו אַזאַ מינימום, ווי 5 אָדער 10 גילדן אַ יאָר, איז אויסגעוואַקסן. און טאַקע, דער פּראָצענט פון די באַפרײַטע פון קהילה־שטײַער איז געווען: אין 1929 — 49%, אין 1922 — 54%.

די סומע פון די שטײַערן, וואָס די דערמאָנטע צוויי גרופּעס האָבן אײַנגעצאָלט, איז געווען זייער אַ קליינע: אין 1929 — 8,0%, אין 1932 — 7,1% פון דער גאַנצער שטײַער־סומע, ד"ה אַן ערך 7 מאָל ווינציקער ווי דער פּראָצענט פון שטײַער־צאָלערס פון די דאָזיקע גרופּעס.

מיר גייען איצט איבער צו די שטאַרקסטע גרופּעס שטײַער־צאָלערס.

וואָס האָבן געצאָלט איבער 1000 גילדן אַ יאָר זײַנען געווען: אין 1929 — 87 מאַן, און אין יאָר 1932 — 76, ד"ה ווינציקער מיט 11, אָדער מיט 12%. די דאָזיקע גרופּע האָט אַרײַנגעטראָגן אין 1929 — 207.300 גילדן, אין 1932 — 163.950, מיט 21% ווינציקער. די גרופּע פון די וואָס האָבן געצאָלט פון 500 ביז 100 גילן אַ יאָר האָט אין 1929 געהאַט 171 מאַן, אין 1932 — 137, ד"ה מיט אַ פינפטל ווינציקער. די סומע, וואָס די דאָזיקע גרופּע האָט אַרײַנגעטראָגן, איז געפאַלן פון 140.350 גילדן אין 1929 ביז 114.450 גילדן אין 1932, ד"ה קלענער געוואָרן אויף 18,5%. קלענער איז געוואָרן אויך די צאָל פון די וואָס צאָלן 300 — 500 גילדן אַ יאָר: אָנשטאָט 262—230, און די סומע פון די שטײַערן, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן: אָנשטאָט 119.050—105.050. ווען מיר רעכענען צונויף אָט די דרײַ גרופּעס רײַכע און גאָר רײַכע שטײַער־צאָלערס, באַ־קומען מיר, אַז זייער צאָל איז געפאַלן פון 520 ביז 443, דאָס הייסט אויף 15%, און די סומע וואָס זיי האָבן אײַנגעצאָלט איז געפאַלן פון 466.770 גילדן ביז 383.450 גילדן, ד"ה אויף 17,7%. די וואָג פון די דאָזיקע רײַכע גרופּעס צווישן די שטײַער־צאָלערס איז געווען:

אין 1929 — 2,6 פּראָצ'
" 1932 — 2,4 "

און אין דער שטײַער־סומע:

אין 1929 — 44,6 פּראָצ'
" 1932 — 40,0 "

אין די מיטלסטע גרופּעס זײַנען געווען גאָר קלײנע שינויים אין דער אָדער יענער זײַט. נאָר אין דער גרופּע צאָלערס פון 11 ביז 25 גילדן אַ יאָר און אין דער גרופּע צאָלערס פון 26 ביז 50 גילדן איז געווען אַ באַדײטיקער צוואַקס, וואָס קומט צום טײל דערפון, וואָס עס זײַנען אַריבער אין איר צאָלערס פון די העכערע גרופּעס, און צום טײל אויך פון די נידעריקע גרופּעס, וואָס זײַנען אין 1932 געוואָרן שטאַרקער באַשטײַערט.

די אויספירן פון אַלע געבראַכטע דאַטעס זײַנען קלאָר: פון איין זײַט איז אויסגעוואַקסן די צאָל פון יענע, וואָס זײַנען גאָר ניט בכוח צו צאָלן, פון דער אַנדער זײַט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן יענער טײל צאָלערס, וואָס איז אין כמות ניט גרויס, נאָר אויף אים האַלט זיך אין אַ גרויסער מאָס די קהילה, וואָרעם הגם זײ מאַכן אויס נאָר 2 ביז 2,5 פּראָצענט פון די צאָלערס, טראָגן זײ אַרײַן איבער 40% פון דער גאַנצער שטײַער־סומע. די גרופּע פון די אָרעמע שטײַער־צאָלערס, וואָס צאָלן ביז 10 גילדן אַ יאָר, מאַכט אויס שיער ניט די העלפט פון אַלע צאָלערס, אָבער אַרום 25% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. מען קאָן דעריבער קומען צו דער מסקנא, אַז אַן ערך 3/4 פון דער יידישער באַפעלקערונג געהער צו די אָרעמע אָדער קבצנישע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג.

די דאַטעס וועגן 15 פּראָווינציעלע קהילות מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון 150—160 טויזנט נפשות באַווײַזן אָט וואָס: 1) דער פּראָצענט פון די, וואָס זײַנען אינגאַנצן באַפרײַט פון שטײַער, באַטרעפט אין דורכשניט פון 50 ביז 55 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. צווישן די באַשטײַערטע האָבן די אָרעמע גרופּעס, וואָס צאָלן ביז 10 גילדן אַ יאָר, אויסגעמאַכט אין 1929 45% פון אַלע צאָלערס, און אין 1933— אַפילו 51,5%, וואָרעם לא די וואָס די רײַכסטע גרופּעס זײַנען קלענער געוואָרן, נאָר אויך די מיטעלע האָבן אַלע אָן אַן אויסנאַם זיך אַראָפּגערוקט צו די נידעריקע. אין אַלע 15 קהילות זײַנען געווען גרויסע צאָלערס, וואָס צאָלן איבער 200 גילדן אַ יאָר:

אין יאָר 1929 — 865 מאַן, און זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן 451.870 גילדן, אָדער 44,1% פון דער גאַנצער שטײַער־סומע;

אין יאָר 1933 — 697 מאַן, וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן נאָר 347.895 גילדן, אָדער 41,7% פון דער גאַנצער שטײַער־סומע.

די צאָל גרויסע שטײַער־צאָלערס האָט זיך פאַרקלענערט כמעט אויף איין פינפטל, און די סומע וואָס זיי האָבן אײַנגעצאָלט איז קלע־נער געוואָרן אויף גאַנצע 23%.

מיר האַלטן, אַז די ידיעות, וואָס זײַנען געבראַכט אין דעם דאָ־זיקן קאַפּיטל, געניטיקן זיך ניט אין קיין פּירושים.

---

# X

## דער יידישער פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין דײַטשלאַנד

די ראָלע פון יידן אין עקאָנאָמישן לעבן פון אַ לאַנד ווערט ניט באַשטימט נאָר דורך זייער צאָל; דאָס איז באַזונדערס וויכטיק, ווען עס גייט די רייד וועגן די לענדער פון מערב־אייראָפּע, ווו יידן האָבן קיין מאָל אין ערגעץ ניט אויסגעמאַכט מער ווי איין פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, נאָר דאָך האָבן זיי דאָרט אין משך פון די לעצ־טע צוויי הונדערט יאָר געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן. אַדאַנק אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע סיבות האָבן יידן זיך ניט בלויז אַרויסגעוויזן מער צוגעגרייט פּסיכיש, מיט מער געניטשאַפט און מיט מער זאַך־קענטעניש, נאָר זיי האָבן אויך פאַרמאָגט יענע קאַפּיטאַלן. וואָס הגם פאַר זיך זײַנען זיי ניט געווען באַזונדערס גרויס לגבי דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־רײַכטום, נאָר זיי זײַנען פאָרט געוואָרן די הויפּט־באַוועגערס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. דער פינאַנץ־קאַפּי־טאַל פון יידן האָט אין משך פון גאַנצן 19טן י"ה געשפּילט אַ סך אַ גרע־סערע ראָלע, ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט משפּטן לויט זײַן קוואַנטיטאַ־טיווער וואָג.

דער בולטסטער בײַשפּיל פון אָט דער אַנטוויקלונג איז דײַטש־לאַנד, וואָס איז אין אָנהייב 19טן י"ה געווען נאָך אין גאַנצן אַן אַגראַר־לאַנד, ווו די גרויסע רײַכטימער זײַנען געווען קאָנצענטרירט אויסשליס־לעך אין די הענט פון דעם אַגראַר־אַדעל, ווו דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט אויסגעמאַכט גאָר אַ נישטיקן פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־רײַכטום, ווו יידן האָבן אויסגעמאַכט קוים איין פּראָצענט און ווו

כמעט דער גאַנצער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט זיך געפונען אין די הענט פון יידן, געגנויער פון אַ קליינער גרופּע יידן—מיליטער־ליוועראַנטן, באַנקירן, סוחרים, די קינדער און קינדס־קינדער פון די באַרימטע הויף־יידן און הויף־באַנקירן פון 17טן און 18טן י"ה. מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן. נאָך פריער איידער עס איז דערלויבט געוואָרן יידן זיך פריי צו באַזעצן אין בערלין, און מען פלעגט אַריינלאָזן אַהין נאָר די אַזוי גערופענע „טאָלערירטע יידן", זיינען שוין צווישן די צוועלף געשוואָרע־נע בערזע־מעקלערס געווען 7 יידן (אין יאָר 1775) *, און פון 52 באַנק־הייזער האָבן 30 געהערט צו יידן (1887) **; פון 10.400.000 פלאָרין, וואָס די ביירישע רעגירונג האָט אַנטליען אין די יאָרן 1801—1808, האָבן יידישע באַנקירן געגעבן 8.500.000 פלאָרין אָדער 81,7% ***; איבער 2/3 פון די אַקציעס פון דער ריינישער אייזנבאַן־געזעלשאַפט (1837) האָבן זיך געפונען אין די הענט פון יידישע באַנקירן (אָפּענהיים, ראָטשילד, ברידער גאָלדשמיד א"אַ ****. עס איז צו גוט באַוווּסט, אַז דעם גרעסטן טייל פון די אייזנבאַנען אין דייטשלאַנד (ביז 1875) האָבן אויסגעבויט די ראָטשילדס און סטרוסבערג.

אָט־אָ דעם קליינעם הייפל יידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן אויס־געמאַכט מאַקסימום אַ פּאָר פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַ ביז גאָר נישטיקן פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דייטש־לאַנד, איז דאָס באַשערט געווען צו זיין יענע וועקנדיקע און אָנטרייבנ־דיקע קראַפט, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט ביי דעם באַטירלעך אָנגעהויבנעם צעפאַל־פּראָצעס פון די פּאַטריאַרכאַלישע אַגראַ־רישע גרונטפעסטן פון אַלטן דייטשלאַנד, וואָס האָט אַריינגעצויגן דאָס נאָך פּויערשע לאַנד אין דעם קנויל פון די אינטערנאַציאָנאַלע עקאָנאָ־מישע און פינאַנציעלע באַציונגען. די שפּייערס, די ראָטשילדס, די מענדעלסאָנס, די בליכרעדערס, די מינכענער זעליגמאַנס (באַראָן אייכ־טאַל) און אַנדערע — דאָס זיינען יענע קליינע גרופּע יידן, וואָס פון איין זייט האָט זי אונטערגעטריבן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון שווער־באַוועגלעכן, אַלטפּרענקישן, אָפּגעשטאַנענעם פּויערשן דייטשלאַנד

---

* Hugo Rochel, Das Berliner Wirtschaftsleben im Zeitalter des Frühkapitalismus, Berlin 1931, s. 51.

** דאָרט גופא, ז' 92.

*** Z. Hümmert, Die Finanziellen Beziehungen jüdischer Bankiers und Heereslieferanten zum Bayerischen Staat, München 1927, s. 21.

**** Kumpmann, Die Entstehung der Rheinischen Eisenbahngesellschaft 1830—1844, Essen-Ruhr 1910, s. 164.

פון אָנהייב 19טן י"ה, און פון דער אַנדער זײַט האָט זי נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די יידישע מאַסע, וואָס איז באַשטאַנען אויף 90 פּראָצענט פון קליינשטעטלדיקע הענדלערס, אָרעמע הויזירערס און בעלי־מלאכות — אַרומגייערס. אָט די דאָזיקע גרופּע האָט דאָס אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע פון גאַנצן דייטשן יידנטום, פאַרן אויפשטײַג פון זײַן עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, פאַר דער אויסבילדונג פון דער ברייטער שיכט פון דער מיטעלער האַנדלס־אינדוסטריעלער בורזשו־אַזיע און פון דער פאַרמעגלעכער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן טיפּיש פאַרן דייטשן יידנטום.

בענק, בערזע, אײַזנבאַן־בוי און אויסוויניקסטער האַנדל — דאָס זײַנען די ווירטשאַפט־צווײַגן, וואָס אין זיי האָט די יידישע בורזשואַזיע פון דײַטשלאַנד דער עיקר קאָנצענטרירט אירע קאַפּיטאַלן און אירע טאַלענטן. אָט די ווירטשאַפט־צווײַגן זײַנען אין גיכן געוואָרן די צענ־טראַלע קנופּ־פונקטן פון דעם נערוון־סיסטעם פון גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, וואָס האָבן צום שטאַרקסטן זיך אָפּגערופן אויף אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פּראָצעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויק־לונג; זיי האָבן דאָס אויך מער פון אַלץ פונאַנדערגעטרייסלט די יסודות פון דער פאַרעלטערטער פּאַרטיקולאַריסטישער מלוכה־אָרדענונג און מיט־געווירקט צו דער פּאָליטישער אויפוואַכונג פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. לויט זייערע עקאָנאָמישע פונקציעס האָבן אָט די ווירטשאַפט־צווײַגן גע־מוזט פאַרנעמען דעם *אָנזעעוודיקסטן*, דעם *אחריותדיקסטן*, דעם *שפּירעוודיקסטן* אָרט אין דעם ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם פון לאַנד. עס איז נאַטירלעך, וואָס די טרעגער פון אָט די פונקציעס האָבן זיך געמוזט שטעלן אויף אַ זייער אָנזעעוודיקן, אָבער אויך אויף אַ זייער געפערלעכן פּלאַץ, — געפערלעך נאָך מער דערפאַר, וואָס אָט די טרעגער זײַנען געווען מענטשן פרעמדע פאַרן פאָלק, מענטשן וואָס די פאָלקס־מאַסע איז ניט געווען געוויינט צו זען אויף הויכע און אחריותדיקע פּאָסטנס.

ווי אַ פערמענט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָצעסן אין דײַטשן ווירטשאַפט־לעבן האָבן די יידן געהאָלפן באַפרוכפּערן און פאַרצווײַגן דאָס דאָזיקע לעבן, האָבן אין דער גרעסטער מאָס מיטגעהאָלפן צו פאַר־וואַנדלען דאָס עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע און פּאָליטיש צעבראָקלטע דײַטשלאַנד אין איינער פון די פאָרגעשריטנסטע און וויכטיקסטע קאַפּי־טאַליסטישע מלוכות פון דער וועלט. נאָר צוגלײַך האָבן זיי מיטגעווירקט פאַר דעם צעפאַל פון דעם אַלטן דײַטשן געזעלשאַפט־סדר, וואָס איז געווען באַגרינדעט אויף דער שטרענגסטער טראַדיציאָנעלער סובאָרדי־

באַציע. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז אַוועק מיט אַזאַ גיכן טעמפּ, אַז אין אַ קורצער צײַט האָט די יונגע דײַטשלאַנד דעריאָגט און געקאָנט קאָנקורירן מיט ענגלאַנד און פאַרמעסטן זיך מיט איר מכּוח דער הערשאַפט אויפן וועלט־מאַרק, — מיט יענער ענגלאַנד, וואָס איז עלטער פאַר איר אין פּרט פון קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם אויף גאַנצע צוויי יאָרהונדערטער.

אָט די קאָפּשווינדלדיקע גיכקייט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דײַטשלאַנד, וואָס אירע אָנטרײַבערס זײַנען אין אַ גרויסער מאָס געווען יידן ווי די טרעגער פון באַנק־ און בערזע־פונקציעס, האָט באַטירלעכערווײַז געמוזט באַשאַפן אַ געוויסן פונאַנדעררײַס צווישן איר עקאָנאָמיק און איר קולטור, אַ תּהום צווישן דעם צושטאַנד פון דער אויסווייניקסטער דײַטשער *ציוויליזאַציע* און דער אינעווייניקסטער פּאָליטישער און גייסטיקער *קולטור*. דער קולטורעלער באַזיס פון די פאָלקס־מאַסן איז געווען צו שוואַך פאַר דעם גיך אויסגעוואַקסענעם קאַפּיטאַליסטישן איבערגעבײַ. די דאָזיקע סתּירה צווישן די גיך צײַטיק געוואָרענע פונאַנדערשיכטונגען און דיפעראַנצירונגען און צווישן דער פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די מאַסן, וואָס האָט ניט געקאָנט מיטהאַלטן מיט דעם פּראָצעס, איז איינע פון די טיפסטע סיבות, פאַרוואָס די היטלערישע באַוועגונג האָט זיך אַזוי אָנגענומען. וועגן דער דאָזיקער טיפער און טראַגישער סתּירה זאָגן עדות אויך יענע אַנטיקאַפּיטאַליסטישע שטרעמונגען אין דער דײַטשער פילאָסאָפיע און פּאָעזיע פון די לעצטע יאָרצענדליגער, וואָס גייען אַרויס פון דעם לאַגער פון די רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגן, וואָס זינגען שבחים דער מיטלעלטערלעכער אָרדענונג און דעם מיטלעלטערלעכן שטייגער לעבן. און גאַנץ ריכטיק כאַראַקטעריזירט איינער פון די טאַלענטפולסטע אידעאָלאָגן פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם די היטלעריסטישע רעוואָלוציע ווי „די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פון די פּויערים, ווי די „דאָרפיש באַפאָרבענע קולטור מיט געבונדנקייט און אײַנגעוואָרצלטקייט קעגן דער וועלט־שטאָטישער ציוויליזאַציע מיט איר פּרינציפּ פון פרײַער באַוועגונג, אינטערנאַציאָנאַלן שטייגער דענקען און מיט איר שטאַרקער באַאײַנפלוסונג דורך דעם יידישן שכל”; ווי „די קעגן־באַוועגונג קעגן אינטערנאַציאָנאַליזירונג, אינדוסטריאַליזאַציע און אַרבעט־טיילונג”. * דער דײַטשער לאַנדווירטשאַפט־מיניסטער באַגרינדעט די אַגראַר־געזעצן פון דריטן „רײַך” בזה

* *Ferdinand Fried*, Die Neugestaltung der Welt „Die Tat“, Februar 1934, pp. 834—835.

הלשון: „מען טאָר ניט פרעגן, צי מען קאָן יאָ אָדער מען קאָן ניט פאַרענטפערן עקאָנאָמיש דעם וועג ביז צו דער שאַפונג פון אַ לעבנס=פעיִקן און פעסט אײַנגעוואָרצלטן פויערטום. מען פרעגט דאָך ניט, צי איז אַן אַרמיי רענטאַבל פאַר אַ פאָלק, וואָרעם זי איז דאָך נייטיק צום שוץ" *.

די טראַגישע סתירה, וואָס מיר האָבן וועגן איר גערעדט אויבן, דערקלערט אויך אַ סך פרטים פון יענער קראַנקהאַפטיקער, ווילדער שנאה צום יידנטום, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ברייטע קרײַזן פון דער דײַטשער אינטעליגענץ נאָך אַ צײַט פריער, איידער עס האָט זיך באַוויזן דער זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם פון דער היטלער=פּאַרטיי. בפרט אַז יידן האָבן געשפילט אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָלע ניט בלויז אין דער דײַטשער עקאָנאָמיק, נאָר אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דײַטשן געדאַנק. בערנע, היינע, מאַרקס און לאַסאַל, — אָט דער רעוואָלוציאָנערער דראַנג פון דעם ערשטן דור פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די געטאָ=מויערן, איז ווײַט ניט געווען קיין אָרגאַנישער פּראָדוקט פון דעם וווּקס פון דער דײַטשער קולטור. און ניט אומזיסט ווערן אין די זשורנאַלן פון די דײַטשע פּאָליטישע עמיגראַנטן פון 1933 און 1934 איבערגעדרוקט די אַרטיקלען פון בערנע, געשריבן אין די דרייסיקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, מיט זײַנע טענות קעגן דעם פּרײַסישן מענטשן פאַר זײַן שוואַכקייט און הכנעה=דיקייט, וואָס ער שטעלט אונטער מיטן גוטן ווילן זײַן רוקן אונטער דעם פּרײַסישן בײַטש.

בײַ דער געלעגנהײַט מוזן מיר באַמערקן, אַז דער באַנק=און בערזע=קאַפּיטאַל, וואָס האָט אין משך פון אַ סך יאָרצענדליגער פאַרנומען די ערשטע פּלעצער איןווירטשאַפטלעכן לעבן און האָט געשפּילט אַזאַ באַפרוכפּערנדיקע ראָלע אין דער אינדוסטריאַליזירונג און קאָמערציאַ=ליזירונג פון דעם אָפּגעשטאַנענעם אַגראַר=לאַנד, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן שוואַכסטן פּונקט אין דעם ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם, וואָס האָט צום מייַנסט געליטן פון איצטיקן קריזיס. עס לאָזט זיך אויס, אַז נאָך אַ יאָרהונדערט פון גוואַלדיקע געשעפטן און קאָלאָסאַלער קאַפּיטאַל=אָנזאַמלונג זײַנען סוף=כל=סוף די גרעסטע רײַכטימער אין דײַטשלאַנד דאָך געבליבן בײַ דער פּריצישער אַריסטאָקראַטיע, און נאָך זיי גייט די גרויס=בורזשואַזיע פון דער שווער=אינדוסטריע, וואָס איז אויס=געוואַקסן פאַרן לעצטן יאָרהונדערט, און ערשט דעם דריטן אָרט פאַר=

* Der Nationalsozialistische Staat, Breslau 1933, p. 72.

נעמען די באַנק=נגידים. לויט די ידיעות פון דער שטײַער=פאַרוואַלטונג פאַר 1932 און פאַר דער ערשטער העלפט 1933, איז צווישן די נגידים מיט אַ פאַרמעגן פון איבער 100 מיליאָן מאַרק ניט געווען קיין איין באַנקיר. אויפן ערשטן אָרט גייט דער געוועזענער קיסר ווילהעלם, וואָס זײַן רײַכטום באַטרעפט איבער 300 מיליאָן מאַרק; דערנאָך גייען אַ גאַנצע ריי גרויסע מאַגנאַטן, ווי דער הערצאָג פון סאַקסן=ווײַמאַר (60 מיליאָן מאַרק), דער הערצאָג אַלברעכט פון ווירטעמבערג (איבער 40 מיליאָן מאַרק), דער פירשט פירסטענבערג (אַ גוט=באַזיצער און גרויסער אונטערנעמער), וואָס פאַרמאָגט איבער 100 מיליאָן מאַרק, פירשט פלעס (60 מיליאָן מאַרק), פירשט הענקעל (70 מיליאָן מאַרק), הערצאָג פאָן אַרענבערג (50 מיליאָן מאַרק), גראַף באַלעסטרעם, גראַף טילע=ווינקלער (צו 50 מיליאָן מאַרק). נאָך אָט די דאָזיקע פריצישע נגידים, וואָס צווישן זיי זײַנען פאַראַן בעלי=בתּים פון גאַנצע ראַיאָנען קוילן=גרובן אָדער פון אַנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, גייען ריין בורזשואַזיע נגידים, ווי קרופ (150 מיליאָן מאַרק), טיסען (80 מיליאָן מאַרק), אָטאָ וואָלף (50 מיליאָן מאַרק) און אַנדערע. אָט צווישן די אַלע נגידים און מאַגנאַטן איז ניטאָ קיין איין ייד, קיין איין באַנק=פירמע, חוץ דאָס הויז מענדעלסאָן (געשמדטע יידן), וואָס איז געבליבן גאַנץ אין דעם קריזיס=שטורעם און פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון 50 מיליאָן מאַרק. די בלײַכרעדערס (אויך געשמדטע יידן) געהערן שוין צו דער גרופּע „יורדים”, זייער קאַפּיטאַל מאַכט אויס סך=הכּל 10 מיליאָן מאַרק. דאָס הויז ראָטשילד, איינס פון יענע „פינף פראַנקפורטער” — די הויפּט=אָנטרײַבער פון אייראָפּעישן קאַפּיטאַליזם — איז געווען געצוווּנגען זיך צונויפצוגיסן מיט אַ צווייטער פראַנקפורטער באַנק=פירמע — גאָלדשמידט, און אָט דאָס פאַראייניקטע באַנק=הויז פאַרמאָגט ניט קיין 50 מיליאָן מאַרק. דאָס האַמבורגער באַנק=הויז וואַרבורג האָט נאָר 20 מיליאָן מאַרק, און פון די נאָכמלחמהדיקע יידישע באַנק=נגידים, ווי יעקב גאָלדשמידט, יעקב מיכאל (איטלעכער פון זיי האָט פאַרמאָגט איבער 100 מיליאָן מאַרק) און אַנדערע איז קיין סימן ניט געבליבן. און דאָס איז געשען נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם אַזוי צו זאָגן נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן, דער רעזולטאַט פון יענעם אָביעקטיוון געזעץ, אַז דער קאַפּיטאַל, וואָס שפּרינגט גרינג אַרויף, פאַלט נאָך גיכער אין שאול תחתיה אַרײַן, אַז דער קאַפּיטאַל, וואָס פאַרנעמט דעם אָנזעעוודיקסטן און דעם אחריותדיקסטן אָרט, געפינט זיך ממילא אויף דעם געפערלעכסטן אָרט און קאָן דעריבער צום גרינגסטן געשעדיקט ווערן. דערפאַר טאַקע קומט אויס, אַז די

טרעגער פון אַזאַ קאַפּיטאַל, אויב זיי הייבן זיך גרינג אַרויף אויף אַזאַ הייך, ווי עס פּאַרדרייט זיך דער קאָפּ, ווערן זיי נאָך גרינגער אַראָפּ־געשליידערט אין אַ תהום, וואָס פון אים איז קיין אַרויסגאַנג שוין ניטאָ.

מען וואָלט געקאָנט דורך צענדליגער לעבעדיקע ביישפּילן אי־לוסטרירן דאָס אָקאָרשט געזאָגטע, נאָר דער גורל פון דער יידישער פינאַנץ־בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד איז דער בעסטער און דייטלעכסטער ביישפּיל דערפאַר, ביז וואָס פאַר אַ הייך עס קאָן זיך אויפהייבן אַ פי־נאַנץ־קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, און אין וואָסערע טיפענישן ער ווערט אַראָפּגעשליידערט ביי געוויסע אומשטאַנדן.

די ירידה פון דעם יידישן פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר היטלערן. די געצווונגענע פאַרמלוכהשאַפטלעכונג, וואָס עס האָבן דורכגעפירט אַלע בירגערלעכע רעגירונגען פון דייטש־לאַנד, האָט אָנגעריירט מער פון אַלץ דעם קרעדיט־וועזן, וואָס אין אים זיינען יידן געווען פאַרגעשטעלט אין זייער אַ גרויסער מאָס. אין 1925 האָבן יידן אויסגעמאַכט 34% פון אַלע באַנק־בעלי־בתים; צווישן די 58 דירעקטאָרן פון די צען גרעסטע בענק אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן גע־האַלטן אין זייערע הענט פון $^2/_3$ ביז $^3/_4$ פון דעם גאַנצן קרעדיט־אויס־קער פון דייטשלאַנד, זיינען אין יאָר 1928 געווען 28 יידן, ד"ה כמעט אַ העלפט; בראש פון די דריי גרעסטע בענק פון דייטשלאַנד — דער דייטשער באַנק, דרעזדענער באַנק און דאַרמשטאַטער באַנק — זיינען געשטאַנען יידן. אין 1932 — דאָס דריטע יאָר פון קריזיס, האָט זיך שוין געפונען אין די הענט פון דער מלוכה $^2/_3$ פון דעם גאַנצן קרעדיט־אַפּאַראַט. עס איז גוט באַוווּסט, אַז דער דאַרמשטאַטער באַנק איז גע־וואָרן ליקווידירט; דער דרעזדענער באַנק איז אַריין אין די הענט פון דער מלוכה; געבליבן גאַנץ איז דער דייטשער באַנק, אָבער אַז היטלער איז געקומען, איז דער יידישער איינפלוס דאָרט כמעט פאַרשווונדן. מיט איין וואָרט, אויב פון דעם קריזיס האָט מחמת אַלגעמיינע סיבות געליטן אין דער ערשטער ריי און אין דער גרעסטער מאָס דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, און ממילא איז דורך דעם צעטרייסלט געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע און רייכסטע פּאָזיציעס פון דייטשן יידנטום, האָט ביים נייעם רעזשים אויך אין די גאַנץ געבליבענע פּריוואַטע קרעדיט־אַנשטאַלטן דער יידי־שער איינפלוס באַלד געגומען זיך אויסוועבן. בעצם גערעדט, איז אין איין כהרף עין ליקווידירט געוואָרן דער רעזולטאַט פון 150־יעריקן קאָפּ־שווינדלדיקן אויפשטייג פון דעם פינאַנסיסטן־שפּיץ פון דייטשן יידנטום.

אַזוי אַרום איז דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וואָס האָט אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זיך געפונען אין דער

בעסטער לאַגע, אַרײַנגעפאַלן אין דער ערגסטער לאַגע אין דעם פעריאָד פון צעפאַל, — פאַר די יידישע טרעגער פון דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל איז נאָך צום אַלגעמיינעם קריזיס צוגעקומען דער היטלעריזם. און אַזוי איז אָט די גאַנצע גלענצנדיקע פאַרכאַפּנדיקע געשיכטע פון דעם יידישן פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין דײַטשלאַנד, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גוואַלדיקע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד אין משך פון 150 יאָר, איצט פאַר אונזערע אויגן געקומען צו איר ניט ווינציקער פאַרכאַפּנדיקן, טראַגישן סוף. ווידער אַמאָל אַן אויסגעצייכנטע אילו־סטראַציע צו דער טעאָריע פון באַרימטן דײַטשן עקאָנאָמיסט ראָשער וועגן דער ראָלע פון יידן אין מיטלעלטער — די טעאָריע, וואָס קאָן בקיצור כאַראַקטעריזירט ווערן מיט דער שעקספּירשער פראַזע אין אַן אַנדער נוסח: דו האָסט דײַנס אָפּגעטאָן, ייד, איצט מעגסטו זיך אָפּטראָגן!

---

# XI

## יידן אין באַאַמטנטום און ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין דײַטשלאַנד

פונקט ווי עס וואָלט געווען קרום צו משפטן וועגן דער לאַגע פון דײַטשן יידנטום אין 18טן י"ה לויט יענע יחידים באַנקירן און קריגס־ליוועראַנטן, וואָס האָבן באַזאָרגט די פילצאָליקע דײַטשע מאָנאַרכן און פירשטן מיט פינאַנצן און זייערע אַרמייען מיט פּראָוויאַנט, אַזוי וואָלט געווען ניט ווינציקער אומגעלומפּערט צו משפטן וועגן איצטיקן דײַטשן יידנטום לויט יענעם הײַפל גרויס־בורזשואַזיע, וואָס איז נאָך גאַנץ געבליבן און וואָס האָט זיך נאָך אויסגעקליגט צו פאַרבלײַבן אויף אירע פּאָזיציעס אויך בײַם איצטיקן רעזשים. אויך די היטלערשע רע־גירונג, וואָס פירט דורך מיט אַזוי פיל התמדה און מיט אַזוי פיל הקפדה דעם „אַריער־פּאַראַגראַף" אויפן געביט פון מעדיצין, אַדוואָקאַטור, ליטע־ראַטור, טעאַטער און באַאַמטנטום, האָט פאַרלאָרן איר ברען בנוגע די בערזע־מעקלערס און די באַנק־דירעקטאָרן, וואָס אויף זיי האָט היטלער נאָך גאָר ניט לאַנג אַרויפגעוואָרפן די שולד אין אַלע אומגליקן פון דײַטשלאַנד. אויך פון דער בערזע האָט מען אַרויסגעטריבן אַ פּאָר הונדערט יידן, און פון די בענק האָט מען אַרויסגעוואָרפן ניט ווינציק פאָרשטייער פון יידישן קאַפּיטאַל, נאָר דאָס אַלץ איז דורכגעפירט גע־וואָרן ווײַט ניט מיט אַזאַ טעמפּ, ניט מיט אַזאַ שווונג און ניט מיט אַזאַ

אוממענטשלעכער אכזריות, ווי דאָס איז געשען בײַם פאַרטרײַבן די יידישע פּראָפעסאָרן, אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים. זייער כאַראַקטעריס־טיש איז די ציטערדיקע באַציונג פון דער היטלערשער רעגירונג צו די יידישע עקספּאָרט־פירמעס. און מער כאַראַקטעריסטיש איז וואָס די זעלביקע רעגירונג, וואָס האָט זיך ניט געשעמט צו פאַרטרײַבן פון דײַטשלאַנד הונדערטער געלערנטע, קינסטלער, אַרטיסטן און מוזיקאַנטן מיט אַ וועלט־נאָמען, האָט געהאַט פונדעסטוועגן גענוג פאַרשטאָכענע אויגן צו באַפולמעכטיקן דעם פּרעזידענט פון מלוכה־באַנק צו פירן אין ניו־יאָרק אונטערהאַנדלונגען מיט יידישע באַנקירן וועגן אַ הלוואה פאַר דײַטשלאַנד.

דער גרעסטער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דײַטש־לאַנד איז אין 18טן י"ה געווען רעכטלאָז, געררודפט, איז געווען אָרעם און דערשלאָגן, אָבער איטלעכער מאָנאַרך, איטלעכער מאַכט־האָבנדיקער פעאָדאַל האָט זיך געהאַט זײַנע עטלעכע יידישע באַנקירן און ליוועראַנטן, וואָס ער האָט מיט זײַן גנאָד באַשאָנקען מיט רעכט און וואָס האָבן פון זייער זײַט געלעבט „ווי קיסרים". אויך די איצטיקע רעגירונג פון דײַטשלאַנד, וואָס האָט אין איר פּראָגראַם און אין אַלע אירע אַגיטאַציע־אַרויסטרעטונגען, איידער זי איז געקומען צו דער מאַכט, מער פון אַלץ פאַרזיכערט, אַז איר ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע איז די נאַציאָנאַ־ליזירונג פון די „יידישע" בענק, די אָפּשאַפונג פון דער „יידישער" בער־זע, די נאַציאָנאַליזירונג פון די „יידישע" וואַרנהײַזער, מיט איין וואָרט — די ליקווידאַציע פון גרויסן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, פון אָט דער בייזווילי־קער, טײַוואָלישער אויסטראַכטעניש פון ליבעראַלן יידנטום, וואָס האָט כּלה געמאַכט דעם וווילשטאַנד פון די דײַטשע מיטל־קלאַסן און האָט אָפּ־געגזלט בײַם דײַטשן פאָלק זײַן אַרישע אייגנאַרטיקייט און זײַן פּרײַסישע אומשולד, — אָט די זעלביקע רעגירונג האָט אָנגעהויבן איר עקאָנאָמישע „רעוואָלוציע" דערפון, וואָס זי האָט פאַרטריבן די יידישע באַאַמטע, וואָס האָבן קוים פאַרדינט אויפן לעבן, די יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, ריכטערס, פּראָפעסאָרן, אַרטיסטן און מוזיקאַנטן, וואָס דער גרעסטער רוב פון זיי האָבן פאַרדינט נאָר אויף אַן אָנשטענדיקן קולטור־לעבן, וואָס זי האָט אַרויסגעטריבן די יידישע אָנגעשטעלטע — פּראָלעטאַריער, וואָס אין בעסטן פאַל האָבן זיי קוים אויסגעשלאָגן זייער אָרעמע חיונה.

נאַטירלעך, אַז אונז וועט אינטערעסירן ניט דער גורל פון יענעם קליינעם רײַכן אויבערשטן שפּיץ, וואָס אַפילו די היטלערשע רעגירונג איז געצוווּנגען אים צו שוינען, נאָר דער גורל פון יענער מאַסע, וואָס היטלער ברענגט אַ קרבן, בכדי צו באַרעכטיקן זײַנע דונערנדיקע רע־

דעס קעגן די יידישע קאַפּיטאַליסטן; פון יענער מאַסע, וואָס איז אַזוי צו זאָגן דאָס כפּרה־הינדל פאַר די זינד פון אירע רײַכע ברידער; פון יענער מאַסע, וואָס איז סײַ ווי סײַ געזונקען אין נויט און דלות אַדאַנק דעם עצם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דייטשן קאַפּיטאַליזם, געזונקען פּאַוואָ־לע און אָרגאַניש, און וואָס איצט האָט היטלער מיט איין קלאַפּ זי אַראָפּגעשטופּט אין תהום אַרײַן.

די אַנטוויקלונג פון דײַטשן קאַפּיטאַליזם אין די נאָכמלחמהדיקע יאָרן, דער וווּקס פון סינדיקאַטן און טרעסטן, דער וווּקס פון מלוכה־קאַפּיטאַליזם און פון דער אַרײַנמישונג פון דער מלוכה אין ווירטשאַפט־לעכן לעבן — אַלע די דאָזיקע ערשײַנונגען, וואָס האָבן געבראַכט צו דער דעקלאַסירונג און פּאַראָרעמונג פון די ברייטע מאַסן פון די מיטל־קלאַסן בכלל, האָבן זיך אָפּגערופן אויף יידן נאָך מער פּאַטאַל, ווי אויף דער דײַטשער באַפעלקערונג. די אַנטוויקלונג פון מלוכה־אונטערנעמונ־גען און פון די מלוכה־אָרגאַנען צו רעגולירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן האָט געבראַכט דערצו, אַז עס איז אומגעהײַער אויסגעוואַקסן די צאָל מענטשן, וואָס געפינען זיך אויף דער אַרבעט בײַ דער מלוכה: באַאַמטע, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. אַן ערך אַ זעקסט־חלק פון דער באַ־פעלקערונג אין דייטשלאַנד לעבט פון אַרבעט בײַ דער מלוכה אָדער בײַ די מוניציפּאַליטעטן. יידן מאַכן אויס אַ נישטיקן טייל — 0,33% פון אָט די אַלע מיליאָנען מענטשן. די געשרייען מכוח דעם, אַז יידן האָבן כלומרשט פאַרכאַפּט שיער ניט די פּאַרוואַלטונג פון לאַנד אָדער די דערציִונג פון יונגן דור — האַלט ניט אויס די מינדסטע קריטיק. מיר ברענגען די דאַטעס פון דער פאָלקסציילונג פון 1925 בנוגע פּרײַסן, וואָס האָט 2/3 סײַ פון דער אַלגעמיינער סײַ פון דער יידישער באַפעל־קערונג.

מיר האַלטן פאַר נייטיק צו באַמערקן, אַז אומעטום, ווו מיר רײדן פון יידן, מיינען מיר דערבײַ יידן אין זינען פון רעליגיע, און ניט לויטן „ראַסן“־סימן.

### יידישע באַאַמטע אין פּרײַסן (אין יאָר 1925).

| אַפּטייל: | אַלגעמיינע צאָל באַאַמטע | דערפון יידן: אַבס׳ | דערפון יידן: פּראָצענט |
|---|---|---|---|
| בילדונג און דערציִונג | 201.643 | 1929 | 0,96 |
| געריכט און פאַרוואַלטונג | 344.831 | 1474 | 0,43 |
| געזעלשאַפטלעכע מעדיצין | 73.644 | 1326 | 1,80 |

| אָ פּ ט י י ל : | אַלגעמיינע צאָל באַאַמטע | דערפון יידן | |
|---|---|---|---|
| | | אַבס׳ | פּראָצענט |
| אַרמיי און פלאָט . . . . . . . . | 75.459 | 28 | 0,04 |
| אייזנבאַן . . . . . . . . . . . | 247.604 | 113 | 0,05 |
| פּאָסט און טעלעגראַף . . . . . . | 168.993 | 156 | 0,09 |
| האַוונס . . . . . . . . . . . | 6.119 | 5 | 0,08 |
| פּראַטוואַי און אונטערערדישע באַנען . | 5.865 | 11 | 0,19 |
| לופט-פּליעריי . . . . . . . . | 697 | 6 | 0,86 |
| ס ך - ה כ ל . . . | 1.124.855 | 5048 | 0,45 |

מיר זעען, אַז אין גאַנץ פּרייסן זיינען געווען עפּעס מער פאַר פינף טויזנט יידן אָנגעשטעלט אין עפנטלעכן דינסט. באַר פון 1929 יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין אָפּטייל בילדונג און דערציִונג, זיינען איבער 1000 געווען פאַרנומען אין ריין יידישע לערן-אַנשטאַלטן, און פון דעם אָפּטייל פאַרוואַלטונג זיינען איבער 300 מענטשן געווען פאַר-נומען אין די יידישע קהילות. בלייבן נאָך אַן ערך 3.700 יידישע באַ-אַמטע, וואָס האָבן געאַרבעט אין אַלגעמיינע מלוכהשע אָדער קאָמונאַלע אַנשטאַטלטן פון פּרייסן. אין גאַנץ דייטשלאַנד זיינען בכן געווען אַן ערך 5.000 — 5.500 יידישע באַאַמטע, וואָס האָבן אויסגעמאַכט ניט מער פון 0,4% פון אַלע באַאַמטע,—אַ סך אַ נידעריקערער פּראָצענט ווי דער פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג. באַר לאָמיר אויסטיילן פון דער אַלגעמיינער מאַסע באַאַמטע די העכערע באַאַמטע און לאָמיר זען, ווי-וויַיט מען קאָן רעדן וועגן דער אויבערמאַכט פון יידן.

פון 1.124.855 באַאַמטע אין פּרייסן זיינען העכערע באַאַמטע גע-ווען — 51.719. צווישן די לעצטע זיינען געווען — 1.210 יידן אָדער 2,34%. דאָס איז שוין אַ פּראָצענט, וואָס שטייגט אַריבער דעם פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג, אָבער פאָרט איז אַ חוזק צו רעדן וועגן יידישער אויבערמאַכט. די דאָזיקע 1210 יידישע העכערע באַאַמטע ווערן דאָך נאָך צעטיילט לויט אַלע אָפּטיילן: אויף 22.242 העכערע באַאַמטע אין דעם אָפּטייל „פאַרוואַלטונג און געריכט" זיינען סך-הכל געווען באַר 371 יידן, ד"ה 1,67%; אויף 3.702 העכערע ראַנגען אין דער אַרמיי און פלאָט זיינען געווען 2 יידן; אויף 1.869 אין אָפּטייל

„פּאָסט און טעלעגראַף" — 2 יידן אָדער 0,12%; אויף 1.629 אין אָפּ־טייל „אײַזנבאַנען" — 18 יידן אָדער 1,10%; אויף 145 העכערע אָנגע־שטעלטע אין דעם אָפּטייל „טראַמוואַיען און אונטערערדישע באַנען" — קיין איין ייד; און נאָר אין דעם אָפּטייל „געזעלשאַפטלעכע מעדיצין" — מאַכן אויס די יידן ווי אָנפירנדיקע דאָקטוירים 6,53%, און אויב מען נעמט אַראָפּ די יידישע דאָקטוירים פון די יידישע שפּיטאָלן, קומט אויס, אַז זייער פּראָצענט אין די אַלגעמיינע הייל־אַנשטאַלטן איז ניט מער פאַר 4,0; און אין דעם אָפּטייל „בילדונג און דערציִונג" האָבן יידן אויף אָנפירנדיקע פּאָסטנס אויסגעמאַכט 3,23%, און אָן די יידישע לערן־אַנ־שטאַלטן, ד"ה נאָר אין די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן — מאַקסי־מום 2,0%.

חוץ די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, וואָס וועגן זיי האָבן מיר גע־רעדט ביז איצט, זײַנען אין אַלע אין דער טאַבעלע אויסגערעכנטע אָפּטיילן געווען פאַרנומען נאָך 532.167 אַרבעטער, וואָס צווישן זיי זײַנען געווען נאָר 398 יידן, ד"ה 0,07%. וואָס געדיכטער ס'איז די מאַסע אין אַ וואַ־סער עס איז אָפּטייל, אַלץ שווערער איז פאַר אַ יידן אַהין אַרײַנצודרינ־גען: דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַ יידן איז גרינגער צו דערשלאָגן זיך צום פּאָסטן פון אַ מיניסטער, איידער צו קריגן אַ שטעלע פון אַ מיטעלן באַאַמטן, אַ סך גרינגער צו קריגן אַ פּאָסטן פון אַ דירעקטאָר פון מלוכה־באַנק אָדער פון אַ פינאַנץ־פאָרשטייער פון דער מלוכה בײַ אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנץ־אַנשטאַלטן, איידער צו קריגן די שטעלע פון אַ געוויינטלעכן בוכהאַלטער אָדער שרײַבער. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס דער פּראָצענט יידן ווערט אַלץ העכער, וואָס העכער מיר שטײַגן אַרויף אויפן לייטער פון מלוכה־דינסט, — וואָרעם וואָס העכער אויפן דאָזיקן לייטער, אַלץ מער האָבן מיר צו טון מיט אַ באַ־גרענעצטן קרײַז מענטשן, מיט אַ גרופּע אויסדערוויילטע און אָפּגעקלי־בענע פּערזענלעכקייטן. שוין לאַנג האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז נאָר יידן מיט אויסערגעוויינטלעכע פעיִקײַטן, נאָר אויסנאַמלעכע יידן יחידים גיט זיך אײַן צו פאַרנעמען אַ פּאַסיקן פּלאַץ אין דער אַרומיקער געזעל־שאַפט און אָרגאַניש זיך צונויפוואַקסן מיט איר — פאַר דער יידישער מאַסע אָבער איז דאָס אומגעהײַער שווער.

חוץ די קאַטעגאָריעס מלוכהשע אַרבעט־נעמער, וואָס מיר האָבן גערעדט וועגן זיי ביז איצט, האָט די פּרײַסישע מלוכה אין אירע הענט נאָך אַ סך אונטערנעמונגען, וואָס אין זיי זײַנען באַשעפטיקט צענדליגער טויזנטער מענטשן: צוויי דריטל פון דעם קרעדיט־אויסקער פון דײַטש־לאַנד געפינט זיך אין די הענט פון דער מלוכה; 12,00% פון די קוילן־

גרובן געהערן דער מלוכה. אין אַלע די דאָזיקע אונטערנעמונגען ווערן יידן געציילט אין איינסן. אַן אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין בײַערישן מלוכה=באַנק, האָט געגעבן זייער אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן: צווישן די 1061 אָנגעשטעלטע פון דעם דאָזיקן באַנק איז געווען איין איינציקער ייד. * און אין פּרײַסן איז געווען ניט בעסער.

דער אויספיר איז קלאָר: וואָס מער די מלוכה האָט פאַרברייטערט אירע עקאָנאָמישע פונקציעס, וואָס מער דער פּריוואַטער מאַרק איז ענגער געוואָרן און האָט אָפּגעטראָטן דעם אָרט דער מלוכה=קאַנצעלאַריע, אַלץ טראַגישער איז געוואָרן די לאַגע פון יידן, וואָרעם לי די וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרן זייערע זעלבשטענדיקע פּאָזיציעס, נאָר זיי זיינען אויך ניט אַרײַנגעלאָזט געוואָרן אין די מלוכה=קאַנצעלאַריעס, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אויף די חורבות פון די פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

דער יידישער קאַפּיטאַליסטישער אויבער=שפּיץ, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, וואָס רעפּרעזענטירט ניט ווילנדיק דאָס יידנטום כלפּי=חוץ, באַשאַפט די אילוזיע פון אַ בכלל קאַפּיטאַליסטיש מעכטיקן יידנטום, וואָרעם פאַר דער וועלט הייסט יידנטום די פאָרשטייער פון די גרויסע אוניווערסאַל=מאַגאַזינען, די פאָרשטייער פון די גרויסע באַנקען, און מען לאָזט אין גאַנצן אויסן אויג יענע טויזנטער יידישע אָנגעשטעלטע פון אָט די מאַגאַזינען און בענק, וואָס דער גרעסטער רוב פון זיי פאַרדינט ווינציקער ווי 200 מאַרק אַ חודש. פּונקט די זעלביקע אילוזיע האָט זיך געשאַפן אויפן געביט פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, באַזונדערס פון מעדיצין; די קלײנע גרופּע מעדיצינישע גדולים פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס זײַנען געשטאַנען בראש פון צענטראַלע מלוכהשע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָט געשאַפן די אילוזיע, אַז די יידישע דאָקטוירים האָבן שיער ניט פאַרכאַפּט אַלע שטעלעס אין די מלוכהשע הייל=אַנשטאַלטן. צווישן דעם צענדלינג אָדער צוויי צענדלינג גאָר גרויסע, אויסנאַמלעך פעיִקע מעדיקער, אַדוואָקאַטן, אַרטיסטן, שרייבערס אאַז״וו, וואָס האָבן פאַרנומען דעם שפּיץ פון דער געזעלשאַפט און די גאַנצע וועלט האָט זיי געקענט, האָט אָט די גרופּע יידן טאַקע פאַרנומען 50—60 פּראָצענט. אָבער אַז יידן האָבן בכלל אויסגעמאַכט אַן איבערגרויסן פּראָצענט אין אַלע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, איז פּשוט אַן אויגן=פאַרבלענדעניש. מיר וועלן ווידער ברענגען די ציפערן, וואָס ווײַזן דאָס ריכטיקע בילד.

---

* „Bayerischer Kurier“, 1930, Nr. 159.

## דער פּראָצענט פון יידן אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין פּרייסן (1925)

| פּראָפעסיע | אַלגעמיינע צאָל | צאָל פון יידן: אַבס׳ | צאָל פון יידן: %% |
|---|---|---|---|
| 1) אַדוואָקאַטן . . . . . . . . . . . | 8.559 | 2.239 | 26,1 |
| 2) דאָקטוירים * . . . . . . . . . . | 28.979 | 4.506 | 15,5 |
| 3) רעדאַקטאָרן און שרייבערס . . . . | 7.846 | 680 | 8,7 |
| 4) צאָן-דאָקטוירים און טעכניקער . . . | 19.310 | 1.223 | 6,3 |
| 5) קינסטלערס און סקולפּטאָרס . . . | 6.980 | 317 | 4,6 |
| 6) אַפּטייקערס . . . . . . . . . . | 9.569 | 437 | 4,6 |
| 7) אַרטיסטן, זינגערס און מוזיקאַנטן . | 57.967 | 1.981 | 3,4 |
| 8) אינזשענערן, אַרכיטעקטאָרס און כע-מיקער . . . . . . . . . . | 95.547 | 1.588 | 1,7 |
| 9) לערערס . . . . . . . . . . . | 195.323 | 1.351 | 0,7 |
| סך-הכל . . . | 430.030 | 14.332 | 3,3 |

אין דער דאָזיקער טאַבעלע זיינען גענומען ניט אַלע פּערזאָנען, וואָס זיינען פאַרנומען אין אַ פּראָפעסיע, נאָר די קוואַליפיצירטע אינטע-ליגענטן. מיר זעען, אַז יידן מאַכן דאָ אויס נאָר 3,3% און בלויז אין צוויי פּראָפעסיעס מאַכן זיי אויס אַ זייער הויכן פּראָצענט — אין דער מעדיצין (15,5%) און אין דער אַדוואָקאַטור (26,1%). דער הויכער פּראָצענט יידן אין די דאָזיקע פּראָפעסיעס האָט זיינע סיבות: אין אָט די פּראָפעסיעס הערשט נאָך אַ פרייע קאָנקורענץ, עס שפּילן נאָך אַ ראָלע פּערזענלעכע פעיקייטן, אינדיווידועלע טאַלענטן און פּראָפעסיאָנעלער באַרוף. אין אַזעלכע פּראָפעסיעס אָבער, וואָס זיינען אָפּהענגיק דער עיקר פון דער טרעסטירטער אינדוסטריע אָדער פון דעם מלוכה-אַפּאַראַט, דאָרט זיינען יידן זייער ווינציק פאַרטראָטן, ווייל זיי ווערן אַהין ניט צוגעלאָזן. לאָמיר פאַרגלייכן דעם פּראָצענט אָפּהענגיקע אָדער אָנגעשטעלטע אין די פיר גרעסטע פּראָפעסיעס מיטן פּראָצענט יידן אין די דאָזיקע פּראָפעסיעס.

* אָן וועטערינאַרן.

| פ ר אָ פ ע ס י ע ס | פראָצ׳ פון די אָפּהענגיקע אָדער אָנגעשטעלטע אין דער פראָפעסיע | פראָצ׳ יידן אין דער פראָפעסיע |
|---|---|---|
| אַדוואָקאַטור . . . . . . . . . . . . . | 2,3 | 26,1 |
| מעדיצין . . . . . . . . . . . . . | 18,4 | 15,5 |
| אינזשעגערן, אַרכיטעקטאָרם, כעמיקער . . . | 82,3 | 1,7 |
| לערערם . . . . . . . . . . . . . . | 92,8 | 0,7 |

אָט וואָס עס שרײַבט די אָנפירערין פון דעם יידישן אַרבעטסביוראָ: „דער אַרבעט-מאַרק פאַר יידישע אַקאַדעמיקער ווי אָנגעשטעלטע איז זייער שלעכט, בפרט אַז אַ ריי באַוווסטע גרויסע באַטריבן און קאָנצערנס פון דער טעכנישער און כעמישער אינדוסטריע נעמען קיין יידן אויף שטעלעס ניט אָן".* אָט דאָס דערקלערט די שטרעבונג פון יידן צו מעדיצין און אַדוואָקאַטור, וו׳ עס הערשט נאָך פרײַע קאָנקורענץ. עס איז קלאָר, אַז אויך אין די ליבעראַלע פראָפעסיעס איז וואָס ענגער עס ווערט דער פרײַער מאַרק, וואָס מער די פערזענלעכע איניציאַטיוו און אינדיווידועלע פעיִקײַטן פאַרלירן זייער באַטרעף און ווערן פאַרביטן דורך דער צוגעפּאַסטקייט פאַרן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, אַלץ טראַגישער ווערט די לאַגע פון יידן.

דער גענויערער אַנאַליז פון דער לעצטער טאַבעלע ווײַזט, אַז יידן מאַכן באמת אויס אַ גאַנץ הויכן פראָצענט אין די ליבעראַלע פראָפעסיעס אין פאַרגלײַך מיט זייער וואָג אין דער באַפעלקערונג, אָבער יידן וועגן זייער פאָרהערשאַפט, וועגן זייער קוואַנטיטאַטיווער איבערמאַכט איז פשוט אַ חוזק. צווישן די שרײַבערס און רעדאַקטאָרן מאַכן זיי אויס $8,7^0/_0$; צווישן די קינסטלער און סקולפּטאָרס שוין נאָר $4,6^0/_0$; צווישן אַרטיסטן און מוזיקאַנטן נאָר $3,4,^0/_0$; דווקא בײַ די גרופּעס זעט מען, ווי אַזוי עס שאַפט זיך די אילוזיע, וואָס מיר האָבן וועגן איר גערעדט אויבן, ווײַל דאָ רוקן זיך אַרויס און פאַרשטעלן די אַנדערע אַ פּאָר גרויסע יחידים-יידן. צווישן די 593 רעזשיסערן פון פרייסן זײַנען סך-הכּל געווען 65 יידן, אָבער די באַקאַנטסטע אין גאַנץ דײַטשלאַנד, און ניט נאָר אין דײַטשלאַנד אַליין, זײַנען געווען דרײַ יידן, וואָס זײַנען אין משך פון אַ פּאָר צענדלינג יאָר געווען די געזעצגעבערס אויפן געביט פון רעזשיסור: ריינהאַרד, יעסנער און באַרנאָווסקי.

* Jüdische Wohlfahrtspflege und Sozialpolitik, Berlin 1930, p. 45.

צווישן די קינסטלערס און סקולפּטאָרס זײַנען געווען נאָר 4,6% יידן, אָבער בראש פון דער פּרײַסישער קונסט-אַקאַדעמיע איז געשטאַנען אין משך פון צוועלף יאָר אַ ייד — מאַקס ליבערמאַן. נאָך בולטער ווײַזט זיך דאָס אַרויס אויפן געביט פון טעאַטער, ווו יידן מאַכן אויס נאָר 3,4%, אָבער צווישן יענער קליינער גרופּע, וואָס פּרעטענדירט מיט רעכט אויף די ערשטע ערטער, גיבן זיי אַ העלפט אָדער אפשר מער.

אָבער די יידישע עקאָנאָמישע פראַגע איז דאָך ניט די פראַגע פון אָט די אויסנאַמלעכע יחידים, וואָס דערגייען, ניט געקוקט אויף זייער יידישקייט, ביז די ערשטע רייען, — דאָס איז דאָך די פראַגע פון די מיטעלע יידישע מאַסן, וואָס שיידן זיך מיט גאָרנישט אָדער כמעט מיט גאָרנישט ניט אונטער פון זייערע ניט-יידישע קאָלעגן פון דער פּראָפעסיע. די פראַגע שטייט וועגן דעם, ווי אַזוי אָט די מאַסן ווערן ניט צוגעלאָזן אָדער ווערן אַרויסגעשטופּט פון פריער פאַרנומענע פּאָזיציעס אויף פאַרשיידענע געביטן פון עקאָנאָמישן לעבן נאָר דערפאַר, וואָס זיי זײַנען יידן.

פאַר די לעצטע צען יאָר זײַנען בײַ די דײַטשע יידן אין אַלע גרויסע שטעט אויסגעוואַקסן זייערע אייגענע עמיגראַציע-ביוראָס, זייערע אייגענע אַרבעט-ביוראָס, וואָס זייער ציל איז ניט בלויז צו זוכן אַרבעט פאַר די וואָס האָבן זי ניט, נאָר אויך צו געבן דער יוגנט אַ פּראָפעסיאָ-נעלע צוגרייטונג און פונאַנדערטיילן זי צווישן די פּלעצער, ווו זי זאָל זיך אויסלערנען אַ פּראָפעסיע; עס זײַנען אויך אויפגעקומען געזעל-שאַפטן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, און עס איז קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן די צאָל חלוצים, — דאָס זײַנען אַלץ געווען קלאָרע סימפּטאָמען פון אַ פּראָדוקטיווירונגס-פּראָצעס און אַ סימן דערפאַר, אַז אין ברייטע שיכטן פון דײַטשן יידנטום איז מען געקומען צום באַוווסטזײַן, ווי וויכטיק און נייטיק עס איז אָט די פּראָדוקטיווירונג. דאָס וואָס עס זײַנען אויפגעקומען ספּעציעלע יידישע אינסטיטוציעס פּאַראַלעל מיט די עקסיסטירנדיקע מלוכה-אינסטיטוציעס, וואָס האָבן די זעלביקע עובדא, ניט געקוקט אויף דער גלײַכבאַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן גענאָסן אין דײַטשלאַנד פאַרן קומען פון דער נײַער מאַכט, און ניט געקוקט אויף גאָר זייער קולטורעלער אַסימילירטקייט, — האָט באַוויזן, אַז די יידישע אַרבעטלאָזיקייט, די פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג פון דער יידי-שער יוגנט, די קאָלאָניזאַציע פון יידישע שטאָטישע עלעמענטן, די רעגולירונג פון דער יידישער עמיגראַציע זײַנען אַזעלכע ספּעצי-פישע פּראָבלעמעס, אַז זיי לאָזן זיך ניט אַרײַנפּאַסן אין די ראַמען פון

די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס און קאָנען ניט רעגולירט ווערן דורך דער אַלגעמיינער טעטיקייט.

עס איז געווען אַ נוהג אַמאָל צו באַזוכן אַ יידישע אַרבעט־ביוראָ, בכדי זיך איבערצייגן, ווי ווייט עס שיידן זיך אונטער זייערע קליענטן פון די וואָס קומען אין אַלגעמיינע אַרבעט־ביוראָס: אַ סך יונגעלייט פון די מיטעלע קלאַסן, וואָס זייערע עלטערן זיינען שוין פאַראָרעמט געוואָרן אָדער וואָס האָבן נאָך אַ היפשע הכנסה פון אַ קראָם אָדער קאָנטאָר, נאָר זיי שפירן, אַז פאַרן יונגן דור מוז מען זוכן אַנדערע קוואַלן פון חיונה; אַ סך יונגע מענטשן אין עלטער פון 14 ביז 18 יאָר, קינדער פון קרעמערס, אַגענטן, בוכהאַלטערס, אָבער אויך פון פערזאָנען פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס, וואָס זוכן צוגרייטונג דווקא אין אַ פּראָפע־סיע, וואָס איז פאַרבונדן מיט פ י ז י ש ע ר אַרבעט; אַ סך יונגע פרויען און מענער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די דערפער, ווי אַ ייד האָט שוין 1931 און 1932 ניט געקאָנט בלייבן, און וואָס זוכן אין דער גרויסער שטאָט אַ פלאַץ זיך צוצושלאָגן, בכדי וואָס גיכער אַראָפּצוברענגען אויך די עלטערן, אאַז״וו, אאַז״וו. פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע צוויי קאַטע־גאָריעס אינטערעסענטן זיינען פאַרטראָטן אויך אין די אַלגעמיינע אַר־בעט־ביוראָס, נאָר בעת אין די יידישע ביוראָס מאַכן זיי אויס אַן ערך 50%, באַטרעפן זיי אין די אַלגעמיינע 3%—5% פון אַלע קליענטן.

צום סוף 1932 זיינען לויט די ידיעות פון בערלינער אַרבעט־ביוראָ 25 ביז 30 פּראָצענט פון אַלע יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע געווען אָן אַרבעט; דער דאָזיקער פּראָצענט איז טיפּיש פאַרן גאַנצן דייטשן יידנטום. רעכענענדיק 125.000 יידישע אַרבעט־נעמערס, מעג מען דרינגען, אַז צום סוף 1932 זיינען געווען 25 ביז 30 טויזנט יידישע אַרבעטלאָזע.

שווער איז אויסצורעכענען די צאָל פון דעקלאַסירטע יידן פון די מיטל־קלאַסן אָדער די צאָל פון יענע, וואָס שטייען אויפן שוועל פון דלות; זיי זיצן נאָך אין מאַגאַזינען, זיי עפענען נאָך אַ קראָם אָדער אַ קרעמל, אָבער זיי ווייסן אויף קלאָר, אַז דעם באַנקראָט וועלן זיי ניט אויסמיידן. אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דער פאַראָרעמונג פון די דאָזיקע שיכטן גיבן די ידיעות פון די יידישע קהילות. אַן אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין צוועלף יידישע קהילות, האָט געוויזן, אַז דער הכנסה־שטייער איז געפאַלן זינט 1929 ביז 1931 פון 1.564.600 מאַרק אויף 877.500 מאַרק, ד״ה קלענער געוואָרן אויף 44,0%; אָבער דאָס באַטייט דאָך, אַז די הכנסה פון די מיטגלידער פון די דאָזיקע קהילות איז פאַר די צוויי יאָר געפאַלן אויף 44%. אין יאָר 1931 האָבן געקראָגן שטיצע פון דער בערלינער יידישער קהילה 4.000 משפחות

און איבער 5.000 איינצלנע מענטשן, דער עיקר פון די מיטעלע קלאַסן, וואָרעם די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן דאָך געקראָגן פון דער מלוכה=פאַרזיכערונג, און נאָר אין זעלטענע פאַלן האָט די קהילה גע= האָלפן אויך זיי. שוין 1930 זײַנען די יידישע קהילות פון אַלע גרויסע שטעט געווען געצוווּנגען צו עפענען גאָרקיכן, ווו מען האָט אַרויסגע= געבן וואָלוועלע מיטאָגן. קליענטן פון אָט די גאָרקיכן זיינען געווען על פי רוב בדלות=געשטעלטע פאָרשטייער פון די מיטעלע קלאַסן. פון די 66.957 שטײַער=צאָלערס פון דער בערלינער יידישער קהילה זיינען אין יאָר 1925 אינגאַנצן באַפרײַט געוואָרן פון צאָלן שטײַערן 25.576, ד"ה $38,2^0/_0$, ווײַל זיי האָבן פאַרדינט ווינציקער פון 1.000 מאַרק אַ יאָר. זיי מעג מען דרייסט צורעכענען צו דער קאַטעגאָריע פון די אָרעמסטע. 12.866 יידן האָבן פאַרדינט פון 1.200 ביז 2.400 מאַרק אַ יאָר. מיר באַקומען אַזוי אַרום, אַז איבער אַ העלפט מיטגלידער פון דער בערלי= נער יידישער געמיינדע האָבן געהערט צו אָרעמע קלאַסן. איבער דער דאָזיקער ברייטער אָרעמער מאַסע האָט זיך אויפגעהויבן אַ רײַכער שפּיץ, נישטיק לויט דער צאָל, אָבער פינאַנציעל זייער שטאַרק: צוויי צענדלינג רײַכע יידן פון בערלין טראָגן אַרײַן שטײַערן מער ווי 50.000 אָרעמע. דער תהום צווישן אָרעם און רײַך איז בײַ יידן נאָך טיפער, ווי בײַ ניט יידן. די צרה איז די, וואָס אויף איין גרויסן גביר קומען אויס טויזנטער אָרעמע לײַט. די צײַט, ווען די מיטל=קלאַסן האָבן געבילדעט בײַ די דײַטשע יידן אַ גאַנץ ברייטן בריק צווישן די צוויי עק=פּאָלוסן, איז פאַרבײַ; דער דאָזיקער בריק, וואָס האָט גענומען אַלץ מער זיך ברעק= לען אַדאַנק דער טרעסטירונג און דער פאַרמלוכהשאַפטלעכונג פון דעם רוב צווײַגן פון עקאָנאָמישן לעבן, וואָס איז דורך דעם לעצטן קריזיס שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן, איז איצט דורך דער היטלערישער רעגי= רונג מיט איין קלאַפּ צעשטערט געוואָרן אינגאַנצן. דער אָרעמער טייל פון יידנטום האָט מיטאַמאָל צוגעקראָגן אַ גוואַלדיקן צושטראָם פון די מיטעלע קלאַסן; נאָר אויב פריער האָט באַדײַטיקער טייל פון די אָרע= מע זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגן, פאַרדינט זייער אָרעם שטיקל ברויט, איז איצט געשאַפן געוואָרן אַ לאַגע, ווען אַלע וועגן פון פרנסה זיינען פאַרן גרעסטן טייל פון דייטשן יידנטום אָפּגעשניטן.

די אַנטי=יידישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג אין דײַטשלאַנד האָט אָנגערירט אַלע שיכטן פון יידנטום, פון די העכסטע ביז די נידעריק= סטע: פון די גרויסע באַנק=דירעקטאָרן, אוניווערסאַלע מאַגאַזינען, די בעלי=בתּים פון גרויסע פאַבריקן, פירערס פון צענטראַלע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס ביז דעם קליינעם באַאַמטן, וואָס פלעגט קריגן ביז 200

מאַרק אַ חודש שכירות און ביז דער אָרעמער פאַרקויפערין, וואָס פלעגט קריגן ווינציקער פאַר 100 מאַרק אַ חודש. עס איז אויך ניט דורכגעלאָזן קיין איין מיטל-רינג צווישן אָט די עק-פאָלוסן — אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, פראָפעסאָרן, לערערס, בעלי-בתים פון מיטעלע אונטערנעמונגען אאַז"וו. דער אונטערשייד איז נאָר דערין, וואָס אַפילו די אכזריות-דיקע רעגירערס פון דײַטשלאַנד, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, זײַנען גרייט, הגם מיט ציין-קריצעניש און מיט פאַרשטיקטע נקמה-געפילן פאַר דער צוקונפט, צו מאַכן פשרות מיט די שטאַרקע עלעמענטן פון יידנטום, אויסלאָזנדיק זייער בייז געמיט און זייער שנאה צו די שוואַכע.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די יידישע פינאַנסיסטן און אונטערנעמערס זײַנען ניט אַרונטער אונטער דעם באַרימטן „אַריער-פאַראַגראַף"— אין דעם פרט זײַנען די איצטיקע רעגירערס די דירעקטע נאָכמאַכערס פון די פעאָדאַלן פון 18טן י"ה, וואָס זײַנען תמיד געווען לײַטזעליק צו די יידישע פינאַנץ-פאַרמיטלערס. עס איז לא די וואָס ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, וואָס פאַרזאָגט שטרענג די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פאַבריק-קאָמיטעטן, די פאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס און אַלע אַנדערע אָרטיקע אַדמיניסטראַטיווע אינסטאַנצן, אַז זיי טאָרן זיך ניט אַרײַנמישן אין דער פאַרוואַלטונג פון די אונטערנעמונגען, וואָרעם „אַזאַ אַרײַנמישונג ברענגט אַרײַן אַ שטערונג אין עקאָנאָמישן לעבן", נאָר דער אַרבעט-געזעץ זאָגט בפירוש, אַז אַ ייד אַן אונטערנעמער האָט דאָס רעכט צו זײַן אַ „פירער" פון דער גאַנצער מאַסע פערזאָנען, וואָס זײַנען פאַרנומען אין דער אונטערנעמונג. באַשײַמפערלעך, אַז די פאַרטרײַבונג פון יידישע אָנגעשטעלטע איז ניט קיין אַרײַנמישונג, וואָס ברענגט צו אַ שטערונג פון עקאָנאָמישן לעבן, וואָרעם שוין נאָך אָט דעם באַפעל זײַנען, לויט דער פאָדערונג פון דעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישן קאָמיטעט, אָפגעזאָגט געוואָרן אַלע יידן פון אולשטיין-פאַרלאַג און די אָנגעשטעלטע פון די איין-פרײַז-געשעפטן. וועגן דער פאַרטרײַבונג פון די יידן פון די דאָזיקע גרויסע פירמעס איז געוואָרן באַוווסט אין דער וועלט, אָבער וועגן דער פאַרטרײַבונג פון יידן פון קליינע פירמעס אין דער פראָווינץ האַלט די פרעסע אַפילו ניט פאַר נייטיק מיטצוטיילן. די לייפציקער שררות פון אַלע מינים קריכן פון דער הויט, בכדי צו לאָזן וויסן די אַנטלאָפענע פאָרשטייערס פון די יידישע פעלץ-פירמעס, אַז אַליין דער פירער פון דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, ד"ה די אמתע אויבערשטע מאַכט גאַראַנטירט זיי דאָס לעבן און זייער האָב און גוטס, אָבער ווען עטלעכע הונדערט אָנגעשטעלטע פון די אוניווערסאַלע מאַגאַזינעס פון דער פירמע „פאַמיליען-קויפהויז", וואָס

זײַנען אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט די אומפֿאָרזיכטקייט געבאָרן צו ווערן יידן, האָבן זיך געווענדט אין גע־ריכט מיט אַ תּביעה אויף קאָמפּענסאַציע, האָט דאָס געריכט זיי אָפּ־געזאָגט.

אַזעלכע בײַשפּילן וואָלט מען געקענט ברענגען נאָך אַ סך, בכדי צו באַווײַזן, ווי אַזוי די שנאה פֿון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי אין דײַטשלאַנד, די שנאה פֿון די פּירערס פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט קנאה צו דעם הײַפּל רײַכע יידן, פֿאַלט סוף־כּל־סוף מיט גאָר איר שווערקייט אויף די שוואַכע עלע־מענטן פֿון דײַטשן יידנטום. אָפּרעכענען וועט מען זיך, זאָגן מיר, מיט יענע עלעמענטן, וואָס נאָך פֿאַרן קומען פֿון דער איצטיקער מאַכט זײַנען זיי אַלע מער געזונקען אין מאַטעריעלער נויט און אַלץ מער געשטיקט געוואָרן דורך אַ נשמה־דעפּרעסיע. וואָרעם אויב בײַ ניט־יידן קומט אויס אויף 100 מענטשן וואָס האָבן געליטן פֿון קריזיס 95 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און נאָר 5 פֿון די מיטל־קלאַסן, מאַכן די לעצטע אויס בײַ יידן שיער ניט די העלפֿט פֿון די געליטענע פֿון קריזיס. עס איז זייער מעגלעך, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פֿון אַן אַרבעטלאָזן אַרבעטער אָדער אָנגעשטעלטן איז, ניט געקוקט אויף דער מלוכה־פֿאַרזיכערונג, וואָס ער באַקומט, אָפּט ערגער, ווי די מאַטעריעלע לאַגע פֿון אַ געפֿאַ־לענעם קרעמער אָדער הענדלער, וואָס איז געבליבן אָן אַ געשעפֿט און האָט גאָרנישט פֿון קיין אָבליגאַטאָרישער פֿאַרזיכערונג, — אָבער דער פּ ס י כ י ש ע ר צושטאַנד פֿון דעם קרעמער דעם יורד איז ניט אין אַן ערך געדריקטער, טראַגישער, ער איז פּסיכיש מער חרוב. בײַם אַרבעט־לאָזן אַרבעטער איז, ערשטנס, ניטאָ אַזאַ תּהום צווישן דער לאַגע, איידער ער האָט אָנגעוואָרן די אַרבעט, און שפּעטער, ווי בײַם דעקלאַסירטן פֿאַרשטייער פֿון מיטל־קלאַס, וואָס פֿאַלט אָפּט אַראָפּ פֿון אַ גרויסער מאַטעריעלער הייך אויפֿן סאַמע דעק פֿון לעבן. אַרבעטער, וואָס פֿאַר־לירן זייער אַרבעט, ווייסן כּמעט קיינמאָל ניט פֿון יענער נערוון־אָנשפּאַ־נונג, פֿון יענער פּסיכישער אויפֿרעגונג, וואָס עס לעבן איבער די זעלבשטענדיקע עלעמענטן פֿון דעם מיטל־קלאַס, ווען זיי ווערן יורדים. ווײַטער, אַן אַרבעטער, וואָס פֿאַרלירט זײַן שטעלע, בלײַבט בײַ זײַן פֿאַך־קענטשאַפֿט, בײַ זײַן געניטשאַפֿט, און דאָס האַלט אויף אין אים די האָפֿענונג, אַז ווען די צײַט וועט בעסער ווערן, וועט ער פֿאַרנעמען זײַן פֿריערדיקן פּלאַץ, — אַ געוועזענער בעל־הבית אָבער, וויבאַלד ער האָט מער ניט זײַן קאַפּיטאַל, וועט אים שוין זײַן פֿאַך־קענטעניש און זײַן געניטשאַפֿט גאָרנישט העלפֿן, וואָרעם זייער זעלטן קומען צוריק צו

אַ מעמד יענע, וואָס האָבן אָנגעוואָרן זייער קאַפּיטאַל בעת אַ קריזיס. געוויינטלעך גיט דער מענטש נאָך אַזוי גיך זיך ניט אונטער, מען דרייט זיך אין אַלע זײַטן, מען זוכט כּלערליי תּחבולות, מען שטרענגט אָן אַלע כּוחות פון דער נשמה, אַבי זיך וואָס לענגער צו האַלטן פון אויבן און ניט אונטערצוזינקען, בכדי ניט צו ווײַזן, אַז מען טרינקט זיך. דערפון ווערט מען אויסגעמאַטערט, אַלע נערוון ווערן אויסגעשעפּט, און צום סוף זעט מען אײַן, אַז עס איז ניטאָ קיין אויסקוק, ניטאָ קיין האָפענונג, ניטאָ קיין אַרויסגאַנג. דאָס איז דער צושטאַנד, דאָס זײַנען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער טראַגעדיע פון דעם מיטלקלאַס בײַ זײַן ירידה. און היות ווי בײַם דײַטשן יידנטום, און ניט בלויז בײַם דײַטשן, מאַכן אָט די געוועזענע זעלבשטענדיקע עלעמענטן אויס אַ העלפט, און אַמאָל נאָך מער ווי אַ העלפט, פון די וואָס האָבן געליטן פון דעם קריזיס אָדער פון דער סטאַדיע פון דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס מיר לעבן איבער, איז נאַטירלעך, אַז די דעפּרעסיע, די פּסיכישע צעטרייסלונג און יאוש נעמען אָן בײַ יידן שאַרפערע און טיפערע פאָרמען. דער יידישער מיטלקלאַס לא די וואָס ער האָט ניט דאָס שטיקל טרייסט, וואָס דער פאַשיזם, וואָס נעמט זיך אָן צו ראַטעווען די דאָזיקע קלאַסן, גיט די דאָזיקע עלעמענטן בײַ ניט־יידן, — דער יידישער מיטלקלאַס ווערט דאָך נאָך גערודפט דורך זײַנע אייגענע קלאַסן־מיטברידער, און די באַוועגונג, וואָס איז באַרופן צו שטעלן אויף די פיס די מיטלקלאַסן, ד"ה גראָד די קלאַסן, וואָס זײַנען די מערהײַט בײַ יידן, איז געווענדט מיט גאָר איר ווילדער קראַפט און שאַרפקייט דווקא קעגן יידנטום.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער טיפער פּסיכישער און גײַסטיקער צעטרייסלונג, וואָס דאָס דײַטשע יידנטום האָט איבערגעלעבט. שילדערן אָט די אומגלויבלעכע, טיפע טראַגעדיע פון דײַטשן יידנטום, וואָס האָט פאַרלאָרן אַלע זאַפטן פון דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר יידישקייט, וואָס האָט פון איר גאַנצן עבר אויפגעהיט נאָר שוואַכע סימפּאַטיעס צום יידישן גאָט; וואָס האָט מיט אַן אמת זיך צונויפגעגאָסן אין גאַנצן מיט דער דײַטשער קולטור, האָט גערן אָפּגעגעבן דער דאָזיקער קולטור איר גאַנצן אָנגעקליבענעם פּסיכישן רײַכטום, און איז מיט גאָר דער אויפריכטיקייט געוואָרן פּאַטריאָטיש־דײַטש; שילדערן, וואָס עס האָט געמוזט איבערלעבן די דאָזיקע גרופּע מענטשן, ווען זי האָט זיך פּלוצים דערזען לא די וואָס אַרויסגעשטופּט דורך דער אַנטיסעמיטישער מאַכט, לא די וואָס באַשפּיגן, דערנידעריקט, געשענדט דורך פּאַטאָלאָגיש שאָוויניסטן און פּאַטאָלאָגישע אַנטיסעמיטן, נאָר אויך אָפּגעשטויסן, איבערגעלאָזט

אויף הפקר, איבערגעענטפערט דעם צעווילדעוועטן, צעיושעטן המון, אויף פאַרצוקן כמעט דורך דער גאַנצער דײַטשער אינטעליגענץ, חוץ איינציקע אויסנאַמלעכע יחידים, — צו שילדערן די דאָזיקע טראַגעדיע שטײַגט אַריבער אונזערע כוחות. די טראַגעדיע פון די דײַטשע יידן, וואָס זײַנען איצט אַרײַן אין געטאָ מיט אַן אויסגעליידיקטער יידישער נשמה, וואָס זײַנען איבערגעוואַלד אַרײַנגעשטופּט געוואָרן אין אַ גײַסטיקן געטאָ, וואָס אַהין קאָנען זיי מיטברענגען נאָר רעשטלעך פון אַ פרעמדער קולטור, וואָס אויך דערויף אָנערקענט מען ניט זייער רעכט, נאָר וואָס אָן דעם בלײַבן זיי לחלוטין גײַסטיקע בעטלערס, — אָט די דאָזיקע שוידערלעכע פאָלקס=טראַגעדיע קאָן אין אונזער אַרבעט ניט געשילדערט ווערן.

---

## XII

## דער ביאָלאָגישער ווערט פון דײַטשן יידנטום

וויפיל יידן זײַנען איצט געבליבן אין דײַטשלאַנד? וואָס איז דער ביאָלאָגישער ווערט פון דעם דאָזיקן יידנטום?

מיר שטעלן די פראַגע וועגן ביאָלאָגישן ווערט פון דײַטשן יידנטום, ווײַל פון דעם עלטער=באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג איז אָפּהענגיק ניט בלויז איר ווײַטערדיקער וווּקס אָדער דעגענעראַציע, נאָר אויך איר עקאָנאָמישע וואָג און אירע סאָציאַלע פּערספּעקטיוון. דאָס איז אויף אַזוי פיל וויכטיק אויפצוקלערן אין געגעבענעם פאַל, ווײַל דאָס דײַטשע יידנטום לעבט אין ניט נאָרמאַלע תנאים, לעבט איבער אַ טיפן איבערבראָך אין אַלע סאָציאַלע גרונטפעסטן און אַ ראַדיקאַלן איבערבײַט פון אַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. עס מוז אין אַ קורצן משך צײַט איבערבויען זײַן גאַנץ לעבן אויף אַ לחלוטין נײַעם שטייגער, — באַדײַטיקע מאַסן, וואָס האָבן דורות לאַנג געלעבט אין גאַנץ גינסטיקע תנאים, זײַנען געצוווּנגען, אונטער כסדרדיקע קלעפּ מצד דער אַרומיקער סביבה און בײַ אַן אומגלויבלעכער צעטרייסלונג פון דער גאַנצער פּסיכיק, צוצופּאַסן זיך מיט איין מאָל צו לחלוטין נײַע פּראָפעסיעס, צו נײַע אַרבעטס=תנאים — צו לחלוטין אַנדערע לעבנס=תנאים. בײַ די אומגלויבלעכע שווערע אויפגאַבעס, וואָס דאָס לעבן שטעלט פאַר די דײַטשע יידן, סײַ ווען זיי דאַרפן זיך אַריבערקלײַבן אין אַנדערע לענדער און סײַ ווען זיי זײַנען געצוווּנגען צו בלײַבן אויף די ערטער, באַקומט די פראַגע

וועגן דעם פיזישן און פסיכישן ווערט פון יעדן איינציקן אַ וויכטיקייט פון ערשטן גראַד. און אויב אויף צו מעסטן דעם פסיכישן ווערט פון דער באַפעלקערונג האָבן מיר דערווײַל נאָך ניט קיין אָביעקטיוון קריטעריום, קאָן פאַר דער אויסמעסטונג פון איר פיזישן ווערט און וואָג דער עלטער-באַשטאַנד דינען פאַרן בעסטן אָביעקטיוון קריטעריום.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1925 זײַנען אין דײַטשלאַנד געווען 564379 יידן. שמד, געמישטע חתונות, עמיגראַציע, און צולעצט די פאַרקלענערונג פון דער געבורטיקייט ביז צו אַזאַ נידעריקן גראַד, אַז זי האָט שוין ביז 1933 קוים געדעקט די העלפט פון דער צאָל טויטע — דאָס זײַנען די פלאָגן, וואָס האָבן צעפרעסן דאָס דײַטשע יידנטום נאָך פאַר דער קאַטאַסטראָפע פון לעצטן יאָר. די אומאויפהערלעכע ירידה פון דער געבורטיקייט און צוגלײַך דער וווּקס פון דער שטאַרביקייט, מחמת איבערגעלאָדנקייט מיט עלטערע מענטשן, האָבן אָנגענומען אַלץ מער און מער קאַטאַסטראָפישע מאָסן. אַזוי זײַנען פאַרן יאָר 1931 אין פרײַסן געבאָרן געוואָרן 2.907 יידישע קינדער, און אויב מען זאָל נאָך צורעכענען אַ טייל $(1/3)$ קינדער פון געמישטע חתונות, וועט זיך באַקומען 3.081, און געשטאָרבן זײַנען דאָס זעלביקע יאָר 5.728 יידן, ד"ה כמעט 2 מאָל מער, ווי עס זײַנען געבאָרן געוואָרן. יידן, וואָס מאַכן אויס 0,9% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דײַטשלאַנד, האָבן די לעצטע יאָרן געגעבן נאָר 0,45% פון אַלע געבורטן, אָבער 1,3% פון אַלע טויטפאַלן. לויט גענויע אויסרעכענונגען קאָן מען קומען צום אויספיר, אַז צום אָנהייב 1933 זײַנען אין דײַטשלאַנד געווען איבער 520.000 יידן. נאָר אויב דאָס דאָזיקע יאָר האָט געהאַט פאָזיטיווס דערין, וואָס די ערשטע צוויי פאַקטאָרן, וואָס ברענגען צום פאַלן פון דער צאָל יידן — שמדן און געמישטע חתונות — זײַנען כמעט פאַרשוווּנדן, האָבן דערפאַר שטאַרקער געווירקט די איבעריקע פאַקטאָרן, קודם-כל די עמיגראַציע און אויך די ירידה פון געבורטיקייט און שטײַגן פון דער שטאַרביקייט.

עמיגרירט פאַרן לעצטן יאָר האָבן ניט ווייניקער פון 60.000 יידן. בכדי צו קאָנען ריכטיק אָפּשאַצן דעם באַטײַט פון דעם דאָזיקן פאַקט פאַר דער צוקונפט פון דײַטשן יידנטום און בכדי אויפצוקלערן די ביאָלאָגישע וואָג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז געבליבן אין דײַטשלאַנד, מוז מען זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם באַשטאַנד פון דער דאָזיקער עמיגראַציע. ערשטנס האָבן עמיגרירט די ווערטפולסטע עלטער-גראַדן, סײַ פון דעם שטאַנדפּונקט פון נאַטירלעכן צוּוואַקס, סײַ פון שטאַנדפּונקט פון דער פעיִקייט צום עקאָנאָמישן קאַמף, צוצופּאַסן זיך צו די נײַע, שווערע לעבנס-תנאים. קיין גענויע דאַטעס וועגן דעם

עלטער־באַשטאַנד פון די עמיגרירטע זײַנען ניטאָ, אָבער לויט געוויסע פראַגמענטאַרישע ידיעות קאָן מען דאָך זיך מאַכן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם. אַזוי זײַנען צווישן אַ גרופּע פון עטלעכע הונדערט מאַן, וואָס האָבן עמיגרירט קיין ארץ־ישראל, געווען:

| | | |
|---|---|---|
| אין עלטער פון 20 ביז 40 יאָר | — | 79,9⁰/₀ |
| „ „ „ 20 „ 50 „ | — | 90,7⁰/₀ |
| ייִנגער פון 20 יאָר | — | 5,5⁰/₀ |
| עלטער „ 50 „ | — | 3,8⁰/₀ |

דער צונויפשטעל פון די וואָס האָבן עמיגרירט קיין ארץ־ישראל איז אָן שום ספק עטוואָס אַן אייגנאַרטיקער, מחמת סערטיפיקאַטן ווערן אַרויסגעגעבן נאָר יונגע עלטער־גראַדן (מענטשן ביז 35 יאָר). אָבער פון דער אַנדער זײַט איז אין 1933 דער פּראָצענט פון די עמיגראַנטן־קאַפּיטאַליסטן, וואָס זײַנען ניט געבונדן מיטן עלטער, געווען צווישן די עמיגראַנטן פון דײַטשלאַנד זייער הויך. בכל אופן איז קיין ספק ניטאָ, אַז די עלטער־גראַדן פון 20 ביז 50 האָבן געגעבן ניט ווינציקער ווי $^3/_4$ פון אַלע דײַטש־יידישע עמיגראַנטן, און דאָס מיינט, אַז פון די 60.000 עמיגראַנטן זײַנען 45.000 געווען פון די עלטער־גראַדן, וואָס זײַנען די ווערטפולסטע אין ביאָלאָגישן און סאָציאַלן זינען. עס איז קלאָר, אַז אויך די געבורטיקייט איז אין 1933 געווען נידעריקער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. און אויב אין 1931 האָט דער אָנוווער מחמת דעם עודף פון דער שטאַרביקייט איבער דער געבורטיקייט באַטראָפן אין גאַנץ דײַטשלאַנד 4.500 נפשות, האָט ער דאָס לעצטע יאָר בלי־שום־ספק אויסגעמאַכט ניט ווינציקער ווי 6.000. דער צאָל־אָנוווער פון דײַטשן יידנטום באַטרעפט בכן אין יאָר 1933 — 66.000 און אפשר גאַנצע 70.000 נפשות. מיר קומען צום אויספיר, אַז אין אָנהייב 1934 זײַנען אין דײַטשלאַנד געווען שוין ניט מער ווי 450.000 יידן, און אפשר נאָך עטוואָס ווינציקער.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, ווי גרויס איז די ביאָלאָגישע און סאָציאַלע וואָג פון דעם דאָזיקן יידנטום. שוין לויט דער פאָלקסציילונג פון 1925 איז די פּיראַמידע פון די עלטער־גראַדן בײַם דײַטשן יידנטום געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן א י ב ע ר ג ע ק ע ר ט ע: בעת ווען ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג פון דײַטשלאַנד זײַנען געווען 18,79⁰/₀ עלטערע פאַר 50 יאָר און 25,75⁰/₀ קינדער ביז 15 יאָר, איז בײַ יידן געווען נאָר 17,93⁰/₀ קינדער, און מענטשן עלטער פאַר 50 יאָר 25,16⁰/₀. די לאַגע איז דעמאָלט געווען צ י ט ו ו ײַ ל י ק גינסטיקער פאַר יידן, ווײַל די עלטער־גראַדן פון 15 ביז 50 יאָר האָבן בײַ זיי אויסגעמאַכט

56,10%, און בײַ ניט־יידן 55,46%, נאָר דאָס איז געווען אַ טרויעריקע מעלה, וואָרעם דער צושטראָם צו אָט די מיטעלע עלטער־גראַדן האָט ניט געקענט דעקן, מחמת דער שוואַכקייט פון דער קינדערשער באַזע, דעם אַוועקגאַנג צו די עלטערע גראַדן. און לויט לפי־ערכדיקע אויסרע־כענונגען האָבן די עלטער־גראַדן פון איבער 50 יאָר אָנהייב 1933 אויס־געמאַכט שוין 29%, און אָנהייב 1934 גאַנצע 34%. אין דער מאָס זײַנען אויך קלענער געוואָרן די מיטעלע עלטער־גראַדן, זיי האָבן אין 1934 באַטראָפן עטוואָס ווינציקער פון 50%. ווי ווײַט אומנאַטירלעך עס איז דער עלטער־געבײַ פון דײַטשן יידנטום איז צו זען דערפון, וואָס אָנהייב 1934 האָט עס געהאַט אויף 150.000 מענטשן עלטער פאַר 50 יאָר נאָר 70.000 יינגער פאַר 15 יאָר, בעת אויב מען פאַרגלײַכט מיט דעם על־טער־באַשטאַנד פון דער דײַטשער באַפעלקערונג, האָבן פון דעם עלטער באַדאַרפט זײַן 207.000, ד"ה שיער ניט דרײַ מאָל אַזוי פיל. יינגער פון 30 יאָר זײַנען בײַ די דײַטשע יידן נאָר 1/8 פון דער באַפעלקערונג, בעת בײַ די דײַטשן מאַכן זיי אויס 2/8.

נאָר אָט דער פּראָצענט פון פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פון די עלטערע, אין אַלע פּרטים שוואַכערע יאָרגענג, און פון דער געהעריקער פאַרקלענערונג פון די מיטעלע, וואָס שטיצן זיך ניט אויף אַ ברייטער באַזע פון קינדערשע עלטער־גראַדן, וועט פון יאָר צו יאָר זיך פאַר־שטאַרקן; בפרט אַז די עמיגראַציע וועט אָפּציען פון דײַטשן יידנטום ניט בלויז די יינגסטע עלטער־גראַדן, נאָר אויך די מזרח־יידן, וואָס האָבן געגעבן די גרעסטע געבורטיקייט. די מזרח־יידן האָבן לויט דער ציילונג פון 1925 אויסגעמאַכט אַן ערך אַ פינפטל פון אַלע דײַטשע יידן, אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז זיי האָבן געגעבן 2/5 פון אַלע יידישע גע־בורטן. פון די 60.000 יידן, וואָס האָבן עמיגרירט אין 1933, זײַנען געווען ניט ווינציקער ווי 50% מזרח־יידן. און די מזרח־יידן הערן ניט אויף צו עמיגרירן פון דײַטשלאַנד, וואָרעם הגם זיי זײַנען ווי אויס־לענדער מער געשיצט קעגן געוואַלד־מעשים, דערפאַר אָבער איז די שנאה צו זיי גרעסער. און דאָס מוז ממילא פירן דערצו, אַז די גע־בורטיקייט זאָל נאָך מער פאַלן.

לויט די אויסרעכענונגען פון זייער קאָמפּעטענטע מענטשן באַ־דאַרף מען אָננעמען, אַז אויך דאָס יאָר וועט דער אָנוווער מחמת דעם עודף פון שטאַרביקייט איבער דער געבורטיקייט באַטרעפן אַן ערך 6.000 נפשות. דער מינימום פון די עמיגראַנטן וועט אויך מסתמא באַ־טרעפן ניט ווינציקער פון 6.000, און אפשר מער. וועדליג די לעצטע אַרויסטרעטונגען פון דעם פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס און דעם

בייעם אויבערהאַר פון מיטל= און אויבער=פראַנקען שטרײַכער, באַדאַרפן מיר זיך ריכטן אויף אַ נײַער כוואַליע רדיפות און עקאָנאָמישע עקסצעסן. נאָר אויך בלײַבנדיק אין אירע איצטיקע ראַמען, וועט די יידישע עמי= גראַציע פון דײַטשלאַנד, וואָס איז שוין געוואָרן נאַטירלעך, אַזוי צו זאָגן, „סטאַביל", באַטרעפן ניט ווינציקער ווי 500 נפשות אַ חודש. דער אַלגעמיינער אָנווער פון דײַטשן יידנטום מאַכט, בכן, שוין איצט אויס 12.000 נפשות פאַרן יאָר, און אין די נאָענטסטע יאָרן וועט ער געוויס וואַקסן און וועט געוויס אָפּשוואַכן אַלץ מער סײַ די כמותדיקע און סײַ די איכותדיקע וואָג פון דײַטשן יידנטום.

פּאַראַלעל מיט די אויבן אויסגערעכנטע ערשײַנונגען גייט אַ ווײַ= טערדיקע קאָנצענטרירונג פון יידן אין די גרויסע שטעט, וואָס דאַרף פון איר זײַט ווײַטער ברענגען צו דער פאַרקלענערונג פון דער געבור= טיקייט. בעת ווען בײַ דער דײַטשער באַפעלקערונג מערקט זיך די לעצטע יאָרן אַן אָפּוואַנדערונג פון שטאָט אין דאָרף אַרײַן, זײַנען די יידן מחמת דעם טעראָר פון דער היטלערשער פאַרטיי געווען געצוווּנ= גען, נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, צו אַנטלויפן פון די דערפער און שטעטלעך אין די גרויסע צענטערס אַרײַן. דאָס לעצטע יאָר פון פּאָגראָמען און באָיקאָט האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אָט דעם אַנטלויף פון דער פּראָווינץ. מיר ברענגען עטלעכע בײַשפּילן. אין מעקלענבורג=שווערין זײַנען געווען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין יאָר | 1900 | — | 1.763 יידן |
| „ „ | 1925 | — | 1.225 „ |
| „ „ | 1934 | — | 670 „ |

פאַר די ערשטע 25 יאָר איז די צאָל יידן קלענער געוואָרן אויף 578 נפשות אָדער אויף 30,5% און פאַר די לעצטע 8 יאָר אויף 555 אָדער אויף 45,3%. אין ביטאָוו (פּאָמערן) זײַנען געווען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין יאָר | 1930 | — | 156 יידן |
| „ „ | 1933 | — | 109 „ |
| „ „ | 1934 | — | 77 „ |

דאָס הייסט אַ פאַרקלענערונג מער ווי אויף 50%.

אין הײַלבראָן זײַנען געווען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין יאָר | 1925 | — | 900 יידן |
| „ „ | 1934 | — | 720 „ |

דאָס הייסט אַ פאַרקלענערונג אויף 20%. אינטערעסאַנט איז די צאָל פאַמיליעס אין אָט דער קליינער יידישער קהילה. אין יאָר 1934 זײַנען געווען סך־הכּל 278 פאַמיליעס, וואָס צווישן זיי האָבן נאָר 20, ד"ה 7,2%, געהאַט מער ווי 2 קינדער. פון אָט די 720 נפשות זיינען 277, ד"ה 38,5%, געווען עלטער פאַר 50 יאָר. געבורטן זײַנען דאָרט פאַר די לעצטע דרײַ יאָר (31—1933) געווען צו 3 אַ יאָר, דאָס הייסט אַן ערך 4 געבורטן אויף 1.000 *. אין רעגענסבורג זײַנען געווען סוף 1932 500 יידן, און אָנהייב 1934 — 360 יידן, ד"ה ווינציקער אויף 28%. אין שנײַדעמיל זײַנען אין 1931 געווען 600 יידן, און אָנהייב 1934 — 450, — ווינציקער אויף 25%. אין קיל זײַנען אָנהייב 1933 געווען 613 יידן, און אָנהייב 1934 — 419 יידן, — אויף 31,7% ווינציקער.

די געבראַכטע דאַטעס זײַנען פולקום גענוג אויף צו האָבן דאָס רעכט צו מאַכן דעם אויספיר, אַז זינט דער פאָלקס־ציילונג פון 1925 זײַנען די קליינע קהילות, מיט ווינציקער פון 1.000 יידן, קלענער געוואָרן אויף 40%, ד"ה צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי עס איז אין דורכשניט קלענער געוואָרן די אַלגעמיינע צאָל יידן אין דײַטשלאַנד. היות ווי לויט דער ציילונג פון 1925 קומט אויס, אַז פון אַלע יידן אין דײַטשלאַנד האָבן אַן ערך 105.000 געוווינט אין קהילות מיט ווינציקער פון 1.000 נפשות, דעריבער מעג מען אָננעמען, אַז איצט זײַנען אין די דאָזיקע קהילות געבליבן נאָר 63.000 נפשות, ד"ה נאָר 14% פון דער איצטיקער צאָל יידן אין דײַטשלאַנד.

פון דעם אויבן געזאָגטן קאָן מען מאַכן זייער פעסימיסטישע אויספירן: דער אָרגאַניזם פון דײַטשן יידנטום איז באַשווערט פון אַ גרויסן באַלאַסט פון עלטערע מענטשן, אַ באַלאַסט, וואָס איז שיער ניט אין צווייען שווערער, ווי בײַ דער דײַטשער באַפעלקערונג. די מענטשן אין דעם עלטער זײַנען לא־די וואָס ניט מסוגל אָנצוהייבן איבערצובויען זייער לעבן אויפסנײַ, צוצופאַסן זיך צו נײַע פראָפעסיעס, צו נײַע תּנאים, נאָר זיי גיבן אויך אַ הויכן פראָצענט פון אינוואַלידן, וואָס ליגן זיך ווי אַ שווערע משא אויף דער געזעלשאַפט. אַזוי האָט שוין איצט דאָס דײַטשע יידנטום איבער 72.000 מענטשן עלטער פאַר 60 יאָר (מער ווי פיל קינדער ביז 15 יאָר!), ד"ה 16%, בעת ווען בײַ די דײַטשן זײַנען נאָר 9,5% פון דער באַפעלקערונג עלטער פאַר 60 יאָר.

אַ צווייטער אויספיר, וואָס בעט זיך, — איז דאָס, וואָס דער דײַטש־יידישער אָרגאַניזם, ווי ווײַט עס קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן אַן

* Jüdische Rundschau 1934, 10.IV, Nr. 29.

אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע, איז פאַרמשפּט אויף איינגעדאַרט און איינגעשרומפּן צו ווערן.

נאָר פון דער אַנדער זײַט וואָלט געווען לײַכטזיניק און אומגע־רעכט זיך מיאש צו זײַן פון דײַטשן יידנטום, וואָס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג אַרויסגעגעבן אַזוי פיל טאַלענטירטע און מער ווי טאַלענטירטע פאָרשטייער אין אַלע געביטן פון קולטור. אַזאַ הויך קולטורעלע גרופּע, וואָס האָט געדינט ווי אַ פערמענט פאַר אַ 65־מיליאָניקן פאָלק, קאָן ניט איינגעשלאָסן איבערגעוואַלד אין געטאָ, גרינג דערשטיקט ווערן אין דער אייגענער זאַפט. אָבער דערין טאַקע באַשטייט די אויפגאַבע פון דעם וועלט־יידנטום — אַריבערצופירן די קולטור־פּסיכישע רײַכטימער, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין דײַטשן יידנטום, צום ווויל און נוצן פון דעם 16־מיליאָניקן יידנטום. נאָר חוץ דעם אַלעמען, האָבן מיר פאַר זיך אַ גרופּע לעבעדיקע יידן, וואָס לעבן איבער די גרעסטע מענטשלעכע טראַגעדיע פון איזאָלירט ווערן פון אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן, אַ גרופּע, וואָס ווײַזט אַרויס ווונדערלעכע פעיִקייטן אין דעם קאַמף פאַר דער צוקונפט, וואָס שטרענגט אָן אין דעם דאָזיקן קאַמף איבערמענטשלעכע כּוחות, וואָס אַנטפּלעקט אַ געוואַלדיקע ענערגיע און איינגעשפּאַרטקייט, שפּאַן־קראַפט פון גײַסט און פעסטקייט אין איר ווילן צו לעבן אויף צו להכעיס אַ וועלט מיט שונאים.

לאָמיר אַ קוק טאָן, וואָס איז געוואָרן מיט דער דאָזיקער מאַסע נאָך אַ יאָר פון היטלער־רעזשים, און בײַ וואָסערע תּנאים קומט איר אויס צו קעמפן פאַר איר פיזישער און גײַסטיקער עקסיסטענץ.

---

## XIII

# די טאָפּעלע בוכהאַלטעריע אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער דייטשער רעגירונג

שווער צו געפינען אַ גראַדע, אויסגעהאַלטענע ליניע אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער היטלער־רעגירונג, — אויך ניט בנוגע צו יידן. דער פאַשיזם איז דאָך בעצם אַ פּשרה צווישן פאַרשיידענע ווירט־שאַפט־פאָרמען און פאַרשיידענע קלאַסן. די היטלער־פּאַרטיי איז אויס־געוואַקסן פון דער אַלגעמיינער שנאה צום סאָציאַליזם סײַ מצד דעם גרויסן ערד־אייגנטום און דעם גרויסן קאַפּיטאַל און סײַ מצד דעם לומפּן־פּראָלעטאַריאַט פון צווישן די אַרבעטלאָזע, סײַ מצד דעם דעקלאַ־

סירטן אַלטן מיטלשטאַנד (זעלבשטענדיקע סוחרים, בעלי־מלאכות און פּויערים) און סײַ מצד דעם נײַעם מיטלשטאַנד — דער האַלב־פּראָלעטאַריזירטער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ; צולעצט אויך מצד דעם לומפּן־בירגערטום, געוועזענע אָפיצירן, געוועזענע באַאַמטע און פאַרלײַ אַנדערע קרבנות פון קריג, רעוואָלוציע און אינפלאַציע. דאָס ברענגט טאַקע צו אַ וואַקלעניש, צו אַ לאַווירן צווישן סותרדיקע אינטערעסן פון גרופּעס און קלאַסן. די היטלער־רעגירונג מײַדט באַוווּסטזיניק אויס עקספּערימענטן אין עקאָנאָמישן לעבן, פּירט באַוווּסטזיניק ניט אויס קיין איינע פון די ראַדיקאַלע רעפאָרמעס, וואָס זי האָט צוגעזאָגט און וואָס שטייען נאָך איצט אין איר פּראָגראַם. הגם אידעיִש איז זי בלי־ספק פײַנטלעך אײַנגעשטעלט לגבי דער מאָדערנער טעכניק, פונדעסטוועגן האָט זי פון אָנהייב אָן אָפּגעהאַקט יעטווידער פּרוּוו אָנצווענדן די דאָזיקע פײַנטשאַפט, און אַז נאַיִווע אַרבעטער האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוּוואַרפן די מאַשינעס פון די פאַבריקן, בכדי צו באַפרײַען אַרבעט־פלעצער פאַר מענטשלעכע הענט, האָט די רעגירונג באַלד אויף אַן אָרט געהייסן זיצן רויִק. הגם די היטלער־רעגירונג איז בלי־ספק פײַנטלעך געשטימט קעגן דער גרויס־אינדוסטריע, קעגן דער אורבאַניזירונג, קעגן דער פאַרוואַנדלונג פון זעלבשטענדיקע בעלי־בתּימלעך אין פּראָלעטאַריער, קעגן דעם אַרײַנדרינגען פון דער שטאָטישער קולטור אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן, האָט זי דאָך ביז איצט ניט אַרויסגעגעבן קיין איין געזעץ, וואָס זאָל אַרויסווײַזן איר ערנסטן מיין אויסצופירן דעם צוזאָג, וואָס זי האָט פריער געמאַכט, אַ קער צו טאָן די ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק און אויפצוריכטן דעם פּאַטריאַרכאַלישן לעבן־שטייגער. אַן אויסנאַם זײַנען נאָר די אַגראַר־געזעצן און דער געזעץ, וואָס איז די טעג אַרויסגעגעבן געוואָרן וועגן צובינדן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער צו דער לאַנדווירטשאַפט. אָבער אויך די דאָזיקע מאָסמיטלען קאָנען מאַקסימום אַ ביסל *פאַרהאַלטן* די ווײַטערדיקע אויסליידיקונג פון דאָרף און דעם ווײַטערדיקן וווּקס פון די שטעט.

כאַראַקטעריסטישער פון אַלץ איז פאַר דער האַלבקייט און קווענקלדיקייט פון היטלערס עקאָנאָמישער פּאָליטיק זײַן באַנק־פּאָליטיק, וואָס האָט אויך אין די רייען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אַרויסגערופן טענות און אומצופרידנקייט. אין דער זעלביקער צײַט, ווען עס האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען די אַנקעטע־קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן דעם באַנק־וועזן, און דער פּרעזידענט פון רײַכסבאַנק שאַכט האָט אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער יענע רעדנערס, וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט צו רעדן אַ וואָרט מכּוח דעם, אַז מען מוז נאַציאָנאַליזירן די

גרויסע בענק, * האָט אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דעם אַרבעט=פראָנט
„Der Deutsche“ פון 1934.1.10 זיך באַוויזן אַן אַרטיקל פון דעם אָנגע=
זעענעם פּאַרטיי=מיטגליד און מיניסטער ד״ר ה. ניפּקע אונטערן כאַראַק=
טעריסטישן קעפּל „די פאַרמלוכהשאַפטלעכונג פון די בענק״. אין דעם
דאָזיקן אַרטיקל באַווײַזט ער, אַז עס איז נייטיק תיכּף צו נאַציאָנאַליזירן
די גרויסע בענק און די פאַרזיכערונגס=געזעלשאַפטן, וואָס די מלוכה
האָט סײַ ווי סײַ אין זיי גרויסע קאַפּיטאַלן, און ער באַקלאָגט זיך דע=
רויף, וואָס נאָך ביז איצט איז ניט פאַרווירקלעכט די שטאַנדן=מלוכה.
דעם אַרטיקל הייבט ער אָן אַזוי: „דאָס פאַרהאַלטן די אײַנפירונג פון
דער נײַער שטאַנדן=אָרדענונג האָט זיך אין כמה פּרטים אַרויסגעוויזן פאַר
שעדלעך, און דערפאַר מיינען מיר: ניטאָ קיין באַווײַז קעגן דער פאַר=
מלוכהשאַפטלעכונג פון די גרויסע בענק און פון די פאַרזיכערונג=קאָנ=
צערנס. גיכער זײַנען אַלע באַווײַזן פאַר דעם״. און שוין נאָך דעם ווי
מען האָט לעצטגילטיק באַגראָבן די אידעע וועגן דער נאַציאָנאַליזירונג
פון די בענק איז דער זעלביקער מחבר אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרטיקל
פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג אין דעם אָרגאַן: „Die deutsche Volkswirt-
schaft, Nationalsozialistischer Wirtschaftsdienst“ בוך 1; דער אַרטיקל
הייסט „די לאַגע״. וועגן דער אומצופרידנקייט אין די רייען פון דער נאַ=
ציאָנאַל=סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט דער קווענקלדיקער און ניט אַנט=
שלאָסענער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג זאָגט עדות אַן
אַרטיקל, וואָס איז געדרוקט אין דער צײַטשריפט Der deutsche Volks-
wirt 1934, נומ׳ 15, ווו מיר לייענען: „בעת וועגן אויפן פּאָליטישן געביט
האָט דאָס יאָר 1933 געבראַכט אַ סך געזעצן פון סטרוקטורעלן כאַראַק=
טער, איז אויפן פעלד פון עקאָנאָמיק קיין זאַך אַזוינס ניט געשען. עס
איז פאַרשטענדלעך, וואָס מען קאָן די לעצטע צײַט קאָנסטאַטירן אין
טייל קרײַזן אַ פאַרשטאַרקטע שטרעבונג צו ענדערן די עקאָנאָמישע
פאָרמען. קאָנקרעט גערעדט, האָט מען דערבײַ אין זינען, למשל, די
פאַרמלוכהשאַפטלעכונג פון די גרויסע בענק״. דער מחבר ענדיקט אָבער
פאָרט, אַז ער שטייט „פאַרן אמתן דײַטשן סאָציאַליזם אין גײַסט פון
אַדאָלף היטלער״, וואָס זעט דעם ראַטונעק ניט אין דער נאַציאָנאַליזי=
רונג, נאָר אין דער „אַרויסשטעלונג פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פירער=
פּערזענלעכקייט״.

מיר האָבן געזאָגט, אַז בנוגע יידן צייכנט זיך די עקאָנאָמישע
פּאָליטיק פון דער היטלער=רעגירונג ניט אויס ניט דורך קלאָרקייט, ניט

---

* Frankfurter Zeitung, 3.XII, 5.XII 1933, 4.I 1934.

דורך אַנטשלאָסנקייט. אַוודאי איז קיין ספק ניטאָ אין דער קלאָרקייט און באַשטימטקייט פון די סוביעקטיווע פאַרלאַנגען, ווונטשן און האָפענונגען, וואָס עס האָבן די מיטגלידער פון היטלערס רעגירונג, — זיי האָבן נאָר איין פאַרלאַנג: וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון יידן, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיי באַרויבט און באַשפיגן. נאָר באַשיימפּערלעך, אַז אַפילו בנוגע צו אַזאַ קליינער גרופּע, אַ שוואַכער, דעזאָרגאַניזירטער און אָן שום פּאָליטישע, אפשיטא שוין מיליטערישע, קאַמף־אָרגאַנען, איז אויך ניט אַזוי גרינג געווען צו פאַרווירקלעכן היטלערס אידעאַלן. אָט איז אַ קלאָרער ביישפּיל דערפאַר, ווי אַזוי מען קומט צו קורץ מיט כּוחות. דער פירער גופא האָט בפירוש דערקלערט, אַז ער איז גרייט אַפילו צו סובּ־סידירן דעם אַרויספאָר פון יידן פון דײַטשלאַנד, אַבי וואָס גיכער צו זען זײַן געליבט פאָטערלאַנד באַפרײַט פון יידן. אין דעם גײַסט האָט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום אַרויסגעגעבן דעם 26 יולי 1933 אַ פאַראָרדע־נונג, ווו עס איז קלאָר געזאָגט געוואָרן: „די אויסוואַנדערונג פון פער־זאָנען פון יידישן אָפּשטאַם איז געווונטשן און טאָר מחמת דעם ניט געשטערט ווערן". ווײַטער באַפעלט דער צירקולאַר, אַז מען זאָל בײַ די רײַכע עמיגראַנטן נעמען „אַ גרויסן אָפּצאָל—דעם שטײַער פאַר אַנטלויפן פון דער מלוכה". מען דאַרף מוסיף זײַן, אַז דער געזעץ וועגן „שטײַער פאַר אַנטלויפן פון דער מלוכה" איז שייך אויך צו ניט־יידישע עמיגראַנטן, נאָר דערבײַ איז פאַראַן אַ צוגאָב, אַז אויב דער אַרויספאָר פון אַ פערזאָן פון דײַטשלאַנד איז אַ טובה פאַר דער מלוכה, דעמאָלט ווערט זי באַ־פרײַט פון דעם „שטײַער פאַר אַנטלויפן פון דער מלוכה". און ניט לאַנג האָט איינער אַ יידישער אַדוואָקאַט, וואָס האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעוואָרן דאָס רעכט צו פּראַקטיקירן אין דײַטש־לאַנד, געפאָדערט, אַז מען זאָל אים לאָזן אַרויספירן זײַנע 64.000 מאַרק אָן צו צאָלן דעם „שטײַער פאַר אַנטלויפן פון דײַטשלאַנד" אויף דעם סמך, וואָס דער אַרויספאָר פון אַ יידן איז אַ טובה פאַר דײַטשלאַנד. נאָר דאָס זעלביקע פינאַנץ־מיניסטעריום, וואָס האָט ערשט אין יולי פונאַנדערגעשיקט דעם אויבן דערמאָנטן צירקולאַר, האָט געהאַט די העזה צו געבן אַזאַ דערקלערונג: „עס זײַנען ניטאָ קיין מאָסמיטלען פון דער מלוכה־רעגירונג, וואָס זאָלן צווינגען ניט־אַריער אויסצוּוואַנדערן. אַ דײַטשער אינטערעס פאַר דער אויסוואַנדערונג בכלל איז ניטאָ". און צולעצט האָט די „רײַכס־דעוויזנשטעלע" אין דער צווייטער העלפט מאַי אַרויסגעגעבן אַ צירקולאַר, וואָס אין אים רעכנט זי אויס די פאַלן, ווען מען מעג דערלויבן אַרויסצושיקן געלט קיין אויסלאַנד איבער דער באָרמע, און זי שרײַבט: „דאָס איז גילטיק באַזונדערס פאַרן אויפהאַלט

אין אויסלאַנד צוליבן שטודירן, און אויך פֿאַר ניט=אַרישע סטודענטן
און שילער, וואָס פֿאַר זיי וועט דער באַזוך פֿון אַ שול אָדער דער
שטודיום אין אויסלאַנד בדרך=כּלל זײַן אַ געוווּנטשענע צוגרייטונג פֿאַר
אַ קומענדיקער אויסוואַנדערונג". הייסט דאָס, אַז די יידישע עמי=
גראַציע איז שוין ווידער געוווּנטשן. און דאָס אַלץ גייט אַרויס פֿון איין
און דערזעלביקער אינסטאַנץ. אַן אָפֿנהאַרציקייט, וואָס גרענעצט מיט
אומפֿאַרשעמטקייט.

די אומבאַשטימטקייט פֿון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק בנוגע יידן
ווײַזט זיך אַרויס אין דער פֿראַגע וועגן „באַטריב=פֿירער". דעם ערשטן
מאַי איז געוואָרן גילטיק דאָס „געזעץ וועגן דער אָרדענונג פֿון דער
נאַציאָנאַלער אַרבעט". אין דעם געזעץ זײַנען ניטאָ קיין שום באַגרע=
נעצונגען — ניט קיין דירעקטע, ניט קיין אומדירעקטע, פֿאַר די „באַ=
טריב=פֿירערס"; פֿאַרקערט, מכּוח די „פֿאַרטרויענס=מענער" שטייט
בפֿירוש געזאָגט, אַז אַזעלכע מעגן זײַן נאָר מיטגלידער פֿון דעם „אַר=
בעט=פֿראָנט", און היות ווי יידן טאָרן ניט זײַן קיין מיטגלידער פֿון
„אַרבעט=פֿראָנט", ממילא קאָנען יידישע אַרבעטער און יידישע אָנגע=
שטעלטע קיין מאָל ניט ווערן קיין „פֿאַרטרויענס=מענער". קומט, בכן,
אויס, אַז אַ ייד אַ פֿאַבריקאַנט מעג זײַן דער „פֿירער" פֿון אַלע דײַטשע
אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק. און די רעכט פֿון דעם „פֿירער" זײַנען
גאַנץ ברייטע — סײַ בײַם באַשטימען דעם אַרבעט=לוין, סײַ בײַם אײַנ=
שטעלן די אינעווייניקסטע אָרדענונג אין פֿאַבריק. קאָן מען זיך שוין
גרינג פֿאָרשטעלן, וויפֿיל געזונט האָט געקאָסט די געזעצגעבערס אָט
דער קאָמפּראָמיס מיט זייער דײַטש=ראַסיסטישן געוויסן, און וואָס פֿאַר
אַ שטורעם פֿון כּעס האָט דאָס געמוזט אַרויסרופֿן בײַ די געטרײַע אונ=
טערטאַנען פֿון דעם פֿירער פֿון אַלע פֿירערס!

און טאַקע, אין דעם זשורנאַל Der Betrieb, וואָס עס גיט אַרויס
דער צענטער פֿון די נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישע קעמערלעך אויף די פֿאַב=
ריקן, האָט זיך באַוויזן אין 3טן נומער פֿון לויפֿיקן יאָר אַן אַרטיקל
פֿון רײַנהאַרט, דעם פֿירער פֿון די פֿאַבריק=קעמערלעך פֿון אונטער=פֿראַנ=
קען; היות ווי די רעדאַקציע האָט קיין שום אָנמערקונגען צו דעם אַר=
טיקל ניט געמאַכט, איז באַשײַמפּערלעך, אַז זי איז אינגאַנצן מסכּים
מיטן מחבר און רעקאָמענדירט זײַן אַרטיקל אַלע נאַציאָנאַל=סאָציאַלי=
סטישע קעמערלעך פֿון דײַטשלאַנד פֿאַר אַ דירעקטיווע, ווי אַזוי זיך צו
האַלטן. וואָס זשע לייגט דער מחבר פֿאָר? ער שטעלט אַרויס דרײַסיק
פּונקטן, וואָס דאַרפֿן באַווײַזן, אַז עס טאָר גאָר קיינעם ניט אַרויף אויפֿן
געדאַנק, אַז אַ ניט=אַריער זאָל ווערן אַ „באַטריב=פֿירער". דער גאַנג פֿון

זײַנע געדאַנקען איז אַ גאַנץ ריכטיקער, לאָגיש אויסגעהאַלטן אין גײַסט פון דער גאַנצער ראַסן=פּאָליטיק. אײנע פון די הויפּט=אויפגאַבעס פון דעם „באַטריב=פירער“ איז דאָך די דערציִונג פון די אַרבעטער אין גײסט פון נאַציאָנאַל=סאָציאַליזם, און דער מחבר קומט אין פּונקט 16 צו דער מסקנא: „עס וואָלט געווען אַ סתירה צו דער נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישער לײַטישקײט, ווען מען וואָלט געוואָלט צומוטן אַ יידן, אַז ער זאָל דערציען די אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אונטער אים, צו דער געגנערשאַפט פון זײַן ראַסע“. נאָר דער מחבר איז ניט אַזוי האַרט, פאָרצולייגן אַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרבאָטן יידן צו זײַן פאַבריקאַנטן, אָבער „היות ווי עס איז ניט מעגלעך, אַז צווישן אַ יידן, ווי אַ מענטשן=פירער, און צווישן נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטן, ווי געפירטע, זאָל שטענדיק און אומעטום אײַנגעהאַלטן ווערן שלום, און חוץ דעם קאָן מען קיין מאָל ניט פאַרלאַנגען פון די נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטן אין באַטריב, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן פירן פון יידן, דאָס הייסט פעלקישע געגנערס, און זאָלן סוף כּל סוף נאָך זײַן זײ געטרײַ“, דעריבער קומט דער מחבר צום אויספיר, וואָס איז לויט זײַן מײנונג אײנציק מעגלעך: אַז די פאַבריקאַנטן פון ניט=אַרישן אָפּשטאַם וועלן זײַן אַזוי קלוג, אַז זיי וועלן מיטן גוטן ווילן זיך אָפּזאָגן פון דער „באַטריב=פירערשאַפט“ און וועלן די דאָזיקע פונקציע איבערגעבן אַ ריין=בלוטיקן אַריער. פאַרשטײט זיך, אַז דער דאָזיקער אַריער באַדאַרף אויספירן זײַנע אויפגאַבעס ניט אין גײַסט פון דעם פאַבריקאַנט דעם ניט=אַריער, דעם שונא פון דער דײַטשער ראַסע, נאָר אין גײַסט פון נאַציאָנאַל=סאָציאַליזם, ד״ה ער באַדאַרף דערציען אַלע אַרבעטער פון דער פאַבריק פון דעם ניט=אַריער אין גײַסט פון שנאה און קאַמף קעגן דעם ניט=אַרישן פאַבריקאַנט. און דער מחבר ענדיקט מיט אַ פיל באַדײַטיקער אָנצוהערעניש: „פאַר אַלע רעזולטאַטן, וואָס קאָנען אַרויסקומען, ווען מען זאָל ניט אָנווענדן די דאָזיקע פונקטן, מוזן מיר אַראָפּנעמען פון זיך יעטווידער אחריות“. דאָ פילט זיך אַ דײַטלעכער סטראַשונעק, פאַרשטײט זיך ניט אַנטקעגן דער רעגירונג, וואָס האָט אין געזעץ געלאָזט אַ מעגלעכקײט דערפאַר, אַז אַ ניט=אַריער זאָל ווערן אַ „באַטריב=פירער“, נאָר אַנטקעגן די יידישע פאַבריקאַנטן, אויב זיי וועלן זיך אײַנשטעלן אויסצונוצן דאָס דאָזיקע רעכט.

אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דעם אַרבעט=פראָנט „Der Deutsche“ פון 28 מאַי 1934 האָט זיך באַוויזן אַ בריוו אין רעדאַקציע מיט דער פראַגע: „צי מעג אַ ייד ווערן דער באַטריב=פירער פון אַ דײַטשער אַרבעטער=גרופּע?“ די רעדאַקציע איז מסכּים מיטן מחבר פון בריוו,

אַז וועגן דעם קאָן קיין רייד ניט זײַן, ווײַל דאָס גייט קעגן אַלע גרונט=
פּרינציפּן פון נאַציאָנאַל=סאָציאַליזם. אין דעם זעלביקן זינען האָבן זיך
אַרויסגעזאָגט צענדליגער אַנדערע אָרגאַנען פון דער היטלער=פּאַרטיי,
און מען האָט זיך דעררעדט ביז צום געדאַנק, אַז „פאַר דעם געזעצגע=
בער האָט דאָס געמוזט פון לכתחילה זײַן אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט,
אַז אַ ייד, ווי אַ פירער, קאָן גאָר קיין מאָל ניט געמאָלט זײַן" („אַשאַ=
פענבורגער צײַטונג" פון 4טן אַפּריל 1934 לויט דער „פראַנקפורטער צײַ=
טונג" פון 13טן אַפּריל 1934). אָבער היות ווי אין די אינסטרוקציעס
צום געזעץ שטייט בפירוש, אַז „אויך ניט=אַרישע אונטערנעמערס מעגן
זײַן פירערס פון באַטריב", דעריבער האָט דער פירער פון אַרבעט=פראָנט
ד"ר לעי געפונען אַזאַ אויסוועג: אין איטלעכער אונטערנעמונג איז פאַ=
ראַן אַ „מענטשן=פירונג" און אַ „זאַך=פירונג", און אַזוי באַדאַרפן די
יידישע אונטערנעמערס האָבן דאָס רעכט נאָר אויף דער „זאַך=פירונג".

ווי אַזוי די נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטן וועלן אין דער פּראַקטיק זיך
אַרויסדרייען פון אָט דעם קנויל פון סתירות, איז דערווײַל ניט באַוווּסט.
דער ראַיאָן=קאָמיטעט פון די נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישע פאַבריק=קעמער=
לעך פון מיטל=פראַנקען האָט אַרויסגעגעבן אַ צירקולאַר, ווו עס שטייט
געזאָגט: „אין געביט פון דעם ראַיאָן מיטל=פראַנקען קומען יידן ווי באַ=
טריב=פירערס ניט אין באַטראַכט. יידישע בעלי=בתים פון געשעפטן מוזן
באַשטימען אַן אַ ר י ש ן פאַרטרעטער". דער דאָזיקער פּרווו אַרומצוגיין
דעם געזעץ האָט באַלד אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד מצד דעם ביי=
עריש ן אַרבעט=קאָמיסאַר („Treuhänder"), וואָס האָט דערקלערט, אַז „די
מעלדונג און פאַראָרדענונג האָט ניט קיין געזעצלעכן יסוד".

איך האָב מורא, אַז די יידישע אונטערנעמערס וועלן זיי שטאַרק
פאַרגרינגערן די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע — זיי וועלן מסתמא מיטן
גוטן ווילן זיך אָפּזאָגן פון דער „פירערשאַפט" אין זייערע אונטערנע=
מונגען און וועלן דאָס איבערגעבן ניט בלויז ריינבלוטיקע אַריער, נאָר
טאַקע רעכטגלויביקע היטלעריסטן.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער פראַ=
גע, ווײַל דורך דעם ווערט ווידעראַמאָל קלאָר אילוסטרירט אונזער מיי=
נונג וועגן דעם, אַז היטלער איז גרייט שלום צו מאַכן מיט דער יידי=
שער בורזשואַזיע *, געבן איר הנחות, צולאָזן די יידישע אונטערנעמערס

* ערשט דאַ ניט לאַנג, אין דער צווייטער העלפט יוני, איז אין די דייטשע
צייטונגען ערשינען אַן אויפרוף, וואָס אילוסטרירט קלאָר, ווי דער „פּרינציפּיעלער" היט=
לער איז גרייט צו דערלאַנגען זיין האַנט דעם יידישן באַנקיר, — אָט דעם „מקור פון

אַפילו צו אַזעלכע אחריותדיקע פּאָסטנס, ווי די „באַטריב=פירערס", דערפאַר אָבער בנוגע דעם קליינעם מענטשן, אַ יידישן אַרבעטער אָדער אַ יידישן אָנגעשטעלטן, — זיי איז ניטאָ וואָס צו שאַנעווען, פאַר זיי זײַנען קיין קאָמפּראָמיסן ניט נייטיק. צווייטנס, דאָ טרעט ווידער בולט אַרויס די פאָרזיכטיקייט און די ניט=אויסגעהאַלטנקייט פון היטלערס עקאָנאָמישער פּאָליטיק, נאָך מער זײַן מורא פאַר עקספּערימענטן. דריטנס, פון היטלערס קאָמפּראָמיס אין אַזאַ וויכטיקער פראַגע, וואָס רופט אַרויס אַזאַ שטאַרקע אומצופרידנקייט אין די רייען פון זײַנע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, קאָן מען זיכער אַרויסדרינגען, אַז בײַ אַלע זײַנע ניצחונות, וואָס מען טרומייטערט וועגן זיי אויף אַלע שטרוזן, זײַנען נאָך פאַראַן שוועריקייטן, וואָס צווינגען מאַכן הנחות אַפילו אָט דעם שוואַכן, נאָר „דעם ערגסטן, געפערלעכסטן אינעווייניקסטן שונא" — דעם יידנטום. צולעצט דאָס וויכטיקסטע אין דער פראַגע: אויב אין די יידישע אונטערנעמונגען וועלן האָבן די דעה בײַם אָננעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער אַרישע „באַטריב=פירערס", איז דאָך קלאָר, אַז אויך די דאָזיקע אונטערנעמונגען וועלן זײַן פאַרמאַכט פאַר יידישע אַרבעט=זוכערס.

ווי באַוווּסט, האָבן די לעצטע חדשים די מיניסטאָרן פון דער היטלער=רעגירונג, ווי דער ווירטשאַפט=מיניסטער, דער אינערן=מיניסטער, דער יוסטיץ=מיניסטער, דער אַרבעט=מיניסטער און אַפילו געבעלס אַליין, אַ סך מאָל דערקלערט, אַז אין דער פרײַער ווירטשאַפט זײַנען ניטאָ קיין שום באַגרענעצונגען, אַז אין עקאָנאָמישן לעבן קאָן ניט זײַן קיין רייד וועגן אַריער=פאַראַגראַף, אַז דער געזעץ וועט אין עקאָנאָמישע פראַגעס באַשיצן יידן פונקט אַזוי שטרענג ווי אמתע אַריער. די רעגירונג אין גאַנצן האָט זיך ניט אַרויסגעזאָגט, אָבער מען קאָן דאָך ניט אַרויפלאָזן אויפן געדאַנק, אַז אָט די אַלע מיניסטאָרן זאָלן זיך האָבן אַרויסגעזאָגט מכּוח אַזאַ אחריותדיקן ענין, איידער דאָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער רעגירונג. מיר האָבן דערפאַר דאָס רעכט אָנצונעמען

---

אַלע אומגליקן אין דייטשלאַנד, דעם שורש פון אַלע צרות אין דער מאָדערנער מלוכה".
מיר מיינען דאָ דעם אויפרוף צו פאַרשרייבן זיך אויף דער מלוכה־הלוואה, אונטער וועלכן עס שטייט די חתימה פון דער רייכס־באַנק און אויך די דאָזיקע יידישע נעמען (אמת, אייניקע פון זיי זײַנען נאָר פון יידישן אָפּשטאַם, אָבער פאַר היטלערן זײַנען דאָס אויך יידן):

ס. בלייכרעדער, י. דרייפוס און קאָ., לאַזאַרד־שפּייער־עליזען, ע. היימאַן, ברידער אַרנהאָלד, סימאָן הירשלאַנד, יאַקאָב ס. ה. שטערן, מ. מ. וואַרבורג און קאָ., סאַל. אָפּענהיים יונ. און קאָ., י. ה. שטיין, א. ע. וואַסערמאַן, אַנטאָן קאָהן. גלויבט מען אין די ווערטער פון היטלערן (ביז זײַן קומען צו דער מאַכט), דאַרף מען אָננעמען, אַז דייטשלאַנד איז להלוטין פאַרלאָרן.

די אַלע פאַרזיכערונגען ווי די מיינונג פון דער רעגירונג, און דעריבער איז נאָך אַ גרעסערע עוולה און אַ גרעסערער פאַברעך יענע העצע קעגן יידן, וואָס עס פירן די מיטגלידער פון דער פאַרטיי, וואָס אירע פירערס זײַנען די זעלבע מיניסטאָרן. דאָס לעבן ווערט רעגולירט ניט דורך געזעצן, אָדער ניט בלויז דורך געזעצן, נאָר דורך דער לעבעדיקער באַציִונג פון דער באַפעלקערונג. די באַפעלקערונג אָבער געפינט זיך אונטער דער השפעה און אונטערן דרוק פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. און אַלע די דאָזיקע פאַקטישע באַגרענעצונגען, די פאַקטישע איזאָלירונג פון יידן און זייער אַרויסשטויסונג פון אַ סך געביטן פון דער פרײַערווירטשאַפט, די פאַרטרײַבונג פון די פראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן, וואָס איז פאַקטיש גלײַך ווי מען וואָלט בײַ זיי אָפגענומען די מעגלעכקייט צו קריגן וואָסער עס איז אַרבעט — דאָס איז דאָך בעצם דער אויפטו פון דער זעלביקער פאַרטיי, וואָס גיט די פאָליטישע מאַכט־אָרגאַנען אײנע דירעקטיוון, און די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס אַנדערע. עס באַקומט זיך אַ טאָפּעלע בוכהאַלטעריע, וואָס גיט אין דער אונטערשטער שורה דעם רעזולטאַט, וואָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן ווילן האָבן. די אָפיציעלע געזעצן, וואָס זאָגן, אַז יידן האָבן גלײַכע רעכט אין דעם סעקטאָר פון דער פרײַער, ד"ה פריוואַטער, ווירטשאַפט, באַפרײַען דאָס לאַנד פון אַ שאַרפן איבערבראָך אין עקאָנאָמישן לעבן, פון צעטרייסלונגען אין יענע האַנדל־ און פראָדוציר־געביטן, וווּ יידן מאַכן אויס אַ גרעסערן פראָצענט, אַ שטייגער ווי אין עקספּאָרט־האַנדל, אין דעם האַנדל מיט מעטאַלן, אין האַנדל און פראָדוקציע פון קליידונג און שוכוואַרג, אאַז"וו. די דאָזיקע געזעצן קאָנען אויך גוט באַרויִקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט און דינען פאַר אַ גוטן מיטל אין קאַמף קעגן באָיקאָט. פון דער אַנדער זײַט, פירן די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס דורך אַ לאַנגזאַמע, אַזוי צו זאָגן, אַן אָרגאַנישע אַרויסשטויסונג פון יידן פון פאַרשיידענע געביטן פון עקאָנאָמישן לעבן. אַזאַ אָרגאַנישע אַרויסשטויסונג און איזאָלאַציע גיבן אַ גרעסערע מעגלעכקייט אויסצוזוכן די פאַסיקע געניטע מענטשן, אויפצוהיטן און איבערצונעמען די פאַרבינדונגען מיטן אויסלענדישן מאַרק, צוצוגרייטן ספּעציאַליסטן, ווו אַזעלכע זײַנען ניטאָ, ביז ס'קומט דער פאַסיקער מאָמענט, אַרויסצוטרײַבן דעם יידן און פאַרנעמען זײַן אָרט. בכלל גערעדט, איז געשאַפן געוואָרן אַן אמתער גיהנום פאַרן יידישן אַרבעטער אויף דער פאַבריק, פאַרן יידישן אָנגעשטעלטן אין מאַגאַזין, פאַרן יידישן הענדלער, בפרט אין דער פראָווינץ, פאַרן סוחר אויף דער בערזע אָדער אין פאַרבאַנד, וואָס ער איז פון אים אָפּהענגיק, פאַרן אונטערנעמער,

וואָס איז געצוווּנגען איבערצוגעבן די פירונג פון זײַן פֿאַבריק אָדער מאַגאַזין צו זײַן שונא, פֿאַרן תּבֿואה=הענדלער, וואָס איז געצוווּנגען צו האָבן צו טאָן מיט דעם באַאַמטן פון דעם אַזוי גערופֿענעם „נער=שטאַנד", וואָס איז אָפֿן פֿײַנטלעך געשטימט קעגן אים, — בקיצור פֿאַר אַלע ייִדן, וואָרעם עס איז איצט ניטאָ קיין אייןווירטשאַפֿט=צווײַג, וואָס זאָל ניט האָבן זײַן אייגענעם פֿאַרבאַנד, וואָס רעגולירט און פֿירט אָן אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פּראַגעס. די רעגולאַטאָרס און אָנפֿירערס פון די אַלע פֿאַרבאַנדן, שטאַנדן=אָרגאַניזאַציעס, פון די נײַע באַזעס פֿאַר די אַגראַר=פּראָדוקטן, פון די נײַע אָרגאַנען פון די עקאָנאָמישע פֿאַראייניקונגען זײַנען אַקטיווע נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטן, ד"ה מענטשן, וואָס האָבן אַ שבֿועה געגעבן אויסצוואָרצלען און צו פֿאַרטיליקן דאָס ייִדנטום. און ווידער אַמאָל באַקומט זיך אַזאַ לאַגע, אַז דער ייִדישער פּראָלעטאַריער — דער אַרבעטער אָדער אָנגעשטעלטער — לײַדט מער פֿאַר אַלעמען: שטייענדיק אין דער פֿאַבריק בײַ דער אַרבעט אָדער זיצנדיק אין קאָנטאָר בײַם שרײַב=טיש איז ער פֿאַרמשפּט מער און אָפֿטער אויסצושטיין רדיפֿות און שיקאַנעס מצד דעם נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישן קעמערל, איידער דער סוחר אָדער דער הענדלער, וואָס קאָן לײַדן ענויים, נאָר ווען ער קומט אַרײַן אין אַ קאַנצעלאַריע.

קיצור הדבר, אויב פֿאַר ייִדן איז לחלוטין פֿאַרמאַכט די אַזוי גערופֿענע „עפֿנטלעכע ווירטשאַפֿט", ד"ה די מלוכהשע און קאָמונאַלע אונטערנעמונגען און קאַנצעלאַריעס, אויב פֿאַר זיי איז אין גאַנצן פֿאַרשלאָסן דער צוטריט צו יענע ווירטשאַפֿט=צווײַגן, וואָס האָבן אַ מאָראַלישע השפּעה אויף דער באַפֿעלקערונג, ווי אַדוואָקאַטור, טעאַטער, פּרעסע, קינאָ, ליטעראַטור, קונסט, מעדיצין אאַז"וו, און גראָד מאַכן אויס אָט די צוויי ווירטשאַפֿט=צווײַגן פון $^1/_8$ ביז $^2/_5$ פון דער גאַנצער פֿאָלקס=ווירטשאַפֿט; אויב ייִדן זײַנען כּמעט פֿאַרטריבן פון דעם האַנדל מיט אַגראַר=פּראָדוקטן, וואָרעם דאָרט איז שוין אײַנגעפֿירט געוואָרן אַ שטאַנדן=אָרגאַניזאַציע, און דער דאָזיקער ווירטשאַפֿט=צווײַג איז כּמעט אַרויסגענומען פון פּריוואַטן מאַרק, — אויב בכן אַ גוטע העלפֿט פון דער ווירטשאַפֿט פון לאַנד איז לחלוטין געשלאָסן פֿאַר ייִדן, זײַנען אין דער צווייטער העלפֿט געשאַפֿן אַזעלכע אומדערטרעגלעך שווערע תּנאים, וואָס מוזן די ייִדן צווינגען אַליין צו ליקווידירן זייערע געשעפֿטן און אַנטלויפֿן וווּהין די אויגן טראָגן. די גאַנצע אַטמאָספֿער, וואָס הערשט איצט אין דײַטשלאַנד, די דאָזיקע שטיקנדיקע אַטמאָספֿער פון רשעותדיק=שפּאָטנדיקן אַנטיסעמיטיזם, טרײַבט ייִדן, צווינגט זיי צו זוכן זיך אַ מקום=מקלט, וווּהין צו אַנטלויפֿן.

לאָמיר ברענגען כאָטש עטלעכע בײַשפּילן, וואָס באַווײַזן, ווי אַזוי די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן האָבן אָרגאַניזירט די איזאָלירונג פֿון ייִדן דורך עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרבאַנדן, בײַשפּילן, וואָס אילוסטרירן יענע שטיקנדיקע אַטמאָספֿער, וואָס מאַכט דאָס לעבן פֿאַר אַ גהינום.

אַלע ווײַטער געבראַכטע פֿאַקטן זײַנען גענומען פֿון צײַטונגען, וואָס גייען אַרויס אין דײַטשלאַנד, צום גרעסטן טייל פֿון „פֿראַנקפֿורטער צײַטונג", „בערלינער טאַגעבלאַט", „יידישע רונדשוי", „איזראַעליטישעס פֿאַמיליענבלאַט" און דער „צ. פֿ. צײַטונג". דערבײַ נעמען מיר די פֿאַקטן אויסשליסלעך פֿאַר די ערשטע חדשים פֿון 1934, ד"ה פֿאַר דער צײַט, ווען די בושעווענדיקע כוואַליעס פֿון באָיקאָט פֿון 1 אַפּריל 1933 האָבן שוין געהאַט געבוג זיך אײַנגעלייגט, און שוין נאָך דעם ווי פֿאַרשיידענע מיניסטאָרן האָבן שוין ניט איין מאָל געהאַט דערקלערט, אַז אין דער פּריוואַטערווירטשאַפֿט זײַנען ניטאָ און קאָנען ניט זײַן — ניט לויטן געזעץ און ניט פּאַקטיש — קיין שום אונטערשיידן.

מיר געפֿינען ניט פֿאַר נייטיק צו סיסטעמאַטיזירן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, נאָר גיבן אים כראָנאָלאָגיש, — די סיסטעם וועט זיך פֿון זיך אַנטפּלעקן אין דער ס י ס ט ע מ אַ ט י ש ק י י ט פֿון די אומגעזעצלעכקייטן, אין דער אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ק י י ט פֿון די אומגערעכטיקייטן.

אין יאַנואַר האָט זיך געעפֿנט אין בערלין אַן אויסשטעלונג פֿון פֿאַרטיקע קליידער פֿון אַרישע פֿירמעס, וואָס זײַנען פֿאַראייניקט אונטערן נאָמען „אַדעפֿאַ" (Adefa) — ד"ה „אַרבעט-געמיינשאַפֿט דויטש-אַרישער פֿאַבריקאַנטן דער בעקליידונגס-אינדוסטריע". דער ציל פֿון דער דאָזיקער פֿאַראייניקונג און פֿון דער אויסשטעלונג איז אַרויסצושטופּן די ייִדן פֿון דעם דאָזיקן ווירטשאַפֿט-צווײַג. אויף דער עפֿענונג זײַנען בײַגעווען פֿאָרשטייער פֿון דער מאַכט, פֿון דער פּאַרטיי, פֿון פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. אָט זײַנען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע פֿראַזעס פֿון דער רעדע פֿון דעם ראַיאָן-פֿירער פֿון דעם אַרבעט-פֿראָנט: „די דאָזיקע אויסשטעלונג איז ווידעראַמאָל אַ באַווײַז, ווי אַזוי דאָס דײַטשע פֿאָלק איז אָפּגענאַרט און באַשווינדלט געוואָרן אויף אַלע געביטן. אַלע מאָל האָבן די „נעכטיקע" געזאָגט, אַז קיין דייטשע קאָנפֿעקציע איז ניטאָ. און איצט באַווײַזט די „אַדעפֿאַ", אַז אויך אין דער דײַטשער באַקליידונגס-אינדוסטריע איז דער מאָנאָפּאָל פֿון די ניט-אַריער געבראָכן. די „אַדעפֿאַ" האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו מאַכן דורכדרינגען מ י ט ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל - ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ן ג ע ד אַ נ ק אויך די פֿיל באַרעדטע קאָנפֿעקציע", „אַז אין גיכן וועט מען קאָנען רעדן וועגן דײַטשער קאָנפֿעקציע,

וואָס דאַרף אין אויסלאַנד גילטן ווי אַ צייכן פאַר דײַטשער אַרבעט, פאַר דײַטשן גײַסטיקן און האַנטווערקישן גוסט".

ווער עס איז נאָר כאָטש וויפיל עס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע, ווי אַזוי עס איז אויפגעקומען און האָט זיך אַנטוויקלט אין דײַטשלאַנד דער דאָזיקער ווירטשאַפט־צווײַג, ווייס, אַז יידן זײַנען דאָ געווען פיאָנערן אין אַלע פּרטים, — זיי האָבן דאָס געשאַפן די דאָזיקע פּראָדוקציע, און ניט בלויז דורך זייערע קאַפּיטאַלן און אונטערנעמערישער איניציאַטיוו, נאָר אויך אין אַ באַדײַטיקער מאָס מיט זייערע אַרבעט־קרעפטן; זיי האָבן אויך דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר די אַרטיקלען פון דער דאָזיקער פּראָדוקציע אין אַלע לענדער מעבר־לים און אין דעם רוב מלוכות פון אייראָפּע.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל, ווי אַזוי יידישע פירמעס גייען אַריבער אין דײַטשע הענט, און ווי אַזוי יידישע אָנגעשטעלטע ווערן אויסגענוצט אויף צוגרייטן אייגענע מענטשן. די „פּאָסישע צייטונג" פון 20 יאַנואַר 1934 דערציילט אָט וואָס: אין די טעג פון באָיקאָט — אין אַפּריל 1933 — איז אַ יידישע פירמע אין ברעסלע, וואָס האָט באַזונדערס שטאַרק געליטן פון באָיקאָט, פאַרקויפט געוואָרן צו אַ דייטש — אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צווישן די אָנגעשטעלטע זײַנען געווען 20 יידן; דער נײַער בעל־הבית האָט זיי אַלעמען איבערגעלאָזט אויף די שטעלעס ביז האַרבסט. אין האַרבסט האָט מען פלוצים געפונען אין אַ קעסטל קאָמוניסטישע ליטעראַטור, וואָס אין איר האָט מען חוזק געמאַכט פון היטלערן. אָן צו זוכן קיין שום באַווײַזן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון זייער יידישע אָנגעשטעלטע, האָט דער בעלי־הבית אָפּגעזאָגט זיי אַלעמען אָן לכתחילה־דיקער מעלדונג און האָט זיי ניט באַצאָלט קיין ליקווידאַציע־געלט. דאָס געריכט האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון די אָנגעשטעלטע און האָט זיי דאָס ליקווידאַציע־געלט צוגעמשפּט. נאָר וויכטיק איז די מעטאָדע: אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קויפט אָפּ אין די באָיקאָט־טעג בחצי־חינם אַ יידיש געשעפט, לאָזט איבער בײַ זיך די יידישע אָנגעשטעלטע, בכדי זיך צו באַקאָנען מיטן געשעפט, אויפצוהיטן די פאַרבינדונגען, זיך אָנצושאַפן געניטשאַפט אין אײַנקויפן סחורות, און דערנאָך וואַרפט ער אונטער קאָמוניסטישע ליטעראַטור, בכדי פּטור צו ווערן פון די יידישע אָנגעשטעלטע און ניט דאַרפן זיי באַצאָלן ליקווידאַציע־געלט, וואָרעם אָפּזאָגן די יידישע אָנגעשטעלטע מיט דעם, אַז ער זאָל זיי אָפּצאָלן דאָס ליקווידאַציע־געלט, האָט ער דאָך געקאָנט ווען ער

האָט געוואָלט. דער רעזולטאַט איז על־כּל־פּנים אַ קלאָרער: 20 יידישע אָנגעשטעלטע זײַנען געבליבן אָן ברויט.

עס איז שווער צו האָבן טענות צו אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, ווען ער וויל ניט האָבן בײַ זיך קיין יידישע אַרבעטער, — צום באַדויערן זײַנען יידישע פירמעס, בפרט גרויסע, ניט בעסער. זיי שטרעבן צו אַסעקורירן זיך דורך אָנגעמען אַרישע אָנגעשטעלטע. אין די זונטאָג־נומערן פון דער „פראַנקפורטער צײַטונג" קאָן מען אָפט לייענען אַנאָנסן פון אַזעלכע יידישע פירמעס, ווי די שוך־פירמע קאָנראַד טאַק (אַ פירמע וואָס האָט אין 1932 געהאַט אַן ערך 200 פיליאַלן אין דײַטשלאַנד), Leinhaus Bielschewski אין ברעסלע, Warenhaus Wronker אין פראַנק־פורט, ווו זיי שרײַבן: „נאָר אַרישע הערן קומען אין באַטראַכט". נאָר די דאָזיקע „אַרישע הערן" ראַטעווען ניט די יידישע פירמעס — דאָס „וואַרנהויז וורָאָנקער" איז שוין ליקווידירט. און ווידער אַמאָל האָבן מיר אַ גלענצנדן בײַשפיל, ווי אַזוי עס גייט אָן אָרגאַנישע ליקווידאַציע פון יידן, אַן אָרגאַנישע אַרויסשטופּונג פון יידישע אונטערנעמערס און פון יידישע אָנגעשטעלטע. מכּוח דער שליסונג פון דעם דערמאָנטן וואַרנהויז איז אָפּגעדרוקט אין דעם Preussischen Pressedienst der NSDAP אַ מיטטיילונג, וואָס דאַרף דינען ווי אַן אָנווײַזונג, ווי אַזוי מען קאָן אָן אַ באַזונדערן איבערבראָך ליקווידירן וואַרנהײַזער, און צום סוף ווערט צוגעגעבן:

„מיט גרויס ענערגיע האָט די ב"ס־האַגאָ זיך אײַנגעשטעלט פאַר די פאָלקס־ברידער, וואָס בלײַבן אָן אַרבעט, און עס איז איר געראָטן תּיכּף אײַנצואָרדענען 385 אָנגעשטעלטע און אַרבעטער אויף אַנדערע שטעלעס. אַ טייל פון די עלטערע אָנגעשטעלטע האָבן געקאָנט זיך מאַכן זעלבשטענדיק, ווײַל דער גאַראַנטיע־פאַרבאַנד פון דער האַנדלס־קאַמער האָט איבערגענומען די ערבֿות פאַר די קרעדיטן, וואָס זיי האָבן געקראָגן. דער רעשט פון די אָנגעשטעלטע, וואָס זײַנען ניט געשטעלט געוואָרן אויף אַרבעט, באַשטייט צום גרעסטן טייל פון די יידישע אָפּטיילונגס־פירערס פון וואַרנהויז. אַן אויספאַרקויף פון די סחורות איז ניט פאָרגעקומען, נאָר עס האָבן זיי איבערגענומען די איינצלנע פאַך־צווײַגן". *

מיר ווייסן ניט גענוי די סיבות, פאַרוואָס אַט די יידישע פירמע האָט געמוזט זיך ליקווידירן, נאָר מען קאָן גרינג זיך אָנשטויסן וועגן

* Frankfurter Zeitung, 19.IV 1934.

זיי. פון דער פּאַרטיי־מיטטיילונג איז קלאָר, אַז דאָס איז דער פּאַרדינסט פון דער פּאַרטיי.

די יידישע יוגנט אין דײַטשלאַנד האָט מיט אַ חידושדיקער ענערגיע און מיט אַ ווונדערלעכער התמדה זיך גענומען פאַר „אומשיכטונג" — איבערגיין צו אַנדערע פּראָפעסיעס. און אָט ווי די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויפגענומען דעם דאָזיקן איבערגאַנג. די Düsseldorfer Volksparole שרײַבט:

„פון קאָרעספּאָנדענצן פון פאַרשיידענע זײַטן איז געדרונגען, אַז די לעצטע צײַט פּרווון יידישע יוגנט־פאַרבאַנדן אַרײַנצוברענגען זייערע מיטגלידער אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע לערן־שטעלעס, כּלומרשט כּדי זיי צוצוגרייטן פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָפעסיע, וואָס זיי וועלן זיך דערמיט פאַרנעמען אין פּאַלעסטינע. דערבײַ איז געוואָרן פעסטגעשטעלט, אַז די יידישע פאַרבאַנדן באָטן אָן די לערן־שטעלעס אָפט גאַנץ היפשע סומעס דערפאַר. עס איז מסתמא ניט נויטיק אויסצוטײַטשן די מאָטיוון, פאַרוואָס יידישע יוגנטלעכע טאָרן ניט אָנגענומען ווערן אויף דײַטשע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבן. דער אָנווײַז אַליין וועט זײַן גענוג אָפּצוהאַלטן די פּויערים און לאַנדווירטן דערפון, זיי זאָלן אַזעלכע אָנבאָטן ניט אָננעמען".

און אַ צווייטע פּאַרטיי־צײַטונג, „דער וועסט־דויטשער בעאָבאַכטער", באַמערקט דערצו:

„בכדי ניט צו דערלאָזן צו אַ טעות, שטעלן מיר פעסט: כּל זמן עס איז נאָך פאַראַן איין דײַטשער אַרבעטלאָזער, קאָן די דאָזיקע פראַגע אַפילו ניט דיסקוטירט ווערן. ערשט ווען די אַרבעטלאָזיקייט וועט אין גאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן. וועט מען קאָנען צוטרעטן צו דער פּראָבלעם. מיר מיינען אָבער ניט, אַז דער קנאַפּער דײַטשער לעבנס־רוים זאָל אַפילו אין מינדסטן געבן די מעגלעכקייט אונטערצוברענגען פרעמדראַסיקע אין די אָנגערופענע פּראָפעסיעס".

ווי באַוווּסט, זײַנען יידן אויסגעשלאָסן פון אַרבעט־פראָנט. מכּוח די קומענדיקע „שטאַנדן־אָרגאַניזאַציעס" איז די פראַגע נאָך ניט באַשלאָסן. די דאָזיקע אַזוי גערופענע „שטאַנדן־קאַמערן" מוזן פאַראייניקן אַלע אָנטיילנעמער פון דעםווירטשאַפטלעכן פּראָצעס: די אַרבעט־געבערס, די אַרבעט־נעמערס, די פאַרמיטלערס אאַז"וו. אויסשליסן די יידן פון די דאָזיקע קאַמערן וואָלט געווען אַלץ איינס ווי פאַרמשפּטן זיי צו אַ הונגער־טויט, וואָרעם אויב מען געהער ניט צו אָט דער קאַמער, קאָן מען ניט האָבן קיין פאַבריק און ניט אַרבעטן אויף אַ פאַבריק און ניט האַנדלען מיט די פּראָדוקטן פון אַ פאַבריק. די היטלער־רעגירונג

וועט משמעות זײַן געצוווּנגען ווידער אַמאָל אײַנצוגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס, בכדי פון איין זײַט ניט אַרויסצורופן קיין כאַאָס אין עקאָנאָמישן לעבן און פון דער אַנדער זײַט ניט אויפצורייצן קעגן זיך די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד. דערווײַל עקסיסטירן נאָר צוויי אַזעלכע קאַמערן: דער „נער=שטאַנד" און דער „קולטור=שטאַנד". די יידן זײַנען לויטן געזעץ ניט אויסגעשלאָסן פון די דאָזיקע קאַמערן. און מן הסתם וועלן זיי אויך אין דער צוקונפט ניט ווערן אויסגעשלאָסן. דערווײַל ווערט דורכגעפירט אַזאַ פּראַקטיק: אַלע עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, פון די קליינע, מיטעלע און גרויסע הענדלערס, פון די פּאָרשטייערס און אַגענטן פון פאַרשיידענע פּראָדוציר=צווײַגן, פון די בעלי=מלאכות פון פאַרשיידענע צעכן אאַז"וו — זיי אַלע ווערן פאַראייניקט אין מלוכה=מאָסשטאַב. און איצט אַז מען פירט אַריבער די געוועזענע מיטגלידער פון די אַלע פילצאָליקע און זייער פאַרשיידנאַרטיקע פאַרבאַנדן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס אויך די יידן זײַנען צענדלינגער יאָרן געווען זייערע מיטגלידער און האָבן אַרײַנגעטראָגן גוואַלדיקע סומעס אין זייערע קאַסעס, אין דעם אַלגעמיינעם, פאַראייניקטן פאַרבאַנד — ווערן יידן ניט אַרײַנגענומען. לויט די אויסרעכענונגען פון זייער קאָמפּעטענטע פּערזאָנען, זאָלן די יידישע אָנגעשטעלטע האָבן אָנגעוואָרן בײַ 5 מיליאָן מאַרק מיטגליד=אָפּצאָלן אין די פאַרמאַכטע פאַראיינען פון די אָנגעשטעלטע, וואָס אַלע דייטשע אָנגעשטעלטע זײַנען אויטאָמאַטיש אַריבערגעפירט געוואָרן פון זיי אין דעם אַרבעט=פראָנט, מיט אַלע פאַרגינסטיקונגען און פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין די פאַרמאַכטע פאַראיינען. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר, — דער אָנווער פון יידן איז דאָ נאָך ערנסטער. די דערמאָנטע פאַרבאַנדן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס און באַשעפטיקונגען, וואָס ווערן איצט געבילדעט און וואָס דאַרפן ווערן דער באַזיס פון די קומענדיקע שטאַנד=קאַמערן, טוען איצט אַזוי ווי פאַרבײַטן די לעצטע און האָבן שוין איצט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויפן עקאָנאָמישן לעבן פון דײַטשלאַנד. די יידן אָבער האָבן אין דעם פאַל גאָרניט קיין מעגלעכקייט אָנטייל צו נעמען אין דער גאַנצער אַרבעט בײַם צוגרייטן די נײַע אָרדענונג, נאָר זיי זײַנען אַ באַקוועמער אָביעקט פאַר די דאָזיקע פאַרבאַנדן — און אין די לעצטע פאַרנעמט מען זיך כסדר נאָר דערמיט, וואָס מען האַלט אין איין אויסקלערן מעטאָדן, ווי אַזוי אַרויסצושטופן יידן.

אין נומער 5 פון דער „דויטשער האַנדלספאַרטרעטער=צײַטונג" (מערץ 1934) שטייט געדרוקט:

„דורך דעם באַשלוס פון דעם פּרעזידענט פון דעם צענטראַל־פאַר־באַנד פון די פאַראייניגן פון דײַטשע האַנדלס־פאַרטרעטערס פונאַנדער־צולאָזן דעם צענטראַלן פאַראיין פון דײַטשע האַנדלס־אָנגעשטעלטע (CDH) און אַריבערצופירן די אַרישע מיטגלידער אין דעם „רייכס־פאַרבאַנד פון די דײַטשע האַנדלס־פאַרטרעטער און געשעפט־רײַזנדע” (R. D. H. G.) איז אָנגעצייכנט די ליניע פאַר דער ווײַטערדיקער אַנט־וויקלונג. נאָך דער פונאַנדערלאָזונג פון די אַלטע פאַרבאַנדן וועט שוין מער ניט זײַן קיין אַנדער פאַרבאַנד פאַר די האַנדלס־פאַרטרעטער, חוץ דעם ר. ד. ה. ג., וואָס באַדאַרף אין זײַן הויפּט־גרופּע האַנדלס־פאַרטרע־טער ווענדן זײַנע כּוחות אויף צו אַנטוויקלען דעם באַרוף פון די האַנדלס־פאַרטרעטער אין ראַמען פון דעם גאַנצן... עס איז פאָרויסגע־זען, אַז ניט איטלעכער איינציקער זאָל אויספילן אַ באַזונדער אויפנעם־צעטל, נאָר די אַרישע מיטגלידער פון די אַלטע פאַרבאַנדן זאָלן פּשוט ווערן אַריבערגעשריבן אין דעם ר. ד. ה. ג.”.

וועגן יידן איז קיין וואָרט ניט דערמאָנט. און אַזוי האָבן געטאָן און אַזוי טוען אַבסאָלוט אַלע נײַ־געבילדעטע פאַרבאַנדן. צי באַדאַרף מען נאָך מוסיף זײַן, אַז דעם גאַנצן ענין פירט אָן איין צענטער, וואָס האָט פאַר זיך איין קלאָרן ציל?

און אָט זײַנען ידיעות וועגן מעקלערס:

„דער רייכספאַרבאַנד פון די דײַטשע מעקלערס (ר. ד. מ.) האָט אָפּגעהאַלטן... אַ פירער־קאָנפערענץ, וואָס איז געווען באַזוכט פון כּמעט הונדערט פאַרטרעטער פון גאַנץ דײַטשלאַנד. לויט די מיטטיילונגען פון דעם פירער פון דעם אויפזיכט־שטאַב אַלברעכט, זאָל ווערן צוגע־גרייט אַן אויפנעם־פּראָצעדור, וואָס וועט זײַן אָבליגאַטאָריש פאַרן פאַר־באַנד, און צווישן אַנדערע זאַכן וועט ווערן פאַרלאַנגט דער באַווײַז פון אַרישער אָפּשטאַמונג”.

און אָט ווי אַזוי דער קצבים־צעך האָט אויסגענוצט זײַן פּריווי־לעגירטע לאַגע:

„אויף דער יערלעכער הויפּט־פאַרזאַמלונג, וואָס עס האָט אָפּגע־האַלטן די טעג דער קצבים־צעך אין נירנבערג, האָט, לויט אַ באַריכט פון דער „בײַערישער פאָלקסצײַטונג” אין נירנבערג, דער אויפזעער פון דעם שלאַכט־הויף, דער מיטגליד פון שטאָט־ראַט האַבערקערן, דערקלערט, אַז ער האָט אַרײַנגעטראָגן דעם פאָרשלאָג, אַז פון 1טן אַפּריל 1934 אָן זאָל דער בהמות־מאַרק ווערן אײַנגעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען, אַ דײַטשער און אַ יידישער. דעמאָלט וועט גרינג זײַן פעסטצושטעלן, וואָסערע קצבים קויפן נאָך אַלץ בײַ יידישע הענדלערס, וואָרעם עס איז

לײדער אַ טרויעריקער פאַקט, אַז נאָך איצט קומט 63% פון דעם מאַרק־באַשטאַנד פון יידישע ליוורונגען. דעמאָלס וועט דער נאַציאָנאַ־ל ע ר בהמות־האַנדל האָבן די געלעגנהײט צו באַווײַזן, אַז ער איז בכוח אויסצופירן זײַן אויפגאַבע אין דער נײַער מלוכה, און אַז מען קאָן זיך באַגײן אָן יידן".

מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען נאָך צענדליגער ענליכע פאַקטן. וואָרעם אויך תּבואה־הענדלערס, און מילנערס, און האָפּן־הענדלערס, און בוכהענדלערס און צענדליגער אַנדערע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגענומען פאַר זייערע פאַרבאַנדן דעם אַריער־פּאַראַגראַף.

אַלע אויבן געבראַכטע פאַקטן דערציילן אָבער קלאָר, אַז די נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן צעטיילט די אַרבעט צווישן זייערע מיטגלי־דער: די איינע גיבן אַרויס געזעצן וועגן דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון יידן, און די צווייטע פירן דורך די אַרבעט פון אַרויסשטופּן יידן פון אַלע געביטן פוןווירטשאַפטלעכן לעבן. נאָר עס זײַנען פאַראַן באַווײַזן, אַז איינע און די זעלביקע פערזאָנען פירן אויס ביידע פונקציעס. אָט איז, למשל, דער קרײַז־פירער פון ברעסלע נאָוואַק אַ בריה, וואָס טויג פאַר ביידע מלאכות. אָט וואָס עס דערציילט די פּראָגער „זעלבסטוועך" פון 6 אַפּריל 1934:

„פאַר אונז ליגט אַ געדרוקטער אויפרוף פון דער נ"ס־האַגאַ, ברעסלע — שטאָט, דאַטירט פון 10טן מערץ 1934, וואָס איז געווענדט צו אַלע מיטגלידער פון דער נ"ס־האַגאַ און אונטערגעחתמעט נאָוואַק, קרײַז־אַמט־פירער, נ"ס־האַגאַ, שטאָט ברעסלע, און וואָס אין אים שטייט צום סוף צוויי מאָל אונטערגעשטראָכן:

„די דורכפירונג פון דער דאָזיקער ווערבירונג איז גאָר באַזונדערס וויכטיק, ווײַל עס גייט דערין ענערגיש צו צעקוועטשן דאָס וואַרנהויז און דאָס יידישע געשעפט און צוליב דעם איז נייטיק די געשלאָסנ־קייט פון אונזערע מיטגלידער. הייל היטלער!"

„דערבײַ ליגט פאַר אונז די „ברעסלאַוער צײַטונג", ווו עס שטייט געשריבן אין איינעם פון די לעצטע נומערן:

„קיין באָיקאָט ניט. דער קרײַז־אַמט־פירער פון נ"ס־האַגאַ, ברעסלע־שטאָט, נאָוואַק, לאָזט וויסן: פון געוויסע קרײַזן ווערט פאַרשפרייט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער ווערבירונג פאַר האַנדל, האַנט־ווערק און אינדוסטריע ווייל די נ"ס־האַגאַ דורכפירן אַ באָיקאָט קעגן יידישע געשעפטן. מיר באַטאָנען דערמיט אויסדריקלעך, אַז די דאָזיקע ידיעות זײַנען ניט אמת און מיר וואָרענען קעגן דער פאַרשפרייטונג. מיר בעטן די באַפעלקערונג אונז אָנצורופן די נעמען פון די פאַרשפריי־

טערס פון אַזעלכע ידיעות, בכדי מען זאָל קאָנען לאָזן באַשטראָפן די דאָזיקע סאַבאָטירערס".

פירושים זײַנען איבעריק.

נאָך דער מעשה האָבן מיר דאָס רעכט צו דרינגען, אַז אויך די מיטטיילונג, וואָס דאָס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום האָט צעשיקט איבער גאָר דער וועלט, אַז די קלאַנגען וואָס ווערן פאַרשפּרייט, אַז ערב פּסח 1934 וועט באַנײַט ווערן דער באָיקאָט, האָבן קיין שום יסוד ניט, — זײַנען פּונקט אַזוי אמת און אויפריכטיק, ווי נאָוואַקס אָפיציעלע מעלדונג.

און אָט האָבן מיר נאָך אַ מער אינטערעסאַנטן און באַלערעווּדיקן פּאַרטיי־דאָקומענט:

די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דויטשע אָסטפּראָנט", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון אַלע רעגירונגס־אַמטן, פאַרעפנטלעכט אין נומ' 110 פון 23 אַפּריל דעם ווײַטערדיקן פּאַרטיי־באַפעל:

„בכדי אויסצופירן די התחייבותן, וואָס זײַנען געדרונגען פאַר דער דײַטשער מלוכה פון דעם זשענעווער אָפּמאַך און בכדי אויסצומײַדן די שוועריקייטן, וואָס באַגעגענען זיך טיילמאָלס אין דער ריכטונג, ווערט אַלע אונטער־ און בײַ־גלידערונגען פון דער נ. ס. ד. א. פּ. אין דעם אָמאָליקן שלעזישן פּלעביסציט־געביט אָנגעוויזן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון יעטווידער עפנטלעכער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די אָנגעהעריקע פון דער יידישער מינאָריטעט אין דעם געוועזענעם פּלעביסציט־געביט. די דאָזיקע דירעקטיווע איז גילטיק אין אַ באַזונדער מאָס פאַר די ב"ס־האַגאָ און פאַר די גה"ג. ווער עס וועט דערויף עובר זײַן, וועט באַשטראָפט ווערן פּאַרטיי־דיסציפּלינאַריש.

איך ווייס, אַז די שטרענגע אָפּהיטונג פון דעם באַפעל פאַרלאַנגט פון אַלע פונקציאָנאַרן פון דער אויבער־שלעזישער באַוועגונג אַ הויכע מאָס פון זעלבסט־דיסציפּלין און פאַרשטאַנד פאַר פּאָליטישע בויטווענדיקייטן. איך ווייס אָבער אויך, אַז אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט איז גרייט צו ברענגען יעדן קרבן, ווען דאָס פאַרלאַנגען זײַן פאָלק און פאָטערלאַנד. געחתמעט: וואַלדמאַן, פאַרטרעטער פון אונטער־ראַיאָן־פירער".

דאָ זײַנען שוין טאַקע איבעריק יעטווידע פירושים, — אומפאַרשעמטקייט און דרייערײַ שרײַען פון איטלעכער שורה אַרויס.

מיר קאָנען ליידער ניט ברענגען אַפילו אַ צענט־חלק פון דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן בײַ אונז נאָר פאַר די לעצטע 4 חדשים, — נאָר מיר וועלן נאָך, כאָטש בקיצור, איבערגעבן נאָך עט־

לעטע פאַקטן, וואָס באַלײַכטן יענע אַטמאָספער, וואָס אין איר קומט אויס דעם דײַטשן יידנטום צו לעבן און צו קעמפן פאַר זײַן קיום.

אין קאַסל האָט דער מאַגיסטראַט באַשטימט, אַז נאָר אַרישע פירמעס מעגן קריגן שטאָטישע בנינים (18 מערץ 1934). אין לעהיים (Leeheim) האָט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויסגעהאַנגען בײַם מאַגיסטראַט אַ טאָוול, וואָס אויף איר ווערן אַרויפגעטראָגן די נעמען פון די „בוגדים", וואָס מאַכן געשעפט מיט יידן (13 מערץ 1934). די קעלנער צײַטונגען מעלדן, אַז אין קעלן איז געגרינדעט אַ „בערזע פאַר נחלאות און היפּאָטעקן, וואָס צו איר ווערן צוגעלאָזט נאָר אַרישע מעקלערס" (26 אַפּריל 1934). און אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער אורטייל פון געריכט: „דאָס אַרבעטס־געריכט אין געלזענקירכען האָט אַרויסגעטראָגן אַזאַ אורטייל... „גוואַלד־מעשים פון איינצלנע קאָנקורענטן קעגן דעם פּראָפעסיאָנעלן באַטריב פון אַ יידישן הורט־הענדלער גיבן דעם לעצטן ניט קיין רעכט אָפּצולאָזן זײַנע אָנגעשטעלטע אָן אַ טערמין, בכדי אָפּצושטעלן זײַן באַטריב, אויב זײַן באַטריב איז דערלויבט דורך די מאַכט־אָרגאַנען און די לעצטע זײַנען אַנטשלאָסן, אין דער צוקונפט ניט צו דערלאָזן קיין גוואַלד־מעשים" (26 אַפּריל 1934).

די „בערלינער אילוסטרירטע נאַכט־אויסגאַבע" פון 26 אַפּריל 1934 טיילט מיט, אַז אין דער „בערלינער אַנשאַפונגס־געזעלשאַפט", „נאָכדעם ווי מען האָט דאָרט אַרײַנגעזעצט נײַע אָנפירערס, האָט מען פון די פריער צוגעלאָזטע 1407 פירמעס 324 אויסגעמעקט יידישע ליוועראַנטן; פון יידישע געשעפטן וועט מען מער גאַרנישט אָפּנעמען".

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פויערים אין הערבאָרן איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוו אויף פאַרקויפן בהמות, בכדי „קיין פויער זאָל ניט מאַכן קיין געשעפטן מיט יידן" (10 אַפּריל 1934).

דער מאַנהיימער „האַקענקרויצבאַנער" גיט איבער די ווײַטערדיקע ביז גאָר טשיקאַווע באַשטימונג. פון 6טן ביז 15טן מאַי דאַרף פאַרקומען אין מאַנהיים אַ פאַרקויפס־מעסע. „רעכענענדיק זיך מיט די צײַט־פאַרהעלטענישן", האָט מען באַשטימט, אַז די יידישע הענדלערס טאָרן ניט באַווײַזן זיך מער אין פראָנט פון די קריסטלעכע געשעפטן, נאָר מען וועט זיי געבן פּלעצער בײַם עק פון דער מעסע, ערשט הינטער די פאַרקויף־שטעלעס פאַר כּלים. און דאָס בלאָט באַמערקט דערבײַ, אַז מען מעג רויִק רעדן וועגן אַן אַנטקעגנקומען, וואָס מען ווײַזט דערמיט אַרויס לגבי די יידן; וואָרעם מען וואַרפט זיי ניט אַרויס אין גאַנצן, נאָר מען גיט זיי די מעגלעכקייט זיך צו פאַרנעמען מיט זייער געשעפט.

די דײַטשע צײַטונגען פון 10 מאַי 1934 האָבן געבראַכט אָט וואָס:

„די לאַנד־פויערימשאַפט טירינגען פון דעם דײַטשן מלוכהשן נער־שטאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וואָס ווענדט זיך קעגן דער באַשעפטיקונג פון יידישע יוגנטלעכע אין פויערשעווירטשאַפטן. מחמת דעם זײַנען אַ ריי יונגע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי פויערים, אָפּ־געזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט".

און אָט איז נאָך אַ מיטטיילונג פון 1 מאַי 1934:

„דאָס אָלדענבורגישע מיניסטעריום האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו געבן זײַן הסכמה דערויף, אַז יונגע יידן זאָלן ווערן אײַנגעאָרדנט אין לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבן. דעריבער ווערט אַרויסגעזאָגט די האָפע־נונג, אַז קיין שום באַטריב פון גערטנערײַ וועט זיך ניט געפינען גרייט צו געבן בײַ זיך שטעלעס יידן".

מיר וועלן פאַרענדיקן אָט דעם שטאַרק געקירצטן רייסטער מיט דער ווײַטערדיקער מעלדונג, וואָס איז געדרוקט אין דער צײַטונג „ווירצ־בורגער גענעראַל־אַנצײַגער" פון 10 מאַי 1934:

„די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דײַטשע אַרבעטער־פּאַרטיי, ראַיאָן־באַטריבס־קעמערל, אָפּטיילונג אונטער־פראַנקען, ווירצבורג, לאָזט אַרויס די ווײַטערדיקע מעלדונג:

„יידן זײַנען ניט קיין פרײַנד פון דײַטשן פאָלק, דער דײַטש איז דעם יידנס דם־שונא, און דאָס זעלביקע פאַרקערט. דער דײַטש, וואָס מיינט ערנסט מיט דעם ווידער־אויפבוי און מיט דער באַנײַונג פון דײַטשלאַנד, ווייס וואָס ער האָט צו טון און זאָגט זיך קאָנסעקווענט אָפּ צו קויפן די פּראָדוקטן פון יידן. פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרמאָגן ניט אָט דעם שטאָלץ און אָט דעם כבוד־געפיל; זיי געהערן צו די אַזוי גע־רופענע בעסערע קרײַזן פון דער היגער פרויען־וועלט. די פרויען, וואָס קויפן אָפן אָדער פון הינטן אַרום פון יידן, מוזן געשטעמפּלט ווערן ווי יידישע שקלאַפן. אין דער צײַט, ווען דער ייד זידלט און באַרעדט אויפן פאַר־ברעכערישסטן און כאַראַקטערלאָזסטן אופן דאָס דײַטשע פאָלק אין גאַנץ דער וועלט, פּועלן די דאָזיקע באַשעפענישן בײַ זיך עפנטלעך זיך אײַנ־צושטעלן פאַר דעם רכילות־טרײַבער און צו האַלטן מיט אים. עס וועט זײַן כדאי און עס וועט אויך פאַרווירקלעכט ווערן, אַז מען זאָל אויך אין דאַכאַו זיך נעמען דערצו צו שאַפן אַן אָפּטיילונג פאַר ווײַבלעכע פאָלקס־בוגדים. פּונקט אַזוי איז כדאי צו שטעמפּלען צו שאַנד אַלע פרויען, וואָס קויפן יידישע פּראָדוקטן, צו פאַרעפנטלעכן אין דער צײַ־טונג און צו באַשטראָפן. ווער עס פאַרשטייט דעם זינען, דעם טעמפּ און דעם אויפטו פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, דער ווייס באַשטימט.

אַז דאָס וועט אויך פאַרווירקלעכט ווערן. דײַטשן, פאַרצייכנט זיך די דאָזיקע פרויען, וואָס האָבן מער גאָרנישט צו טון מיטן דײַטשן פאָלק! וואָרעם עס וועט קומען אַ טאָג — און דער טאָג איז מסתּמא ניט ווײַט — ווען מען וועט מיט די דאָזיקע מענטשן זיך אָפּרעכענען".

מיט וואָס זשע וועט זיך דאָס ענדיקן?

וועגן דעם קאָן מען משפּטן לויט אַ ידיעה פון דער נירנבערגער „8-אוהר-אַבענדבלאַט":

„וועדליג עס ווערט מיטגעטיילט אין אַנסבאַך, איז דער קרײַז הערסברוק איצט לחלוטין פרײַ פון יידן. דאָס איז ניט אין לעצטן גראַד אַ פאַרדינסט פון דעם דאָרטיקן בירגערמײַסטער שפּערבער, וואָס איז איינער פון די פאַרדינסטפולסטע מיטקעמפערס פון יוליוס שטרײַכער זינט יאָרן".

אַזעלכע ידיעות זײַנען שוין געוועזן אויך פון אַנדערע פּראָווינציעלע ראַיאָנען. פאַרשטייט זיך, דערווײַל קלײַבן זיך נאָך דאָס רוב פון די פּראָווינציעלע יידן אַריבער אין די גרויסע צענטערס. אָבער צי איז דאָס אַן אויסוועג?

מיר האָבן ניט געבראַכט ניט די ציניש-אָפענע פּאָגראָם-רעדעס און אַרטיקלען פון שטרײַכער און קובע, ניט די יעזויִטישע פּאָגראָם-שריפטן און פּאָגראָם-דרשות פון דעם פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטער געבעלס, — פאַר אונזער ציל איז געווען אַ סך וויכטיקער אויפצוקלערן די רעזולטאַטן פון יענער טאָגטעגלעכער קליין-אַרבעט פון די טויזנטער און צענדליגער טויזנטער געטרײַע פּאַרטיי-מיטגלידער, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף איין פּינטל: אַרויסצושטופּן דעם יידן, אָפּנעמען בײַ אים דאָס שטיקל ברויט, צונעמען בײַ אַלע קלאַסן, בײַ אַלע שטאַנדן פון יידנטום די מעגלעכקייט צום לעבן.

---

## XIV

## די קאַטאַסטראָפע אין די יידישע ליבעראַלע פּראָפּעסיעס

אויב דער יידישער סוחר, דער יידישער הענדלער און פאַבריקאַנט, אַרבעטער און אָנגעשטעלטער ווערט פאַקטיש געשטיקט און בדלות געשטעלט, הגם לויטן געזעץ זײַנען זיי דערווײַל גלײַכבאַרעכטיקט, טאָ וואָס זאָל מען שוין רעדן וועגן דעם מצב פון די יידישע פאָרשטייער פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס! בנוגע צו זיי הערשט אין „דריטן רײַך" אַ פולע האַרמאָניע צווישן געזעץ און פּראַקטיק, דאָ ווערט די ראַסן-

פראָגראַם פאַרווירקלעכט כמעט אין דער פולער מאָס. מיר זאָגן „כמעט", ווארעם אַפילו אויף דעם דאָזיקן געביט, ווו די „פאַרדאַרבנדיקע" ווירקונג פון יידנטום איז, לויט דער מיינונג פון דער היטלערישער רעגירונג, באַזונדערס געפערלעך פאַר דער ריינקייט פון „נאָרדישן גייסט" פון דער גערמאַנישער קולטור, דאָרט ווו די פערזענלעכע קנאה און פערזענלעכע רשעות פון די איצטיקע בעלי־בתים פון דייטש־לאַנד האָט דערגרייכט ביז צום זיד־פונקט, — אַפילו דאָרט זיינען זיי געווען געצוווּנגען איינצוגייען אויף קאָמפּראָמיסן. אויב פאַר דער צוקונפט זאָרגט דער געזעץ דערפאַר, אַז עס זאָל יידן ווערן אין גאַנצן פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט ליבעראַלע פראָפעסיעס, האָט מען אָבער דערווייל, פאַרן היינטיקן טאָג, געמוזט מאַכן אַ גאַנצע ריי אויסנאַמען: פאַר די וואָס זיינען געווען פאַרנומען אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס פאַר דער מלחמה און פאַר די אָנטיילנעמער אין דער וועלט־מלחמה. אָבער אויך דאָ ווערט אָנגעווענדט די זעלביקע מעטאָדע, וואָס מיר האָבן געשיל־דערט אין פריערדיקן קאַפּיטל — די געהעריקע פראַקטיק פאַרריכט שוין אָדער פאַרבייט דעם געזעץ.

מיר געפינען ניט פאַר נייטיק אין דעם אָרט בפרוטרוט פירצו־ברענגען די גאַנצע ניט־אויפריכטיקע געזעצגעבונג וועגן די רעכט פון יידן אויף די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, וואָס עס האָט געשאַפן די היט־לערשע רעגירונג, צענדליגער מאָל אויספאַרריכט און איבערדערקלערט און וואָס ווערט סיי ווי אָפן ניט אָפּגעהיט, — וועגן דעם האָט מען גענוג געשריבן. מיר לאָזן אויך דורך די גאַנצע קייט פון אוממענטש־לעכע רדיפות, רשעותדיקע עינויים און רציחות, וואָס האָבן באַגלייט די ליקווידירונג פון דעם „פאַרדאַרבנדיקן" יידישן גייסט און וואָס האָבן אַרויסגערופן צענדליגער זעלבסטמאָרדן פון די גרעסטע יידישע פאַר־שטייער פון וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט. אונזער אויפגאַבע איז צו מאַכן אַ סך־הכּל פון אַ יאָר ליקווידירונג פון דעם דאָזיקן גייסט, און צוגלייך אויפצווייזן יענע פראַקטיק, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט און איז באַלד געוואָרן אַ טראַדיציאָנעלע און וואָס זי דאַרף אויסגלייכן דעם געזעץ, וואָס האָט זיך אַ ביסל אַ בייג געטאָן אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט.

יידישע באַאַמטע אין קאָמונאַלע און מלוכהשע אַנשטאַלטן (חוץ די אָפּטיילן מעדיצין, יוריספּרודענץ און בילדונג, וואָס וועגן זיי וועט זיין די רייד באַזונדער) זיינען געווען אין דייטשלאַנד, לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1925, אַן ערך 2000. זייער מיגלעך, אַז 1933 איז זייער צאָל געווען 2500, ווארעם די אַלגעמיינע צאָל באַאַמטע איז פאַר

אָט די יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן. לויטן געזעץ מעגן בלײַבן דינען
יידן, וואָס זײַנען געווען אין מלוכה=דינסט פאַר דער מלחמה, אָדער
פראָנט=סאָלדאַטן. אין די אָנווײַזונגען פון מיניסטער, ווי אַזוי דורכ=
צופירן אָט דעם געזעץ, ווערט דער ערשטער פונקט אויסגעטײַטשט אין
דעם זינען, אַז דאָס איז שייך צו אַזעלכע באַאַמטע, וואָס זײַנען אָן
א י ב ע ר ר ײַ ס געבליבן אין מלוכה=דינסט און וואָס האָבן זיך שטאַרק
אויסגעצייכנט; וועגן צווייטן פונקט ווערט דערקלערט, אַז עס ווערן גע=
רעכנט פאַר אָנטיילנעמער אין קריג נאָר אַזעלכע פערזאָנען, וואָס זײַנען
געווען אין שלאַכטן, וואָס האָבן געקראָגן קאַמף=מעדאַלן, און אַזעלכע
וואָס האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דעם קאַמף קעגן די ספּאַרטאַקיסטן,
קעגן די סעפּאַראַטיסטן אָדער קעגן די שונאים פון דער נאַציאָנאַלער
רעוואָלוציע. וועגן דער צאָל יידישע באַאַמטע, וואָס האָבן פאַרמאָגט
גענוג כוח אויף דורכצוקריכן די אַלע מחיצות, זײַנען קיין ידיעות ניטאָ.
מענטשן וואָס ווייסן דעם מצב זאָגן, אַז אין די קאַנצעלאַריעס הערשט
אַזאַ שטימונג, אַז עס האָבן זיך אָפּגעזוכט מסתמא גאָר ווייניק יידן מיט
אַזאַ גבורה, וואָס זאָלן וועלן פאַרטיידיקן זייערע רעכט; און די איצטיקע
דעה=זאָגערס אין דײַטשלאַנד האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז פון די,
וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט צו מאָנען זייער רעכט, זאָלן וואָס ווייני=
קער באַפרידיקט ווערן.

עטוואָס בעסער איז דער מצב בײַ די יידישע יוריסטן. אַלע
יידישע ריכטערס, פּראָקוראָרן, נאָטאַרן און אַדוואָקאַטן גייען אַרונטער
אונטערן געזעץ וועגן באַאַמטע, נאָר דווקא אויף אָט דעם בײַשפּיל קאָן
מען זען, ווי אַזוי עס ווערן אין דער פּראַקטיק פאַרווירקלעכט די אַזוי
גערופענע „פּריווילעגיעס” — פאַר אַלטע יידישע באַאַמטע און פאַר יידישע
פראָנט=סאָלדאַטן. אַדוואָקאַטן זײַנען געווען אין פּרײַסן אָנהייב 1933 —
11.814; פון זיי זײַנען געווען יידן און פון יידישער אָפּשטאַמונג 3.515
אָדער 30,0%. היות ווי לויט דער פאָלקס=ציילונג פון 1925 האָבן יידן
אַדוואָקאַטן אויסגעמאַכט נאָר 26,1% פון אַלע אַדוואָקאַטן אין פּרײַסן, קאָן
מען דערפון דרינגען, אַז געשמדטע יידן מאַכן אויס אַן ערך 4% פון אַלע
אַדוואָקאַטן אָדער בײַ 13,0% פון אַלע יענע, וואָס גייען אַרונטער אונ=
טערן געזעץ וועגן יידן. אויב מ'זאָל רעכענען אין גאַנץ דײַטשלאַנד
צום אָנהייב 1933 אַן ערך 17.000 אַדוואָקאַטן און נעמען אין אַכט, אַז
אין בערלין מאַכן יידן אויס נאָך אַ מאָל אַזאַ הויכן פּראָצענט ווי דער
דורכשניט פאַרן גאַנצן לאַנד, דעמאָלט קומט מען צום אויספיר, אַז אין
גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען געווען אַן ערך 4.700—4.500 אַדוואָקאַטן, וואָס
ווערן פאַררעכנט פאַר יידן; פון זיי זײַנען אַ 4.000 יידן און די איבע=

ריקע פון יידישער אָפּשטאַמונג. פון די 3.515 אַדוואָקאַטן פון יידישער אָפּשטאַמונג אין פּרײַסן זײַנען אין מאַי 1933 צוגעלאָזן געוואָרן אַרויס־צוטרעטן אין געריכט 2.158, ווײַל זיי האָבן פּראַקטיקירט פאַר דער מלחמה אָדער זיי זײַנען געווען אויפן פראָנט — ד"ה $61{,}4^0|_0$. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער פּראָצענט פון צוגעלאָזענע יידן אין די אַנדערע מלוכות איז דער זעלביקער ווי דער פּראָצענט צוגעלאָזענע אין פּרײַסן, דעמאָלט באַקומען מיר, אַז אין גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען געבליבן אַרויס־געשטויסן 1.700 — 1.750 אַדוואָקאַטן פון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס פון זיי זײַנען אַן ערך 1.500 אמתע יידן און 250 משומדים אָדער קינ־דער פון משומדים.

וועגן גורל פון אָט די 1.750 מענטשן, וואָס זײַנען פאַרטריבן גע־וואָרן פון געריכט, קאָן מען משפּטן לויטן צירקולאַר, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די אַדוואָקאַטן־קאַמער אין דיסעלדאָרף און וואָס באַשטייט פון 10 פונקטן. אָט זײַנען אייניקע פון די פונקטן:

2) „עס איז ניט אָנשטענדיק צו באַקומען מאַנדאַטן פון די ניט־צוגעלאָזענע אַדוואָקאַטן פון ניט־אַרישער אָפּשטאַמונג".

4) „עס איז ניט אָנשטענדיק אָנצונעמען אויף אַ שטעלע די גע־וועזענע אַדוואָקאַטן פון ניט־אַרישער אָפּשטאַמוגג ווי מיטאַרבעטער אָדער ווי געהילפן".

5) „ניט אָנשטענדיק איז יעטווידער פּראָפעסיאָנעלער פאַרקער מיט די געוועזענע אַדוואָקאַטן פון ניט־אַרישער אָפּשטאַמונג".

7) „די עקסיסטירנדיקע שותּפישע אַדוואָקאַטן־ביוראָס פון אַרישע און ניט־אַרישע אַדוואָקאַטן מוזן תּיכּף ווערן ליקווידירט".

9) „די אויסגעשלאָסענע ניט־אַרישע אַדוואָקאַטן טאָרן ניט ווערן צוגעלאָזט ווי בוררים. אויב זיי וועלן זיך פאַרנעמען מיט קאָנסולטאַ־ציעס, איז יעטווידער פּראָפעסיאָנעלער פאַרקער מיט זיי ניט אָנ־שטענדיק".

פון די איבעריקע נײַע „עשרת הדברות", וואָס זײַנען ווערט אויס־געקריצט צו ווערן אויף שטיינערנע טאָוולען פאַר די קומענדיקע דורות, איז כּדאַי נאָך צו דערמאָנען דעם פונקט 8, וואָס זאָגט:

„עס געשיקט זיך ניט, אַז די צוגעלאָזענע ניט־אַרישע אַדוואָקאַטן זאָלן ווײַטער פאַרבלײַבן מיטגלידער פון די אַדוואָקאַטן־פאַרבאַנדן".

פּירושים צו די דיסעלדאָרפער „עשרת הדברות", וואָס האָבן באַלד געפונען אויספירערס און נאָכמאַכערס אין גאַנץ דייטשלאַנד, זײַנען באמת ניט נייטיק: עס איז קלאָר, אַז פאַר די מענטשן איז ניט גענוג, וואָס זיי האָבן צוגענומען בײַם קאָנקורענט יעטווידע מעגלעכקייט צו

קאָנקורירן מיט זיי, נאָר זיי ווילן בכלל אים לאָזן אויסגיין פון הונגער, פּאַרטיליקן אים פיזיש, בכדי זיי זאָלן זײַן זיכער, אַז דער געפּערלעכער קאָנקורענט וועט שוין קײַן תּחית המתים ניט אויפשטיין און וועט מער ניט שטערן די רו פון די ריינע אַריער.

אָט ווי די בערלינער אַדוואָקאַטן־קאַמער זאָרגט וועגן גורל פון די קאָלעגן, וואָס זײַנען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייער פּראָפעסיע:

„די פאַרוואַלטונג פון בערלינער אַדוואָקאַטן־קאַמער האָט אָנגענו־מען אַזאַ באַשלוס: „עס איז קעגן דעם שטאַנד צו גרינדן אַ חברותא אָדער ביוראָ־שותּפות פון אַדוואָקאַטן פון אַרישער און ניט־אַרישער אָפּ־שטאַמונג, און אויך אויפצוהאַלטן אַ ביוראָ־שותּפות אָדער אַ חברותא צווישן אַדוואָקאַטן פון אַרישער און ניט־אַרישער אָפּשטאַמונג, וואָס איז געגרינדעט נאָך דעם 14טן סעפּטעמבער 1930".

אַלע אויבן געבראַכטע צאָלן וועגן די אַדוואָקאַטן אין פּרײַסן האָט דאָס פּרײַסישע יוסטיץ־מיניסטעריום פאַרעפנטלעכט אין מאַי 1933. און אָט זײַנען די נײַסטע דאַטעס וועגן יידישע אַדוואָקאַטן און נאָטאַרן:

„וועגן די ווירקונגען פון דער אַריער־געזעצגעבונג אין אַ וויכטיקן טייל־געביט זאָגט זיך אַרויס דער אויפקלערונגס־אַמט פאַר באַפעלקע־רונגס־פּאָליטיק און זאָרג פאַר דער ראַסע. עס רעדט זיך דעריבער וועגן דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל ניט־אַרישע אַדוואָקאַטן און נאָטאַרן אין די פּרײַסישע געריכט־באַצירקן. עס ווערט קאָנסטאַטירט, אַז דעם 1 אַפּריל 1934 איז די צאָל ניט־אַרישע אַדוואָקאַטן לגבי דעם 7 אַפּריל 1933 געפאַלן אויף 38,84%, און די צאָל פון ניט־אַרישע נאָטאַרן אויף 56,79%.

„סך־הכּל זײַנען אין די דערמאָנטע געריכט־באַצירקן דעם 1־טן אַפּריל נאָך געווען צוגעלאָזט 2066 ניט־אַרישע אַדוואָקטן (לגבי 3378 דעם 7טן אַפּריל 1933) און 884 ניט־אַרישע נאָטאַרן (קעגן 2046 דעם 7טן אַפּריל 1933).

„אין אַפּריל 1933 האָט דער אָנטייל פון ניט־אַרישע אַדוואָקאַטן אין דער אַדוואָקאַטור אין פּרײַסן באַטראָפן בכלל בײַ 29,57%. דאָס געזעץ פון 7טן אַפּריל 1933 האָט פאַרקלענערט אָט דעם אָנטייל ביז 17,5%.

„וואָס איז שייך די איינציקע געריכט־באַצירקן, איז די פאַרמינע־רונג פון דער צאָל יידישע אַדוואָקאַטן צום שטאַרקסטן אין קרײַז האַם אין וו', ווו זי מאַכט אויס 49,4%. ווײַטער גייען די באַצירקן דיסעלדאָרף מיט 48,23%, קיניגסבערג אין פּר' מיט 47,78%, קעלן מיט 47,20%, מאַריענווערדער מיט 47,06%, פראַנקפורט בײַם מ' מיט 44%, נאַומבורג מיט 40,74%, ברעסלוי מיט 39,38%, צעלע מיט 38,10%,

בערלין מיט 35,79%, קאַסל מיט 32,56%, קיל מיט 32,35% און צולעצט שטעטין מיט 31,03%. ביי די נאָטאַרן איז די פּאַרקלענערונג צום שטאַרקסטן אין באַצירק קאַסל מיט 73,33%, דערנאָך גייען דיסעלדאָרף מיט 68,18%, האַם אין וו׳ 63,37%, קיניגסבערג אין פּר׳ 62,26%, נאַומבורג 57,89%, ברעסלע 57,41%, בערלין 56,45%, פראַנקפורט ביים מ׳ 55,29%, שטעטין 52,17%, קיל 52%, צעלע 42,86% און מאַריענווערדער מיט 41,67%. אין געריכט־באַצירק קעלן איז דעמאָלט, בשעת עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער געזעץ וועגן פּראָפּעסיאָנעלע באַאַמטע, געווען צוגעלאָזט נאָר איין ניט־אַרישער נאָטאַר, און אויפן סמך פון געזעץ איז ער אָפּגעזאָגט געוואָרן, אַזוי אַז דער באַצירק קעלן איז דער איינציקער געריכט־באַצירק אין פּרייסן, ווו עס איז קיין איין ניט־אַרישער נאָטאַר מער ניטאָ"*.

מיר זעען בכן, אַז אין אַ וואָסערע צען חדשים איז די צאָל צוגעלאָזענע אַדוואָקאַטן פון יידישער אָפּשטאַמונג ווידער פּאַרקלענערט געוואָרן אויף 92. דאָס אַלץ איז בנוגע פּריוואַטע פּאַרטיידיקער. אַ סך ערגער איז די לאַגע פון יידישע ריכטערס, פּראָקוראָרן און נאָטאַרן. וועגן אָט די לעצטע זאָגן די דאַטעס, אַז זייער צאָל איז פּאַרקלענערט געוואָרן פון 2.046 (7טן אַפּריל 1933) ביז 884 (7טן אַפּריל 1934), ד"ה אויף גאַנצע 56,79%. אין אייניקע באַצירקן איז די צאָל יידישע נאָטאַרן פּאַרקלענערט געוואָרן מער ווי אויף 2/3. און דער קעלנער באַצירק איז געווען גאָר אַ מזלדיקער — דאָרט איז שוין ניטאָ קיין איין ניט־אַרישער נאָטאַר. די אַרויסשטופּונג פון די נאָטאַרן גייט גיכער ווי די אַרויסשטופּונג פון די אַדוואָקאַטן, און די אַרויסשטופּונג פון די פּראָקוראָרן און ריכטערס גייט בלי ספק נאָך מיט מער אימפּעט. צום באַדויערן איז וועגן די לעצטע קיין ידיעות ניטאָ; נאָר פון די געבראַכטע דאַטעס איז צו זען, אַז אויסגעשלאָסן זיינען געוואָרן אין פּרייסן אַליין: 1449 אַדוואָקאַטן (3515—2066) און 1162 נאָטאַרן, סך־הכּל, הייסט דאָס, 2611, וואָס פון זיי זיינען אַן ערך 2300 יידן, און די איבעריקע — פון יידישער אָפּשטאַמונג. מיר וועלן זיין זייער נאָענט צום אמת, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז אין גאַנץ דייטשלאַנד זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן (אַדוואָקאַטן, נאָטאַרן, ריכטערס און פּראָקוראָרן) ניט ווינציקער פון 4000 פּערזאָנען, פון זיי יידן אַן ערך 3500.

אָבער אַן ערך 60% יידישע אַדוואָקאַטן זיינען פאָרט צוגעלאָזן צו פּראַקטיק. נאָר ווער עס איז נוטה זיך צו טרייסטן דערמיט און אָנ־

---

* C.-V.-Zeitung, Berlin, 26.IV 1934.

צונעמען ערנסט די געצוווּנגענע געזעצגעבערישע הנחות פון דער היטלערשער רעגירונג, דעם דאַרף מען געבן אַ עצה איבערצולייענען די רעדע פון דעם רײַכס־קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ ד״ר פראַנק, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 14טן מאַי 1933 אין בערלין אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון ריכטערס און יוריסטן. ער האָט זײַנע צוהערערס געטרייסט בזה הלשון:

„די השפּעה פון יידנטום אין דײַטשן רעכט האָבן מיר אין אַ קורצער צײַט אײַנגעבראָכן. עס קאָן פאַר אַ טייל זײַן שווער צו ברענגען אין הסכם דעם טעמפּ פון דער אַקציע מיט די באַדערפענישן פון דער מלוכה און מיט די פּראָגראַמאַטישע פאָדערונגען פון דער באַוועגונג. דעם טעמפּ פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע באַשטימט אונזער פירער. אָבער דער בונד פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע יוריסטן וועט קיין מאָל זיך ניט אָפּזאָגן פון דער פאָדערונג, אַז אַלע יידן אָן אויסנאַם מוזן אַרויס פון יעטווידער פאָרם פון רעכטס־לעבן". אַז ער איז געוואָרן באַדאַנקט פון חברים און ניט־חברים דורך שטורמישע, און אפשר אויך ווילדע אַפּלאָדיסמענטן, איז איבעריק צו זאָגן. עס האָט זיך אין דײַטשלאַנד ניט געפונען קיין איין ריכטער, קיין איין אַדוואָקאַט, וואָס זאָל האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס זייערע קאָלעגן זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די געריכט־אינסטיטוציעס מיט שטעקנס און רעוואָלווערן.

און די פּאַרטיי, וואָס צו איר געהער דער מיניסטער, זאָרגט שוין דערפאַר, אַז די יידישע אַדוואָקאַטן אַליין זאָלן זײַן געצוווּנגען זיך צו ליקווידירן. עס איז נאָך ווײַט ניט גענוג צו זײַן צוגעלאָזן צו דער אַדוואָקאַטור אָדער נאָטאַריאַט, בכדי צו האָבן פּראַקטיק. די יידישע צײַטונגען פון דײַטשלאַנד הערן ניט אויף צו באַקלאָגן זיך דערויף, וואָס יידן אַליין מײַדן אויס יידישע אַדוואָקאַטן, מחמת זיי האָבן מורא, זיי זאָלן זייער פּראָצעס אין געריכט ניט פאַרשפּילן. חוץ דעם זײַנען פאַרן משך פון דעם יאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן צענדליגער דערקלערונגען צום גרונד־געזעץ, וואָס באַגרענעצן אַלץ מער און מער דאָס טעטיקייט־געביט פון די צוגעלאָזענע יידישע אַדוואָקאַטן. אָט זײַנען אַ פּאָר מוסטערן פון דער דאָזיקער דערקלערונגס־ליטעראַטור:

„דער בײַערישער יוסטיץ־מיניסטער, רײַכס־קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ ד״ר פּראַנק, האָט רעקאָמענדירט די בײַערישע געריכטן ניט איבערצוגעבן ניט־אַרישע אַדוואָקאַטן צו פירן פּראָצעסן פון אָרעמע לײַט. אַן אויסנאַם קאָן געמאַכט ווערן נאָר אין דעם פאַל, ווען דער אָרעמער צד פאָדערט בפירוש אַ ניט־אַרישן אַדוואָקאַט. האַלב־אָפיציעל ווערט אָט דער מאָס־

מיטל באַגרינדעט מיט דעם טעם, וואָס די מערהייט פון דער באַפעלקע־רונג, וואָס זוכט יורידישע הילף, איז קעגן דעם, אַז ניט־אַרישע אַדוואָ־קאַטן זאָלן האָבן אַ חלק אין דער יורידישער הילף פאַר אָרימעלייט" *.

אין דעם ניט לאַנג פאַרעפנטלעכטן געזעץ וועגן צולאָזן קאָנסול־טאַנטן פאַר שטייער־ענינים ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„פערזאָנען, וואָס לויטן געזעץ צו דער אויפריכטונג פון פראָפע־סיאָנעלן באַאַמטנטום פון 7טן אַפּריל 1933 זיינען זיי פון ניט־אַרישער אָפּשטאַמונג, טאָרן בדרך כּלל ניט צוגעלאָזן ווערן ווי קאָנסולטאַנטן פאַר שטייער־ענינים; אויב מען האָט אַזעלכע שוין צוגעלאָזט, מוז מען די צולאָזונגען בטל מאַכן. אַדוואָקאַטן אָדער נאָטאַרן, אויך ווען זיי זיינען פון ניט־אַרישער אָפּשטאַמונג, מעגן פון פאַל צו פאַל צוגעלאָזן ווערן ווי באַפולמעכטיקטע אָדער פאַרטיידיקער אין שטייער־ענינים. אַנדע־רע פערזאָנען פון ניט־אַרישער אָפּשטאַמונג טאָרן פּרינציפּיעל ניט צוגעלאָזן ווערן ווי באַפולמעכטיקטע אָדער פאַרטיידיקער אין שטייער־ענינים אַפילו ניט פון פאַל צו פאַל".

הייסט עס, אַז דער גורל פון אַ יידישן אַדוואָקאַט אָדער נאָטאַר איז אין גאַנצן אָפּגעהאַנגען פון דעם קאַפּריז פון דעם אָדער יענעם באַאַמטן.

אָט איז אַ טיפּישער און כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס גיט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן מצב פון אַ יידן, וואָס האָט זיך איינגע־שטעלט אויסצונוצן דעם געזעץ און צו בלייבן אַ ריכטער. איינער פון די צדדים אויף אַ פּראָצעס האָט געפאָדערט צו באַזייטיקן דעם יידישן ריכטער מיט דעם אויסרייד, וואָס ער ווי אַ מיטגליד פון דער נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטישער פאַרטיי פירט שוין לאַנג אַ קאַמף קעגן יידן ווי קעגן אַ נידעריקער ראַסע, און ממילא קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז אַ ייד אַ ריכטער זאָל זיך באַציען צו אים אָביעקטיוו. דאָס לאַנד־געריכט פון בערלין האָט אָנגענומען די דאָזיקע טענה וועגן באַזייטיקן דעם ריכטער און האָט זיין באַשלוס מאָטיווירט אַזוי: היות ווי דער בעל־דין האָט אויפן געריכט גופא אַזוי גראָב זיך אָפּגערופן וועגן דעם ריכטערס ראַסע, וואָלט דאָס געווען אַ באַליידיקונג פאַרן ריכטער גופא גאָר אַרויפצולאָזן אויפן געדאַנק, אַז ער קאָן בלייבן גלייכגילטיק צו אָט דער גראָבקייט, און אַז ער וועט זיך באַציען אָביעקטיוו צו דעם באַליידיקער. און ווען דער באַזייטיקטער ריכטער באַקלאָגט זיך אויף דער באַליידי־קונג, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן אויפן געריכט, בעת ער האָט אויס־

* C.-V.-Zeitung, Berlin, 8.IX.33.

געפירט זײַנע דינסט־פונקציעס, ווערט דאָס ווידער אַמאָל אָנגענומען ווי אַ באַווײַז דערפאַר, אַז דער ריכטער וועט ניט קאָנען זײַן אָביעק־טיוו. אַזוי טוט די העכסטע יורידישע אינסטאַנץ! און אָט איז די מאָטיווירונג:

„דער אָנקלאָגער איז אַן אָנפירער בײַ די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן און שוין לאַנג אַן אַנטיסעמיט. אויך אין דעם איצטיקן פּראָצעס האָט ער ניט אויסבאַהאַלטן זײַן אײַנשטעלונג קעגן יידן. ער איז אויפן אָנגע־קלאָגטן שאַרף אָנגעפאַלן ווי אויף אַ יידן און האָט אים אויפגעוואָרפן, אַז ער האָט זיך אויף אַ טיפּיש־יידישן שטייגער און מיט דער הילף פון אַ יידישן עדות, וואָס איז אין זײַנע אויגן ניט באַגלויבט, ווײַל ער איז אַ ייד, געוואָלט אַרויסדרייען פון צו צאָלן וואָס עס קומט פון אים.

„עס איז פאַרשטענדלעך, ווען דער אָנקלאָגער זאָגט, אַז בײַ דעם מצב קאָן ער זיך גאָר ניט אויסמאָלן, אַז דער אָפּגעווענדטער ריכטער, וואָס איז אַ ייד פונקט ווי דער אָנגעקלאָגטער און איז לויט דער נײַער באַאַמטן־געזעצגעבונג אַריבערגעפירט געוואָרן אין לאַנד־געריכט, זאָל זײַן געבליבן אין זײַן פּסיכישער גלײַכוואָג און זאָל האָבן צו אים, צום נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, די זעלביקע באַציאונג, ווי צו דעם אָנגעקלאָגטן, וואָס איז זײַנער אַ ראַסן־חבר.

„עס פעלט אָבער אויך ניט קיין אָביעקטיווער גרונט. פון דער אָפיציעלער דערקלערונג, וואָס דער אָפּגעווענדטער ריכטער האָט דער־לאַנגט דעם 4טן יאַנואַר 1934, הגם ער פאַרזיכערט בפירוש זײַן אומ־פּאַרטייאישקייט, איז קענטיק, אַז דער אָפּגעווענדטער ריכטער האָט זיך געשפּירט שווער געטראָפן און באַליידיקט דורך די פאָרווורפן, וואָס דער אָנקלאָגער האָט געמאַכט קעגן יידנטום און קעגן אים. אויב אַזוי, זײַנען די ספקות פון דעם אָנקלאָגער, צי דער ריכטער וועט בײַ זײַן בעסטן ווילן קאָנען אָפּהיטן די פולע אָביעקטיוויטעט, אויך אָביעקטיוו באַגרינדעט". *

דערצו איז די „פראַנקפורטער צײַטונג" מוסיף: „דורך אָט דער החלטה ווערט אויך קלאָר, ווי גרויס עס זײַנען די שוועריקייטן, וואָס אַ ניט־אַרישער ריכטער מוז איבערקומען. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער אין אַ געוויסער מאָס די ברירה: אָדער ניט צו שפּירן אינעווייניק זיך באַליידיקט פון אַזעלכע פאָרווורפן, וואָס וואָלטן בעצם באַדאַרפט באַליי־דיקן זײַן געפיל ווי אַ ניט־אַריער, אָדער אויב ער פילט זיך יאָ באַליי־דיקט, ברענגט ער צו זײַן אָפּווענדונג, מחמת מען קאָן ניט זײַן זיכער אין זײַן אָנפּניותדיקייט".

---

* Frankfurter Zeitung, 16.V.1934.

אָט אין וואָס פֿאַר אַ אַטמאָספֿערע עס קומט אויס צו אַרבעטן אַ יידישן ריכטער, און נעמענדיק אין אַכט די יעזויִטישע קאַזויִסטיק און די אומפֿאַרגלײַכלעכע אומפֿאַרשעמטקייט פֿון אַ בערלינער לאַנד=געריכט קאָן מען זיך שוין פֿאָרשטעלן בײַ וואָסערע תּנאָים אַ יידישער אַדוואָקאַט דאַרף דאָס אַרויסטרעטן. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס פּראַקטיש זײַנען די יידישע אַדוואָקאַטן, נאָטאַרן און ריכטערס ליקווידירט און געצוווּנגען צו עמיגרירן אָדער צו נעמען זיך פֿאַרקויפֿן זייף, פֿונאַנדערטראָגן קאָלאָניאַלע סחורות איבער די הײַזער אָדער זיך אויסלערנען אַ מלאכה. די ווײַטערדיקע מיטטיילונג באַשטעטיקט, ווי ווײַט די יידישע אַדוואָקאַטור ווערט פּראַקטיש ליקווידירט:

„47 אַמטסגעריכטן אין טירינגען אָן יידישע אַדוואָקאַטן".

„ניט לאַנג האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז מאַרבורג זאָל זײַן די איינציקע שטאָט, וווּ עס זײַנען בכלל שוין מער ניטאָ קיין יידישע אַדוואָקאַטן. נאָך דעם האָט די „פֿראַנקפֿורטער צײַטונג" אָנגעהויבן צו קריגן אַ סך בריוו, וואָס אין זיי ווערט באַדויערט, וואָס די ברייטע שיכטן זײַנען שוואַך אָריענטירט אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרהעלטענישן פֿון די ניט=אַריער. אַ טירינגער אַדוואָקאַט האָט צוו"אַ געבראַכט די ווײַטערדיקע ידיעות וועגן טירינגען, און דערבײַ מוסיף געווען, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן אויסנאַמלעכע פֿאַרהעלטענישן, נאָר אַז ענלעך איז דער מצב מסתּמא אין גרויסע טיילן פֿון דײַטשלאַנד. אָט וואָס ער שרײַבט מכּוח דעם: אין טירינגען זײַנען פֿאַרהאַן זיבן לאַנד=געריכטן: אין אַלטענבורג, אײַזענאַך, גערא, גאָטאַ, מייניגען, רודאָלשטאַט און ווײַמאַר. שוין איידער עס איז אַרויס דער נײַער געזעץ וועגן פּראָפֿעסיאָנעלן באַאַמטנטום, זײַנען אין דרײַ פֿון די זיבן לאַנד=געריכטן, דהיינו אין אַלטענבורג, אין רודאָלשטאַט און אין ווײַמאַר, ניט געווען קיין יידישע אַדוואָקאַטן. ווען מען גייט נאָך צו די 67 אַמטסגעריכטן פֿון לאַנד טירינגען, זײַנען 47 אַמטסגעריכטן געווען אָן יידישע אַדוואָקאַטן". אין דעם בריוו ווערן אָט די 47 שטעט אָנגערופֿן מיט די נעמען. און דערנאָך שרײַבט ער ווײַטער: „צו אָט די דרײַ לאַנד=געריכטן קומט איצט צו דאָס לאַנד=געריכט אין גערא, די גרעסטע שטאָט פֿון לאַנד טירינגען, וווּ פֿריער זײַנען געווען צוויי יידישע אַדוואָקאַטן. איינער פֿון זיי האָט שוין לעצטגילטיק פֿאַרלאָרן זײַן צולאָזונג, און אויפֿן צווייטן ליגט שוין לאַנג אַ פֿאַרבאָט אַרויסצוטרעטן פֿאַרן געריכט. אַזוי אַרום זײַנען בײַ פֿיר פֿון זיבן לאַנד=געריכטן, בכן מער ווי די העלפֿט, קיין יידן מער ניטאָ".

עס איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז עס גייט אַן אינטענסיווע אַליין־ליקווידאַציע פון דער יידישער אַדוואָקאַטור אין דײַטשלאַנד.

יידישע דאָקטוירים זײַנען געווען אין פּרײַסן לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1925 — 4.505; דאָס הייסט, אַז אין גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען געווען אַן ערך 6.500 דאָקטוירים. פאַר די פאַרגאַנגענע אַכט יאָר איז די צאָל דאָקטוירים אין דײַטשלאַנד בכלל גרעסער געוואָרן אויף איין זעקסטל. רעכענענדיק, אַז די צאָל יידישע דאָקטוירים איז אויסגעוואַקסן אין דער זעלביקער מאָס, קומען מיר צום אויספיר, אַז אין גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען צו יאַנואַר 1933 געווען אַרום 8.000 יידישע דאָקטוירים. מען קאָן ניט לייקענען, אַז די יידישע דאָקטוירים האָבן געהאַט אַ לפי־ערך גרעסערע און בעסערע פּריוואַטע פּראַקטיק. אָבער דאָס איז ריכטיק נאָר בנוגע צו דער אַזוי גערופענער עליטע, צו אייני־קע גרויסע ספּעציאַליסטן, וואָס מאַכן אויס אַ נישטיקן פּראָצענט פון אַלע דאָקטוירים. צווישן די צוויי־דרײַ צענדלינג אַלגעמיין אָנגענומענע מע־דיצינישע אויטאָריטעטן פון בערלין, וואָס זייערע וואַרט־צימערן זײַנען שטענדיק געווען באַלעגערט פון פּובליקום, האָבן יידן בלי־ספק אויס־געמאַכט אַ העלפט, און אפשר מער. די דאָזיקע ערשײַנונג חזרט זיך איבער אויך אין די קליינע צענטערס. די ראָלע פון די יידן אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפט איז אָפן פאַר גאָר דער וועלט. אָבער מען מוז שטענדיק געדענקען, אַז אָט די פּריווילעגירטע לאַגע איז אויך בײַ יידן דער גורל נאָר פון גאָר אַ קליינעם, אויסבאַדײַטיקן טייל פון די דאָקטוירים — דער גרעסטער טייל פון די יידישע דאָקטוירים, פון די דורכשניטלעכע, געוויינטלעכע דאָקטוירים, געפינען זיך אין אַ סך אַן ערגערער לאַגע, ווי זייערע קריסטלעכע קאָלעגן. פאַר דער דײַטשע־רעוואָלוציע פון 1918 זײַנען יידישע דאָקטוירים נאָר אין אויסנאַם־פאַלן צוגעלאָזן געוואָרן צום מלוכהשן און קאָמונאַלן דינסט. אָבער אויך נאָך דער רעוואָלוציע איז קיין פולע אמתע גלײַכבאַרעכטיקונג אויף דעם געביט ניט דערגרייכט געוואָרן. דער דאָזיקער פאַקט ווערט באַשטע־טיקט דורך די ידיעות וועגן דער צאָל יידן, וואָס זײַנען געווען אָנגע־שטעלט אין די גרויסע שטעט. מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, אַז אין גאַנץ פּרײַסן זײַנען געווען גלײַך סײַ בײַ יידן און סײַ בײַ ניט־יידן 18,0% דאָקטוירים אויף שטעלעס. נאָר בײַ יידן לעבן אַלע דאָקטוירים אין די שטעט, און דעריבער קאָן אָט דער פּראָצענט אָנגעשטעלטע אָן קווענק־לעניש ווערן אָנגענומען ווי אַ מאָסשטאַב פאַר די יידישע דאָקטוירים אָנגעשטעלטע אין די שטעט; בײַ די ניט־יידן וווינען אַ גרויסער טייל פון די דאָקטוירים אין דערפער און שטעטלעך, ווו קיין שפּיטאָלן זײַנען

ניטאָ. הייסט דאָס, אַז די אויבן דערמאָנטע 18,0% אָנגעשטעלטע דאָק־טוירים בײַ די ניט־יידן — וואָס איז אַ דורכשניט־צאָל פאַר גאַנץ פּרײַסן — זײַנען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר ניט־יידן אין די שטעט. אַזוי אַרום מוז מען צוליב פאַרגלײַכן דעם פּראָצענט דאָקטוירים אָנגעשטעלטע פון ביידע גרופּעס נעמען פאַר ניט־יידן דעם פּראָצענט אָנגעשטעלטע נאָר אין די שטעט. לאָזט זיך אויס, אַז דער פּראָצענט פון דאָקטוירים ניט־יידן אויף שטעלעס איז געווען (1925):

| | |
|---|---|
| אין בערלין | — 34,6% |
| „ פראַנקפורט | — 35,4% |
| „ דרעזדען | — 35,7% |
| „ קעלן | — 35,9% |
| „ מינכען | — 39,5% |
| „ האַמבורג | — 41,4% |
| „ ברעסלע | — 41,7% |
| „ דיסעלדאָרף | — 41,9% |
| „ קיניגסבערג | — 49,9% |

עס איז קלאָר, אַז בײַ ניט־יידן זײַנען צוויי אָדער דריטהאַלבן מאָל מער דאָקטוירים אויף קאָמונאַלע אָדער מלוכה־שטעלעס ווי בײַ יידן.

מען מוז נאָך מוסיף זײַן, אַז דאָ גייט די רייד וועגן דאָקטוירים, וואָס געפינען זיך אויף שטענדיקע שטעלעס, און ניט וועגן דאָקטוירים, וואָס זײַנען צוגעלאָזן צו היילן די מיטגלידער פון קראַנקן־קאַסעס. היות ווי אין דײַטשלאַנד זײַנען פאַרזיכערט צוויי דריטל פון דער באַפעל־קערונג, און אין די גרויסע שטעט דרײַ פערטל פון דער באַפעלקע־רונג, ממילא זײַנען די דאָקטוירים, וואָס מוזן זיך באַנוגענען נאָר מיט פּריוואַטער פּראַקטיק, פאַרמשפּט אויף אַ הונגער־עקסיסטענץ. מיר האָבן געזען, אַז אין 1925 זײַנען צווישן יידישע דאָקטוירים געווען אויף שטעלעס צוויי אָדער דריטהאַלבן מאָל ווינציקער ווי בײַ ניט־יידן. איצט זײַנען אַלע יידישע דאָקטוירים באַזײַטיקט פון די מלוכהשע און קאָמו־נאַלע הייל־אַנשטאַלטן — אויסנאַמען זײַנען זעלטן ביז גאָר, הגם לויטן געזעץ וועגן עפנטלעכע אָנגעשטעלטע האָט אַ באַדײַטיקער טייל פון זיי געמעגט בלײַבן אויף זייערע שטעלעס. פון 8.000 יידישע דאָקטוירים אין 1933 זײַנען געווען אויף שטעלעס אַן ערך 1.500 און אַן ערך 4.000 האָבן געהאַט דער עיקר פּראַקטיק בײַ די מיטגלידער פון די קראַנקן־קאַסעס. פון די 1.500 יידישע דאָקטוירים אויף שטעלעס זײַנען צוויי דריטל געווען אויף מלוכהשע און קאָמונאַלע שטעלעס — בײַ אַ טויזנט —

און די איבעריקע האָבן געאַרבעט אין יידישע קהילה־שפּיטאָלן אָדער אין פּריוואַטע קליניקעס. פון די דאָזיקע 1.000 דאָקטוירים האָבן גע־האַט דאָס רעכט צו בלײַבן שפּעטער אויף זייערע שטעלעס — אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דער פּראָצענט פאַרמלחמהדיקע דאָקטוירים און דאָקטוירים פּראָנט־קעמפער איז דער זעלביקער ווי בײַ די אַדוואָקאַטן — אַן ערך 600, אָבער אין דער אמתן זײַנען איצט קיין הונדערט יידי־שע דאָקטוירים ניט געבליבן אויף מלוכהשע אָדער קאָמונאַלע שטעלעס.

ד"ר קאָנטי, דער בערלינער ראַיאָן־עלטסטער פון נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליסטישן דײַטשן דאָקטוירים־בונד, האָט דערקלערט אין אַן אינטערוויו, אָפּגעדרוקט אין „פעלקישן בעאָבאַכטער" פון 27 פעברואַר 1934: פון דעם סאַניטאַר־וועזן פון דער שטאָט בערלין איז די יידישע השפּעה כמעט אין גאַנצן אויסגעשלאָסן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי שווער עס איז געווען נאָך דער אויסשליסונג פון די יידך די מעדיצי־נישע פאַרזאָרגונג פון 1 מיליאָן פאָלקסברידער, וואָס געפינען זיך אונ־טערן שוץ פון דער געזעלשאַפטלעכער השגחה, און וואָס אונזערע דאָק־טוירים האָבן זיי די ערשטע צײַט באַדאַרפט באַהאַנדלען אָן געצאָלט".

מיר ווייסן ניט, ווי הויך עס האָבן געשאַצט די ריין־דײַטשע קראַנקע דעם אידעאַליזם און מסירת־נפש פון די ריין־אַרישע דאָקטוירים. דערפאַר ווייסן מיר פון אַן אַנדער מקור („Aerzteblatt von Berlin" יאַ־נואַר 1934), אַז די אַרישע דאָקטוירים לעבט זיך גאָר ניט אַזוי געשמאַק אין דעם „דריטן רײַך", הגם עס זײַנען באַזײַטיקט טויזנטער יידישע דאָקטוירים, הגם עס זײַנען באַזײַטיקט צענדליגער יידן גרויסע ספּע־ציאַליסטן, די גדולים פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, וואָס זײַנען די געפערלעכסטע קאָנקורענטן אין דער פּריוואַטער פּראַקטיק. דאָס דער־מאָנטע „Aerzteblatt von Berlin" שרײַבט וועגן דעם אין זעלביקן נומער גאַנץ אָפן און קענטיק אויפריכטיק: „עס האָט זיך ביז אַהער ניט אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס די אַרישע פּאַציענטן זײַנען אַוועק פון די יידישע דאָקטוירים זאָל האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף צו פאַר־גרעסערן די הכנסות פון די דייטשע דאָקטוירים, הגם 500 יידישע דאָק־טוירים האָבן ביז איצט עמיגרירט פון דײַטשלאַנד".

אַז נאָר 500 יידישע דאָקטוירים האָבן עמיגרירט פון דײַטשלאַנד, איז ניט ריכטיק. אַזוי ווייסן מיר, למשל, פון ידיעות פון ארץ־ישראל, אַז דאָרט זײַנען צום סוף 1932 געווען 513 יידישע דאָקטוירים, און סוף 1933 — 882, ד"ה אויף 369 מער. מען מעג זיכער אָננעמען, אַז 300 פון די יידישע דאָקטוירים, וואָס זײַנען אין 1933 אַרײַנגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל, קומען פון דײַטשלאַנד. לויט די ידיעות פון דעם זעלביקן

„Aerzteblatt von Berlin“ פון 27 יאַנואַר 1934 האָבן אין 1933 עמיגרירט פון בערלין 284 יידישע דאָקטוירים; פון זיי קיין ארץ־ישראל 117, ד"ה 41,1%. דעריבער מעג מען אָננעמען, אַז בכלל האָבן אויסגעוואַנדערט פון דײַטשלאַנד ניט ווינציקער ווי 700 יידישע דאָקטוירים. די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן צענדליגער יאָרן דער דײַטשער מעדיצינישער וויסנשאַפט, דער דײַטשער פּראַקטישער מעדיצין, וואָס האָבן ניט ווינציק מיטגעהאָלפן צו דערהויבן די דײַטשע מעדיצין און צו פאַרשאַפן איר אַ וועלט־נאָמען, די דאָזיקע מענטשן זײַנען איצט, פאַרטריבענע, באַשפּיגענע און אָפט אויך געשלאָגענע, געצוווּנגען געווען זיך צו צעשפּרייטן לחלוטין איבערן גאַנצן כדור־הארץ. חוץ אַלע אייראָפּעיִשע מלוכות, זוכן אַ סך גליק און מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין טערקײַ, אין כינע, אין די מלוכות פון דרום־אַמעריקע, אין די אַפריקאַנישע קאָלאָניעס, אין דער ווײַטער אויסטראַליע, אין אַלע מדבריות און וויסטענישן פון דער וועלט. מיר זאָגן „זיי זוכן“, ווײַל נאָך איצט קומען אָן פון ווײַטע, פאַרוואָרפענע לענדער בריוו מיט יאוש־געשרייען פון מענטשן, וואָס האָבן געשפּילט אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפט אַן אָנגעזעענע ראָלע און איצט זײַנען זיי געבליבן אין דער ווײַטער פרעמד אין אַ קריטישער לאַגע.

און אָט איז אַ מיטטיילונג, וואָס גיט אונז אַ פולקום קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן מצב פון די יידישע קאַסן־דאָקטוירים. אין דעם נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגענעם נומער פון דער „רײַכס־אַרבײַטסבלאַט“ (מאַי 1934) איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון ד"ר קאַרשטעדט אונטערן קעפּל „די דורכפירונג פון דער אַריער־ און קאָמוניסטן־געזעצגעבונג בײַ די קאַסן־דאָקטוירים, צאָן־דאָקטוירים אאַז"וו“, ווו עס שטייט:

„בנוגע בערלין איז פאַראַן אַ ידיעה פאַר אָקטאָבער 1933, אַז פון די נאָך פאַראַנענע 3481 קאַסע־דאָקטוירים זײַנען דעמאָלט געווען 1404 דײַטשן און 1888 פרעמדשטאַמיקע; מכּוח די איבעריקע איז געווען אַ ספק. פון די 965 צוגעלאָזענע דאָקטוירים דעם 1טן יאַנואַר 1934 זײַנען געווען ניט־אַריער. פון די צאָלן קאָן מען אָבער נאָך אַרויסדרינגען, אַז לכל־הפחות אַ העלפט פון די דאָקטוירים אאַז"וו, וואָס זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן אין דער ערשטער אינסטאַנץ, האָבן אָנגעגעבן אַפּעלאַציעס. אַזוי האָט בערלין אויסגעשלאָסן סך־הכל 1144 קאַסן־דאָקטוירים; דאָס אַרבעט־מיניסטעריום האָט אין דעם פאַל באַשטימט וועגן 546 אַפּעלאַציעס. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די לעצטע אינסטאַנץ, דער אַרבעט־מיניסטער, האָט נאָכן איבערקוקן די טענות ניט צוגעלאָזן ווײַטער צו דער פּראַקטיק אין די קאַסעס סך־הכל 827 קאַסן־דאָקטוירים; צווישן זיי געפינען זיך

91, וואָס זײַנען ניט צוגעלאָזן געוואָרן איבער זייער קאָמוניסטישער טעטיקייט. ווײַטער האָט די לעצטע אינסטאַנץ אויסגעשלאָסן 174 צאָן־דאָקטוירים (16 איבער קאָמוניסטישע טעטיקייט) און 53 צאָן־טעכניקער (דרײַ). אַרום און אַרום זײַנען אויסגעמעקט געוואָרן פון דער קאַסן־פּראַקטיק, נאָך אַלע אַפּעלאַציעס, בײַ 1000 ניט־אַרישע אָדער קאָמוניסטישע דאָקטוירים. היות ווי אַן אַפּעלאַציע איז אָנגעגעבן געוואָרן אַן ערך אין אַ העלפט פון אַלע פאַלן, ממילא איז געדרונגען, אַז סך־הכל זײַנען אין דײַטשלאַנד אויסגעמעקט געוואָרן פון דער קאַסן־פּראַקטיק ביי 2000 ניט־אַריער אָדער קאָמוניסטן".

פון דעם זעלביקן אַרטיקל ווערט קלאָר, אַז אין קאָמוניזם באַשולדיקט מען יענע יידן, וואָס זייערע רעכט אויף דער קאַסן־פּראַקטיק האָט מען באַשײַמפּערלעך בשום אופן ניט געקאָנט אָפּפרעגן. אַזוי למשל האָט מען זיך צוגעטשעפּעט צו איין יידישן דאָקטאָר און באַשולדיקט אים אין קאָמוניזם אויף דעם סמך, וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ יידישער רעליגיעזער פריימויערער־לאָזשע (בני־ברית).

בכל אופן איז קלאָר, אַז אין גאַנץ דײַטשלאַנד האָבן אָנגעוואָרן די קאַסן־פּראַקטיק אַן ערך 2000 יידישע דאָקטוירים. קיין נײַע יידישע דאָקטוירים וועט מען שוין צו די קאַסעס ניט צולאָזן מער. אָט איז אַ נײַע פאַראָרדענונג אין דער פראַגע:

„וועגן צולאָזונג פון דאָקטוירים צו דער קאַסן־פּראַקטיק האָט דער אַרבעט־מיניסטער אַרויסגעגעבן אַ נײַע פאַראָרדענונג; לויט דער באַאַמטן־געזעצגעבונג ווערן ניט צוגעלאָזן ניט־אַרישע דאָקטוירים און דאָקטוירים מיט ניט־אַרישע פרויען אָדער דאָקטוירים־פרויען פון ניט־אַרישע מענער. די נײַע פאַראָרדענונג באַשטימט צוו"אַ, אַז מען קאָן די צולאָזונג אָפּנעמען, ווען עס ווײַזט זיך אַרויס אַ וויכטיקער גרונד, וואָס איבער אים וואָלט מען בשעתו די פערזאָן ניט באַדאַרפט צולאָזן. אָפּנעמען די צולאָזונג מוז מען אין דעם פאַל, ווען אַ קאַסן־דאָקטאָר האָט חתונה מיט אַ ניט־אַרישן צד. דאָס איז גילטיק אויך פאַר די דאָקטוירים, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט אַ פערזאָן פון ניט־אַרישער אָפּשטאַמונג זינט דעם 1טן יולי 1934" *.

און דער געזעץ וועגן אַפּראָבאַציע מאַכט פאַר אַ יידן אוממעגלעך צו באַקומען דאָס רעכט אויף פּראַקטיק סײַ ווי אַ דאָקטאָר, סײַ ווי

* „Jüdische Rundschau“, 25. V. 1934.

אַ צאָן=דאָקטאָר, סײַ װי אַן אַפּטײקער. די „פראַנקפורטער צײַטונג" פון 15טן אַפּריל 1934 ברענגט די װײַטערדיקע באַשטימונג:

„די אָרדענונג פון עקזאַמענס פאַר דאָקטױרים, צאָן=דאָקטױרים און אַפּטײקערס איז אומגעענדערט געװאָרן דורך אַ פאַראָרדענונג פון אינערן=מיניסטער. די אַפּראָבאַציע פאַר אַ דאָקטאָר װערט, לױט אָט דער נײַער פאָרמולירונג, געגעבן „אַזאַ מלוכה=אָנגעהעריקן, װאָס האָט אױסגעהאַלטן דעם דאָקטאָר=עקזאַמען און האָט אין משך פון דעם פּראַקטישן יאָר אָפּגעהיט אַלע באַשטימונגען". נײַ איז װידער די באַשטימונג, אַז מען דאַרף ניט צולאָזן צו די עקזאַמענס און צו דעם פּראַקטישן יאָר און אױך ניט געבן די אַפּראָבאַציע, „װען עס זײַנען פאַראַן באַרעכטיקטע ספקות אין דער נאַציאָנאַלער אָדער מאָראַלישער פאַרלאָזלעכקײט פון דעם קאַנדידאַט, בפרט װען עס זײַנען פאַראַן שװערע שטראָפרעכטלעכע אָדער מאָראַלישע עבֿרות". אױפן זעלביקן אופן איז רעגולירט געװאָרן די אָרדענונג פון עקזאַמענס פאַר צאָן=דאָקטױרים און אַפּטײקערס".

נאָר אױך קײן צאָן=טעכניקער קאָן קײן ייִד ניט װערן — באַשײַמפּערלעך דערפאַר, װאָס צײנער געמאַכטע פון אַ ניט=אַריער קאָנען האָבן אַ שלעכטע װירקונג אױף דער רײנקײט פון דעם דײַטשן גײַסט פון יענעם אַריער, װאָס װעט די צײנער טראָגן, װאָרעם פּערזענלעך האָט דער צאָן=טעכניקער געװײנטלעך קײן שום מגע ומשא ניט מיטן פּאַציענט. אָט איז די דאָזיקע קלוגע באַשטימונג פון דער טירינגער רעגירונג:

„דאָס טירינגער אינערן=מיניסטעריום האָט אַרױסגעלאָזן אַ פאַראָרדענונג אומצובײַטן די אָרדענונג פון עקזאַמענס פאַר צאָן=טעכניקער, דערבײַ איז פאַר' 2 פּונקט 1 פון דער דאָזיקער עקזאַמען=אָרדענונג פאָרמולירט אַזױ: צום עקזאַמען װערן צוגעלאָזן נאָר פּערזאָנען, װאָס זײַנען פון אַרישער אָפּשטאַמונג. די ניט=אַרישע אָפּשטאַמונג איז קײן שטער ניט פאַר דער צולאָזונג, אױבֿ דער קאַנדידאַט האָט זיך אין דער װעלט=מלחמה באַטײליקט אױפן פראָנט אָדער אין אַן עפּידעמישן לאַזאַרעט אױפן צד פון דײַטשלאַנד אָדער פון אירע פאַרבינדעטע, אָדער װען דער קאַנדידאַט איז אַ פאָטער אָדער אַ מוטער, אָדער אַ זון אָדער אַ טאָכטער, אָדער אַ װײַב פון אײנעם, װאָס איז געפאַלן אין דער װעלט=מלחמה" *.

---

* Israelitisches Familienblatt 29. III. 1934.

מיר האָבן געבראַכט ביז איצט כּלערליי געזעצן, באַשטימונגען און דערקלערונגען, וואָס זײַנען אויסן וואָס גיכער און וואָס גרונטיקער אַרויסצושטופּן די יידישע דאָקטוירים. נאָך דערצו מוז מען נאָך צוגעבן די העצע מצד די ניט־יידישע קאָלעגן, רדיפות, כּלערליי נגישות, פאַר־אָרדענונגען פון אָרטיקע רעגירונגס־קאָמיסאַרן, — און מיר וועלן קומען צום אויספיר, אַז חוץ די עמיגרירטע יידישע דאָקטוירים זײַנען פאַר־משפּט אויף הונגער און זײַנען געצוווּנגען צו זוכן זיך נײַע וועגן אין לעבן לכל־הפּחות 5000 יידישע דאָקטוירים, און צוזאַמען מיט די צאָן־דאָקטוירים, צאָן־טעכניקערס און אַפּטייקערס — ניט ווייניקער פון 6000 — 6500 מענטשן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַלע יידן, וואָס האָבן פאַרנומען פּאָסטנס פון נידעריקן מעדיצינישן פּערסאָנאַל, ווי קראַנקן־שוועסטער, פעלדשערס וכדו׳ — אַזעלכע זײַנען געווען אין דײַטשלאַנד בײַ אַ 1000 — ווי ווײַט זיי האָבן געדינט אין מלוכהשע און קאָמונאַלע אַנשטאַלטן, זײַנען זיי געבליבן אָן שטעלעס. מיר האַלטן, אַז אַזעלכע זײַנען אויך געווען אַ 500 מאַן. סך הכּל באַקומט זיך אַ מעדיצין־אַרמיי פון 6500 — 7000 מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָרן די מיטלען צום לעבן.

פון 3000 יידישע אַרטיסטן, מוזיקאַנטן און זינגערס זײַנען סוף 1932 איבער 1000 געווען אָן אַרבעט. שפּירנדיק פאָרויס דעם נצחון פון דער „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע”, האָבן די דירעקטאָרן פון די שטאָטישע און מלוכהשע טעאַטערס, וואָס מאַכן אויס בײַ 70% פון אַלע טעאַטערס, אָנגעהויבן דורכצופירן אַ נאַציאָנאַלן קורס, ד״ה אָפּזאָגן יידן. פאַרן לעצטן יאָר איז דאָס טעאַטער־וועזן, און דאָס פילם־געשעפט, דערפירט געוואָרן צום ראַנד פון אונטערגאַנג. אַזוי זײַנען אין 1932 געווען אין דײַטשלאַנד 402 טעאַ־טערס און 5000 קינאָס; איצט זײַנען געבליבן 126 טעאַטערס און 3700 קינאָס. פון 77 פילם־געזעלשאַפטן זײַנען געבליבן גאַנץ נאָר 37. אין אַלע טע־אַטערס און קינאָס זײַנען אין 1932 געווען פאַרנומען 13.000 אַרטיסטן און 40.000 אָנגעשטעלטע, און אָנהייב 1934 4.600 אַרטיסטן און 18.700 אָנגע־שטעלטע. די פאַרשקלאַווטע פּרעסע פאַרשווײַגט דעם באַנקראָט פון דעם צווײַג, וואָס געפינט זיך אונטער געבעלסעס פירונג, און אָט האָט דער זשורנאַל „די טאַט” גענומען און אויסגעזאָגט דעם סוד, וואָס איז אַזוי טרויעריק פאַרן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער. אָט וואָס עס שרײַבט „די טאַט”: „די טעאַטערס מיט אַ ציל־באַוווּסטער, אויפבויענדיקער פּראָגראַם שטייען איצט ליידיק. דאָס פאַרמעגלעכע בירגערטום האַלט זיך אויסוואַרטנדיק, סקעפּטיש, ווינציק אַקטיוו לגבי די נײַע זאַכן, וואָס

זײַנען אַרויס דאָס יאָר. די פֿאַרלאַגן האָט דערפֿון צו זינגען און
צו זאָגן" *.

איבעריק צו זאָגן, אַז כּמעט אַלע יידישע טעאַטערס= און קינאָ=
אונטערנעמערס האָבן זייערע געשעפֿטן ליקווידירט, און דאָס מיינט, אַז
הונדערטער, און אפשר טויזנטער יידישע אָנגעשטעלטע זײַנען געבליבן
אָן ברויט און אָן האָפֿענונג אָנצוקומען ערגעץ. דאָס=רוב יידישע אַרטיסטן,
מוזיקאַנטן און זינגערס זײַנען אויך פֿריער געווען פֿאַרנומען על=פּי=רוב
אין אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהערט צו יידן. נאָר ניט ווייניק
יידן זײַנען געווען אין שטאָטישע און מלוכהשע טעאַטערס. אין אָנהייב
פֿון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע האָט מען גענומען אַראָפּשלעפּן די
יידישע אַרטיסטן פֿון דער סצענע, שלאָגן זיי און אַרויסטרײַבן; עס
געדענקט זיך נאָך, ווי רציחותדיק מען האָט צעשלאָגן און דערהרגעט
ביז טויט דעם יידישן אינטענדאַנט פֿון ברעסלער שטאָטישן טע=
אַטער. נאָר אין אָט דער גאַנצער אַכזריותדיקער, געמיינער „קולטור"=
פּאָליטיק האָט דער בייזער גײַסט פֿון דעם ריין אַרישן דײַטשלאַנד
געבעלס, דער אויפֿטוער פֿון דער דאָזיקער פּאָליטיק, פּאָרט ניט פֿאַר=
געסן די קאַסע=אינטערעסן פֿון די טעאַטערס און האָט זיך געמאַכט ניט
זעענדיק די „יידישע ראַסע" פֿון אַ סך אַרטיסטן, וואָס לאָזן זיך ניט
פֿאַרבײַטן. אַזוי האָבן אין בערלינער מלוכה=אָפּערע און אין די באַ=
רימטע „ביירויטער שפּילן" געזונגען דאָס גאַנצע יאָר צוויי „מיאוסע"
מזרח=יידן — אַלכּסנדר קיפּניס און עמנואל ליסט, — ביידע מיט קלאָר
אויסגעדריקטע יידישע פּנימער און מיט אַ נאָך קלאָרערן אַקצענט פֿון
קינדער פֿון רוסישן געטאָ. און דער „קולטורעלער" מיניסטער פֿון „אויפֿ=
געלעבטן" דײַטשלאַנד וואָלט מסתּמא אויך ווײַטער געמאַכט דעם אָנ=
שטעל, אַז ער באַמערקט כּלומרשט ניט די דאָזיקע „אָסט=יודען", נאָר זיי
אַליין האָבן, נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעלאָפֿן זייער קאָנטראַקט, זיך צע=
שיידט מיט דײַטשלאַנד. געשפּילט ווײַטער האָבן נאָך גרעטע מאָסהיים,
לוסיע ענגליש, ווילי ראָזען (קאָמפּאָזיטאָר פֿון שאַנסאָנס) און נאָך אַ פּאָר
טאַלענטפֿולע אָדער שטאַרק נייטיקע יידישע טעאַטראַלע כּוחות. נאָך
אין יאַנואַר 1934 האָט די קיניגסבערגער אָפּערע אַנגאַזשירט די יידישע
סאָפּראַנאָ=זינגערין מאַרגאַרעטע קובאַצקי אויפֿן סעזאָן 1934/35 און דעם
באַרימטן רודאָלף גאָנטשאַר אויפֿן זעלביקן סעזאָן. די גרויסע מאַסע פֿון
מיטעלע און אונטער=מיטעלע יידישע אַרטיסטן און אַ באַדײַטיקע צאָל
פֿון טאַלענטירטע און מער ווי טאַלענטירטע יידישע אַרטיסטישע קרעפֿטן

---

* „Die Tat", Berlin, 1934, II, p. 908.

זײַנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, — אויף די סצענעס פון די דײַטשע טעאַטערס זײַנען נאָך פאָרט געבליבן עטלעכע צענדליק ייִדן. נאָר דער דײַטשער גײַסט, דער „אומבאַפלעקטער דײַטשער" גײַסט איז געראַטעוועט. געבעלס האָט די טעג, מאַי 1934, אַרויסגעגעבן אַזאַ פאַראָרדענונג:

„אַלץ מער זעט מען, ווי ניט-אַריער, וואָס זײַנען שוין געווען פאַרשוווּנדן און צום גרעסטן טייל אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, טרעטן ווידער אַרויס אין טעאַטערס, וואַריעטעס, קאַבאַרעטן אאַז"וו. איך ווײַז אָן דערויף, אַז דאָס אַרויסטרעטן אויף דײַטשע בינעס איז אָפּהענגיק פון דער צוגעהעריקייט צו איינעם פון די פאַך-פאַרבאַנדן פון דער מלוכהשער טעאַטער-קאַמער (פּאַר' 4 פון דער אויספיר-פאַראָרדענונג צום רײַכס-קולטור-קאַמער-געזעץ, רײַכס-געזעצבלאַט, I, ז' 797) און אַז ניט-אַריער ווערן לויט פּאַר' 10 פון דער אָנגעוויזענער פאַראָרדענונג בדרך-כּלל אין די דאָזיקע פאַרבאַנדן ניט אָנגענומען. איך בעט דעריבער, מען זאָל די פּאָליצייִשע אָרגאַנען באַפעלן, אין אַלע די געהעריקע פאַלן צו פאָדערן דעם באַווײַז פון דער צוגעהעריקייט צום פאַרבאַנד, און ווען אַזאַ באַווײַז ווערט ניט געבראַכט, זאָלן זיי פאַרבאָטן די פּערזאָנען אַרויסצוטרעטן. ווייטער מאַך איך אויפמערקזאַם, אַז אין יענע פאַלן, ווען עס ווערט באַוויזן די צוגעהעריקייט צום פאַרבאַנד, זאָל מען וועגן דעם געבן צו וויסן דעם פּרעזידענט פון רײַכסטעאַטער-קאַמער, בכדי מען זאָל די זאַך אויספאָרשן.

„איך בעט, אַז מען זאָל שטרענג אויספירן מײַן פאַרלאַנג. עס טאָר ניט פאָרקומען, אַז דאָס פּובליקום זאָל זיך מיט די אייגענע מיטלען דאַרפן באַשיצן קעגן דעם אַרויסטריט פון יענע עלעמענטן, וואָס עס האָט גערעכנט, אַז עס איז פון זיי שוין פּטור געוואָרן".

באַלד נאָך דעם האָט זיך באַוויזן די ווײַטערדיקע מיטטיילונג:

„אין די פאַרעפנטלעכונגען פון דעם קאַמף-בונד פאַר דײַטשער קולטור און פון דעם רײַכס-פאַרבאַנד „דײַטשע בינע" ווערט אָנגעוויזן, ווערליג עס מעלדעט דאָס „ביוראָ פון דעם פאַראיין פון די דײַטשע צײַטונגס-פאַרלעגערס", אויף איין אָרט פון דער גרויסער רעדע פון דעם פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטער ד"ר געבעלס אין ספּאָרט-פּאַלאַץ, וואָס איז שייך צו דער י י ד י ש ע ר פראַגע. דער מיניסטער האָט צוו"א באַמערקט, אַז די ייִדן זאָלן באַטראַכטן די דאָזיקע ווערטער „ווי די לעצטע התראה". דערצו באַמערקן די דערמאָנטע אינסטיטוציעס, אַז עס איז פון מאַסגעביקער זײַט געזאָגט געוואָרן אַ בייטיק וואָרט אין דער בייטיקער צײַט. — מיר ווילן ניט האָבן קיין ייִדן ניט בלויז ווי אַקטיאָרן און זינגערס, נאָר אויך ווי אויטאָרן און קאָמפּאָזיטאָרן. אויך ווי דיכטערס פון טעקסט

אין מוזיקאַלישע פּיעסעס ווילן מיר קיין יידן ניט האָבן, פּונקט ווי רע=
זשיסערן און בינע=מאָלערס. מיר וואַרפן אָפּ אָן קאָמפּראָמיסן אויך יענע
יידן=שטאַמיקע, וואָס מיינען, אַז זיי מעגן אומבאַשטראָפט טרייבן
פּערזאָנען= און שפּילפּלאַן=פּאָליטיק אויף זייטיקע וועגן אָדער אויף
הינטערשטע הויפן ווי אַזוי גערופענע פּראָנט=אַריער. דאָס אייגענע
וואַרפן מיר אָפּ פון דייטשע בינעס יענע אַלע מענטשן, וואָס זיינען נאָך
היינט באַפריינדעט מיט יידישע קרייזן אָדער מער אָדער
ווייניקער פאַרהייראַט מיט זיי, זיי מעגן זיך נאָך זיין ווי גרויסע
„קענערס". *

דערפון איז קלאָר, אַז אין דער טעאַטער=קונסט וועלן גאָר גיך
ליקווידירט ווערן אַלע יידן, אַפילו די בר=מזלס, וואָס האָבן פאַרלאָרן
זייערע פּאָסטערס אויפן פראָנט אָדער אַן אייגענעם פוס, אַ האַנט. דאָס
מוז מען אָננעמען פאַר זיכער נאָך מער דערפאַר, וואָס די טעג איז
אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ נייער געזעץ, וואָס שטעלט אַוועק אונטער גע=
בעלסעס דירעקטן קאָנטראָל אויך אַלע פּריוואַטע טעאַטערס פון דייטש=
לאַנד. מען מעג דעריבער בנוגע צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע יידישער
אינטעליגענץ רעדן וועגן אַ הונדערט=פּראָצענטיקער אַרבעטלאָזיקייט, ניט
צו רעכענען די עטלעכע הונדערט פּערזאָנען, וואָס זיינען באַשעפטיקט
אין די טעאַטערס פון יידישן „קולטור=בונד".

דאָס בילד, ווי אַזוי עס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשן
טעאַטער די יידן, וואָס האָבן פאַר די לעצטע 50 יאָר געגעבן אַ פלע=
יאַדע פון גלענצנדע, שיער ניט געניאַלע רעזשיסערן, אַרטיסטן און אַר=
טיסטינס, וואָס אַ דאַנק זיי איז בערלין געוואָרן אַ וועלט=צענטער און
געזעצגעבערין אין טעאַטער=קונסט, און וואָס נאָכדעם ווי זיי זיינען
פאַרטריבן געוואָרן, איז בערלין אויסגעליידיקט און ממש אַ מדבר גע=
וואָרן—דאָס דאָזיקע בילד פון געמיינער, ביטערער נקמה מצד אַ הייפל טאַ=
לענט לאָזיקייטן וואָלט געווען ניט פול, ווען מיר וואָלטן ניט דערמאָנט דעם
חוזק=פּאַרס פון דעם הער פּראָפּאַגאַנדע=מיניסטער געבעלס. היות ווי אויך
די יידישע טעאַטערס געפינען זיך אונטער זיין רשות, און פון אים איז
געווענדט די באַשטימונג פון דעם אינטענדאַנט, פון דעם רעזשיסער, פון
די הויפּט=אַקטיאָרן און אויך די באַשטימונג פון דער פּיעסע, וואָס דאַרף
געשטעלט ווערן! — האָט ער גענומען און באַשטימט פון זיך אַ ספּעציעלן
פאַרטרעטער, וואָס זאָל האָבן די השגחה איבער די יידישע טעאַטערס,
און אויסגעקליבן האָט ער פאַרן דאָזיקן פאַרטרעטער דעם באַוווסטן נאַ=

* Israelitisches Familienblatt, 24. V. 1934.

ציאָנאַל=סאָציאַליסטישן פּאָעט בראָנען, דאָס איז דער זעלביקער פאַרשוין, וואָס האָט זיך דערשלאָגן, אַז מען זאָל אָנערקענען זײַן אַרישע ריינקייט דורך דעם וואָס ער האָט עפנטלעך געמאָלדן, אַז זײַן אַרישע מוטער האָט געפעלשט אין איר יידישן מאַן — און אַז ער, בראָנען, איז אַ ממזר, דערפאַר אָבער אַ ריין=בלוטיקער אַריער.

וועגן אַ הונדערט=פּראָצענטיקער אַרבעטלאָזיקייט מעג מען רעדן אויך בנוגע די יידישע רעדאַקטאָרן, שרייבערס, זשורנאַליסטן. חוץ איי=ניקע געציילטע זשורנאַליסטן, וואָס מען האָט מיט אַ כּיוון געלאָזן אין צוויי=דרײַ צײַטונגען, מיט אַ וועלט=נאָמען, און וואָס האָבן באַוויזן צו ראַטעווען זייער עקסיסטענץ דורך אידעיִשן זעלבסטמאָרד, זײַנען אַלע יידישע פּען=אַרבעטער פאַרמשפּט בפּועל ממש אויף הונגער.

ניט צו באַשרײַבן איז די טראַגעדיע פון די יידישע געלערנטע און פּראָפעסאָרן, וואָס צווישן זיי זײַנען פאַראַן צענדליגער מיט אַ וועלט=נאָמען, געלערנטע, וואָס האָבן געוואַלדיקע פאַרדינסטן פאַר דער וויסנשאַפט. עס זיינען פאַרטריבן געוואָרן הונדערטער יידישע פּראָפעסאָרן און געלערנטע. דער לאָנדאָנער הילפס=קאָמיטעט פאַר אַקאַדעמיקער (Academic Assistance Council), וואָס פאַרנעמט זיך מיט אײַנאָרדענען די געליטענע פּראָפעסאָרן, האָט אין סעפּטעמבער 1933 אָפּגעדרוקט אַ רשימה פון 750 פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע קאַטעדרעס. עס איז שווער פעסטצושטעלן, וויפיל פון זיי זיינען יידן. די רשימה פון די לעקציעס פון בערלינער אוניווערסיטעט פאַרן ווינטער=סעמעסטער 1933 — 1934 האָט ביי 171 דאָצענטן די אָנמערקונגען „אין אורלויב″, „לייענט ניט″, „לייענט ניט מער″. אין דעם „Internazionales Aerztliches Bulletin“ וואָס גייט אַרויס אין פּראָג, העפט 2 1934, זײַנען אָפּגעדרוקט די נעמען פון 115 פּראָפעסאָרן, בלויז פון מעדיצין אַליין, וואָס מען האָט בײַ זיי צוגענומען די קאַטעדרעס. צווישן די 115 האָבן מיר געפונען 63 וואָס זײַנען בלי=ספק יידן, ד״ה 55%. אָבער מיר זײַנען זיכער, אַז דער פּראָצענט יידן צווישן די פאַרטריבענע דײַטשע הויכשול=לערערס איז אַ סך העכער און דערגרייכט ביז $^3/_4$ פון אַלע פאַרטריבענע. היות ווי סך=הכּל זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון אַלע הויכשולן בײַ אַ טויזנט פּראָפעסאָרן, ממילא זײַנען צווישן זיי געווען געליטענע יידן אַרום 750. הונדערטער יידישע פּראָפעסאָרן ספּעציאַליסטן פון פאַרשיידענע געביטן, וואָס פון זיי זײַנען אַ סך געשטאַנען צענדליגער יאָרן בראש פון דײַטשע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס אַ סך פון זיי האָבן געמאַכט די ווערט=פולסטע וויסנשאַפטלעכע ערפינדונגען און האָבן ניט ווייניק צוגעדינט דײַטשלאַנד בעת דער מלחמה, — האָבן איצט געמוזט זיך אַוועקלאָזן

איבער דער וועלט זוכן אַ מקום=מקלט, זוכן טרייסט אין נײַער אַרבעט, זוכן אַ שטיקל ברויט פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע משפּחות.

עס איז איצט ניטאָ אַזאַ פֿאַרוואָרפֿענער העק, ווו עס זאָל ניט זײַן קיין פֿאָרשטייער פֿון אָט דער קאַטעגאָריע מענטשן, — די קרבנות פֿון ווילדער, צעלאָזענער רשעות פֿון אַ הײַפֿל פֿאַרכאַפּערס, אַ הײַפֿל מאַניאַקעס, וואָס זײַנען משוגע אויף ראַסן=שנאה.

ניט אויסרעכענענדיק אַלע גרופּעס פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זײַנען אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס אין איר האָבן זיי און זייערע עלטערן געאַרבעט אין משך פֿון דרײַ=פֿיר דורות, און וואָס זײַנען אויך געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, וואָרעם דער גרעסטער רוב פֿון די דאָזיקע מענטשן האָבן פֿאַרדינט נאָר אויף חיונה, און בײַ די, וואָס האָבן עפּעס אָפּגעשפּאָרט, האָט די היטלער=רעגירונג צוגענומען זייער אייגנס, מעג מען זאָגן, אַז אין גאַנץ דײַטשלאַנד זײַנען געבליבן אָן פּרנסה בײַ 25.000 יידישע אינטעליגענטן (צוזאַמען מיט די געזעלשאַפֿטלעכע אָנגעשטעלטע). זיי זײַנען אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל פֿון דער סביבה, וואָס זיי האָבן געבילדעט אַן אָרגאַנישן טייל פֿון איר, זיי זײַנען געצווונגען אָנצוהייבן מיט איין מאָל אַ נײַ לעבן. מיט די משפּחות מאַכט דאָס אויס אַ מאַסע פֿון 60.000—70.000 נפֿשות, וואָס די „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע" האָט זיי אַרײַנגעשלײַדערט אין מאַטעריעלן דלות און אין גײַסטיקן יאוש.

אַ קלענערער טייל האָט עמיגרירט, וואָגלט אַרום איבער דער וועלט, פֿירט אַ פֿאַריאושטן קאַמף פֿאַרן קיום; נאָר דער גרעסטער טייל איז דערווײַל געבליבן אין דײַטשלאַנד. אָט וואָס עס שרײַבט וועגן זיי דער זשורנאַל „דער מאָרגן", וואָס גייט אַרויס אין בערלין: „אַ דאָקטאָר, אויסגעשלאָסן פֿון דער קאַסן=פּראַקטיק, וואָס קען ניט עקסיסטירן פֿון דער הכנסה פֿון זײַן פּריוואַטער פּראַקטיק און גייט אַרום פֿאַרקויפֿן קראַוואַטן, אַ געוועזענער אַדוואָקאַט, וואָס הייבט אָן האַנדלען מיט זייף, אַ שריפֿטשטעלער, וואָס מוז אָנקומען צו קיצבה — דאָס זײַנען ניט קיין איינצלנע פֿאַלן, נאָר טויזנטער" *. אַ שוידערלעך בילד פֿון נויט שילדערט די „צ.=פֿ.=צײַטונג" פֿון 17טן מאַי 1934. עס גייט די רייד וועגן אַ יידישן דאָקטאָר, וואָס איז ערשט אַלט 30 יאָר און האָט ניט געהאַט דאָס גליק צו פֿאַרלירן אַן אויג אָדער אַ פֿוס אין דער מלחמה: „און דערפֿאַר האָב איך מער ניט קיין קאַסן=פּראַקטיק". אויף דער פֿראַגע וועגן דער פּריוואַטער פּראַקטיק האָט דער דאָקטאָר געענטפֿערט: „זייער

* Der Morgen, Berlin, Mai 1934, p. 520.

שוואַך. דאָ אין אָט דער געגנט"... אויף דער פראַגע, ווי אַזוי קומט ער פאָרט אויס מיט זײַן פאַמיליע, האָט ער געענטפערט, אַז זײַן פרוי אַרבעט, און אַז „אַמאָל איז פאַראַן אַפילו צו שרײַבֿן אַדרעסן". און ווײַטער: „ווען עס זאָל אונז געראָטן צו פאַרדינען צוזאַמען 120 מאַרק, חוץ דירה=געלט, קאָנען מיר שוין לכל הפחות עסן צו זאַט. אין די לעצטע צען חדשים האָט זיך דאָס ניט מער אײַנגעגעבן". די פאַמיליע פון דעם דאָזיקן דאָקטאָר באַשטייט פון פינף נפשות, אָבער זי איז ניט קיין אויסנאַם: „איך בין ניט קיין אויסנאַם=פאַל. גיכער איז אַן אויסנאַם=פאַל אַזאַ יידישער דאָקטאָר, וואָס קאָן לעבן אָנשטענדיק. עס איז ניט כדאי צו מאַכן זיך אילוזיעס". ווײַטער אין דעם זעלביקן אַרטיקל: „כמעט קיין איין יידישער מחבר פאַרדינט גאָרנישט בײַ די דײַטשע צײַטונגען. די יידישע צײַטונגען ווידער קאָנען, וועדליג זייער צאָל, וועדליג די פאַרהעלטענישן פון אָרט, טיראַזש און אינטערעסן, אויסגלײַכן קוים אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס עס האָבן פריער געקענט דרוקן פון יידישע שרײַבערס די צען מאָל אַזוי פיל צײַטונגען מיט הונדערט מאָל אַזאַ גרויסן טיראַזש בײַ צען מאָל אָפטערן ערשײַנען און דרײַ מאָל אַזאַ גרויסן האָנאָראַר. פון וואָס לעבן איצט די יידישע שרײַבערס, זשורנאַליסטן און רעדאַקטאָרן, וואָס זײַנען אָפגעזאָגט געוואָרן (איך מיין, כמעט אָן אויסנאַם) פון זייערע שטעלעס? מען מוז זען, ווי אַזוי זיי לעבן, און דעמאָלט וועט מען די פראַגע: פון וואָס? אַראָפּשלינגען. מען דאַרף וויסן, אַז זשורנאַליסטן מיט אַ סטאַזש און מיט אַ נאָמען זײַנען איצט מער ניט אין שטאַנד אַפילו צו אַבאָנירן די צײַטונגען, וואָס זיי אַליין האָבן געהאָלפן זיי גרויס צו מאַכן". און דער מחבר דערציילט מיט באַפרידיקונג, אַז „ניט ווײַט פון דעם האַלענזעער בריק אין בערלין געפינט זיך אַן אונטערנעמונג, וואָס לאָזט אויך *ניט=אַריער* שרײַבן אַדרעסן. ווען מען שרײַבט אָן טויזנט אַדרעסן, באַקומט מען אַזוי פיל, אַז מען קאָן דערפון לעבן אַ טאָג. אָבער בײַ צען שעה אַרבעט מאַכט מען על פי רוב פאַרטיק נאָר זיבן הונדערט אַדרעסן. בכל אופן איז די דאָזיקע אונטערנעמונג ניט אומצופרידן מיט אירע ניט=אַרישע צײַטווײַליקע אַרבעטער. דאָס זײַנען אינטעליגענטע מענטשן, האָט מען מיר געזאָגט, *שרײַבערס, אַרטיסטן, אַקאַדעמיקער*. זיי אַרבעטן זויבער, גיך און שטיל". *

אָט דאָס איז די נאַקעטעווירקלעכקייט. דאָס איז די לאַגע פון פאַמיליען=פאָטערס און מוטערס.

---

* C.-V.-Zeitung, Berlin, 17.V.1934.

וואָס זשע טוט זיך מיטן יונגן דור?

היטלער, פונקט ווי יענער שונא ישראל פון דער אַלטער, ניט־גערמאַנישער ראַסע, פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז די צוקונפט פון איטלעכן פאָלק איז זײַן יונגער דור — יענער האָט באַפוילן צו טייטן אַלע יידישע ייִנגלעך, און דער הייסט לאָזן פאַרהונגערן די גאַנצע יידישע יוגנט, וואָרעם די אַלע „הומאַנע” הנחות — די סימנים פון אַ געוויסער שוואַכקייט און נאָכגעביקייט מצד אָט די רשעותדיקע בעל־מקנאדיקע רעגירערס — זײַנען שייך נאָר צום עלטערן דור; דער יונגער דור אָבער, וואָס איז ניט געבאָרן געוואָרן באַצייטנס גענוג, בכדי צו קאָנען אָנהייבן זײַן פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט נאָך פאַר דער מלחמה אָדער צו באַטייליקן זיך אין די שלאַכטן, — דער קאָן גאָר ניט חלומען אַפילו צו ווערן אין דײַטשלאַנד אַ דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט. אָבער אויך אַלע איבעריקע פּראָפעסיעס, סײַ אינטעליגענטע, סײַ פיזישע, זײַנען כמעט פאַרשלאָסן פאַרן אונטערוואַקסנדיקן יידישן דור. וואָרעם די היטלערישע רעגירונג פירט אַ קאַמף ניט קעגן דער ווירקונג פון יידן אין גײַסטיקן לעבן פון דײַטשלאַנד, ניט קעגן דער הערשאַפט פון יידן אין האַנדל, ניט קעגן דער פאַרהערשאַפט פון יידן אויף דעם אָדער יענעם געביט, נאָר קעגן זייער עקסיסטענץ בכלל.

אָבער נאָך זײַנען די כוחות ניט אויסגעגאַנגען אַפילו בײַם פיזיש אָפּגעשוואַכטן און גייסטיק איבערגעלאָדענעם דײַטשן יידנטום. אויף די פעלדער און פרדסים, אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון ארץ־ישראל אַרבעטן טויזנטער דײַטשע יידן — צווישן זיי אַ סך געוועזענע סטודענטן, גימנאַזיסטן, געוועזענע דײַטשע פּאָעטן, רעדאַקטאָרן, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן און אַרטיסטינס. אין דער צפונדיקער ריגע, אין דעם פאַרוואָרפענעם ליטווישן העק ווילקאָווישק, אין די „אָרט”־וואַרשטאַטן אין קאָוונע, אין האָלאַנד, אין פראַנקרײַך, אין בעלגיע און אין אַ סך אַנדערע לענדער און שטעט מיען זיך הונדערטער יונגע דײַטשע יידן — בחורים און מיידלעך — צו געוויינען זיך צו נײַע לעבנס־פאָרמען — צו פיזישער אַרבעט און צו אַ קאָלעקטיוון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן ווילן. און אין דײַטשלאַנד גופא זײַנען ביז 6.000 יידן פאַרכאַפּט פון דער „אומשיכטונג”־אַרבעט. ווער איז דאָרט אַלץ ניטאָ? אַרטיסטן, געוועזענע באַנק־און פאַבריק־דירעקטאָרן, דאָקטוירים און יוריסטן, געוועזענע ריכטערס און פּראָקוראָרן, און מער פון אַלץ יוגנט. וואָס איז, — אויף להכעיס דעם ביטערן מזל און היטלערס רשעות — לחלוטין ניט געבראָכן ניט פיזיש, ניט גײַסטיק, וואָס אַרבעט מיט אַלע כוחות, מיט אַ באַנײַטן גלויבן אין דער צוקונפט פון איר פאָלק און אַ פאַרבאָרגע־

BIBLIOTECA

נער האָפענונג אויף בעסערע צײַטן אויף פאַרן פאַרשקלאַוווטן און דערנידעריקטן דײַטשלאַנד; אַזוי שמידט זי און גרייט אַ באַנײַט בעסער לעבן פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות.

* * *

דאָס בילד וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט איז אַרויסגעקומען זייער אַ פינסטערס, שיער ניט אָן אַן אויסוועג און אַן האָפענונג. דאָס יידנטום ליגט איצט אין צוואַנגען, וואָס זײַנען עלול דאָס צו דערשטיקן. אייראָפע, וואָס האָט נאָך איצט בײַ 2/8 פון דעם וועלט=יידנטום, איז אַרומגעכאַפט מיט אַ פלאַם פון נאַציאָנאַלן קאַמף, וואָס האָט נאָך זײַן גלײַכן ניט געהאַט און וואָס שטרעבט אַ פנים צו פאַרענדיקן יענע טענדענץ פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט צונויפצוגיסן די מלוכה מיט דער נאַציע. פון דער צווייטער זײַט איז זי אַרומגעכאַפט פון אַ פלאַם פון אַ ניט=ווינציקער פאַרביטערטן קלאַסן=קאַמף, וואָס אין אים זײַנען ביז איצט דערווײַל די זיגער די מיטעלע קלאַסן, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט אין דעם רוב לענדער אַן עקאָנאָמיש=פאָליטישע אָרדענונג אויפן פרינציפ פון נאַציאָנאַלער אָפגעזונדערטקייט און אויסשליסלעכקייט, אויפן פרינציפ פון אַ נאַציאָנאַלער צוואַנג=אָרגאַניזאַציע (שטאַנדן=מלוכה). עס איז נאַטירלעך, וואָס דער יידישער פאָלקס=מיעוט, וואָס האָט ניט קיין טעריטאָריע און קיין מלוכה, וואָס איז נאָך דערצו איבערגעלאָדן מיט מיטעלע קלאַסן, האָט געמוזט ווערן איזאָלירט און אַרויסגעשטופט פון יענעם סאָציאַל=עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, וואָס ס'האָט אין אים נאָך אַזעלכע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען גענומען אַרײַנוואַקסן. דאָס איז דער מצב אין אייראָפע. די נאַציאָנאַל פאַרשיידנאַרטיקע אַמעריקע, וואָס איז דער צווייטער צענטער פון יידנטום (30 פראָצענט פון וועלט=יידנטום), לעבט איבער צוגלײַך מיט אייראָפע יענעם שווערן קריזיס, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט דורכן צעפאַל פון קאַפיטאַליזם, — און דעריבער קאָן זי מער ווײַטער ניט אויפזייגן די מאַסן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר איבעריק אין אייראָפע. חוץ דעם, געפינט זי זיך אַליין אין פראָצעס פון זוכן אַ קאָמפראָמיס צווישן די פריוואַט=אייגנטימערישע פרינציפן פון ריינעם קאַפיטאַליזם מיטן צוואַנג= און פלאַן=כאַראַקטער פון סאָציאַליזם, אָדער פון פאַשיזם, וואָס פאַרווירקלעכט דעם צוואַנג=פרינציפ אָן פלאַנמעסיקייט. אויך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום — עס גייט ניט אַרײַן אין פלאַן פון אונזער אַרבעט — לעבט איבער אַ ספעציפישן קריזיס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער איבערגעלאָדנקייט מיט מיטעלע

קלאַסן, וואָס זײַנען שוין דעקלאַסירט אָדער וואָס זײַנען אומאויסמײַדלעך פאַרמשפט דעקלאַסירט אָדער פּראָלעטאַריזירט צו ווערן. מיר האָבן אין דער איצטיקער אַרבעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַ באַשטימטער טעמע — די ווירקונג פון דער פאַשיסטישער תקופה אויפן גורל פון יידנטום — ניט געקאָנט צוגלײַך באַטראַכטן אויך דעם גורל פון רוסלענדישן און פון ארץ־ישראלדיקן יידנטום.

דער גרעסטער טייל פון אייראָפּעיִשן יידנטום געפינט זיך איצט אין קלעם פון פאַשיזם, — צי אַ הונדערט־פּראָצענטיקן אָדער אַ ווינציקער אויסגעהאַלטענעם, דאָס איז פאַרן עקאָנאָמישן גורל פון יידן כמעט קיין חילוק ניט. ווו איז דער אויסוועג? און צי איז בכלל פאַראַן אַן אויסוועג? דעם ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגעס באַדאַרף געבן די פּאָליטיק. מיר קאָנען נאָר זאָגן, אַז אויף זײַן יאָרהונדערטער לאַנגן היסטאָרישן וועג איז דאָס יידנטום שוין ניט איין מאָל געווען אין אַזאַ געפערלעכער און געדריקטער לאַגע, און עס איז אַלע מאָל אַרויסגעגאַנגען געשטאַרקט און געלײַטערט פון די שווערע נסיונות.

---

BIBLIOTECA
"J. B. TAFELOV"
ביבליאָטעק
"י. ב. טאַפּעלאָוו"